Inv. 10.90

זשול ווערן

# א רייזע
# אונטער דער ערד

יידיש: א. ג.

פאַרלאַג א. גיטלין

1930 וואַרשא

TARTU ÜLIKOOLI
RAAMATUKOGU

DRUK. B. [illegible] WARSZAWA, [illegible]

## קאפיטל איינס

# וועגן דעם פראפעסאר לידענבראק און זיין ברודערזון.

זונטיק, דעם פיר-און-צוואנציקסטן מאי 1863 איז פלוצלונג אריינגעלאפן מיין פעטער, דער פראפעסאר לידענבראק, צו זיך אין שטיבל אריין, וואס געפינט זיך אויף דער קעניג-גאס נומ. 14, אין איינעם פון די עלטסטע קווארטאלן אין האמבורג.

די דינסט האט זיך זייער דערשראקן, וואס ער איז אזוי פרי אריינגעקומען, ווייל דער מיטאג איז נאך נישט געווען פארטיק.

— וואס וועט עס זיין? — האב איך א טראכט געטאן — אויב דער פעטער איז טאקע הונגעריק, וועט ערשט זיין א חתונה!

— הער לידענבראק איז שוין געקומען! — האט אויסגעשריען די פארצווייפלטע מארטע, אריינגייענדיק אין עס-צימער.

— יא, מארטע, — האב איך געענטפערט, בארויקנדיק די אלטע דינסט — אבער דער מיטאג מעג נאך זיין נישט פארטיק, ווייל עס פעלט נאך א האלבע שעה צו צוויי.

— טא פארוואס-זשע איז שוין דער הער לידענבראק געקומען?

— דאס וועט ער אונז תיכף זאגן.

— אט גייט ער שוין אריין! הער אקסעל, זייט אזוי גוט און גיט אים צו פארשטיין! איך אנטלויף!

און די גוטע מארטע האט זיך גענומען צום קאכן. כ'בין

געבליבן אליין. כ׳האָב אָבער מורא געהאַט פאַרן פּראָפעסאָר, טאָמער איז ער הונגעריק — האָב איך געהאַט חשק צו אַנטלויפן צו זיך אין צימער. ביני־לביני איז שוין דער פּראָפעסאָר געשטאַנען אויף דער שוועל פון צימער.

איך האָב דערהערט שווערע טריט, דער פּראָפעסאָר האָט אַדורכגעשפּרייזט דעם עס־צימער און איז אַריין אין זיין קאַבינעט.

אַדורכגייענדיק, האָט ער אין אַ ווינקל אַ וואָרף געטאָן דעם שטעקן, אויפן טיש אַ שמיץ געטאָן דעם הוט מיטן ריזיקן ראַנד און האָט הויך אַ רוף געטון זיין ברודערזון:

— קום אַהער, אַקסעל! וואָס? ביסט נאָך נישטאָ?

כ׳בין אַריין אין קאַבינעט פון מיין קאַפּריזנעם פעטער.

אָטאָ לידענבראָק איז נישט געווען קיין בייזער מענטש; אַקעגן־זשע איז ער געווען אַ משונהדיקער פאַרשוין.

ער איז געווען פּראָפעסאָר פון מינעראַלאָגיע אין יאָהאַנעאום. בשעת זיינע פאָרטראַגן פלעגט ער זיך ווייניקסטנס אַ צוויי מאָל כעסענען. מיין פעטער האָט נישט פאַרמאָגט קיין שיינע אויסשפּראַך. דער עיקר, ווען ער פלעגט רעדן פאַר אַן עולם, פלעגט ער זיך אָפט פאַרהאַקן אין מיטן זאַץ, נישט קענענדיק געפינען דעם פאַסיקן אויסדרוק. דערפון פלעגט זיך נעמען זיין כעס.

דערפאַר איז אָבער דער פעטער לידענבראָק געווען אַ גרויסער וויסנשאַפט־מאַן. זיין נאָמען האָט געקלונגען אומעטום, אין אַלע גימנאַזיעס און נאַציאָנאַלע פאַריינען.

באַקאַנט איז אַלעמען זיין אויסגעצייכנט ווערק: „וועגן דער דורכזיכטיקייט פון קריסטאַלן״. דער באַרימטער פּראָפעסאָר לידענבראָק איז געווען נישט נאָר אַ גרויסער געלערנטער און שרייבער, נאָר ער האָט אויך געאַרבעט אין מינעראַלאָגישן מוזיי פון רוסישן אַמבאַסאַדאָר סטרוווע. דער דאָזיקער מוזיי איז געווען באַרימט אין גאַנץ אייראָפּע.

דעם פּראָפעסאָר לידענבראָקס אויסזען לאָזט זיך אַזוי באַשרייבן:

אַ הויכע, דאַרע פיגור פון אײַזערנעם געזונט, די בלאָנ־דע האָר, וואָס זענען ביסלעכווייז גראָ געוואָרן, האָבן עדות געזאָגט, אַז דער פּראָפעסאָר איז אַלט פופציק יאָר.

גרויסע אויגן זענען אָן אויפהער אַרומגעלאָפן אונטער די גלעזער פון די ברילן; די לאַנגע, דינע נאָז האָט דערמאָנט אַ מיליטערישן שפּיז.

מען דאַרף נאָך דערמאָנען, אַז דער פּראָפעסאָר פלעגט גיין זייער שנעל, מיט גרויסע טריט; די הענט פלעגט ער תמיד האַלטן אין צונויפגעפּרעסטע פויסטן, וואָס עס האָט עדות געזאָגט וועגן זיין היציקן טעמפּעראַמענט.

ער האָט געוווינט אויף דער קעניג־גאַס, אין אַ קליין הייזל, וואָס איז געווען כמעט איינגעבויגן, פונקט ווי עס וואָלט זיך פאַרנויגט פאַר די דורכגייער. בכלל איז אָבער דאָס הייזל געווען נישט מיאוס, איבערהויפּט דערפאַר, ווייל פאַרן בנין זענען געוואַקסן זייער שיינע בלומען.

דער פּראָפעסאָר האָט נישט געצויגן זיין חיונה פון דער פּראָפעסור. די הכנסות פון הייזל און פון שרייבן ביכער האָבן אים געקלעקט אויף חיונה. אין דער דירה האָבן געוווינט: דער פּראָפעסאָר לידענבראָק, די זיבעצניאָריקע נאָענטע קרובה מאַרגעריט, איך און די אַלטע מאַרטע.

איך בין אים באַהילפיק געווען אין זיינע עקספּערימענטן, אַלס זיין ברודערזון און אַלס קיילעכדיקער יתום.

מיט גרויס פרייד האָב איך זיך פאַרנומען מיט געאָלאָגיע. אין מיינע אָדערן איז געפלאָסן דאָס בלוט פון אַ מינעראָלאָג. עס איז מיר קיינמאָל נישט געווען לאַנגווייליק אין דער סביבה פון מיינע טייערע שטיינער. מען האָט אין־דער־אמתן געקאָנט לעבן גליקלעך אין קליין הייזל אויף דער קעניג־גאַס, נישט געקוקט אויף דער היציקייט פון זיין באַלעבאָס, וואָרן — נישט געקוקט אויפן לעבעדיקן טעמפּעראַמענט פון דעם לעצטן — האָב איך דאָך געוווסט, אַז ער האָט מיך ליב.

דער פּראָפעסאָר האָט געהערט צו די מענטשן, וועלכע וואָלטן חשק געהאַט איבערצושטייגן די נאַטור.

אזוי-ארום פלעגט ער, למשל, אין אפריל, ווען ער האט פארזייט א בלום, ארויסציען רעגולער יעדן פרימארגן פון בלום א בלעטל, כדי צוצויאָגן דאס בליִען פון געוויקס.

מיט אזא משונהדיקן מענטשן האט מען זיך נישט געטארט שפאַרן. און דעריבער בין איך תיכּף אריין אין זיין קאבינעט.

### קאפיטל צוויי

## דעם פראָפסאָר קאַבינעט און זיינע ביכער.

דעם פראָפעסאָרס קאבינעט איז געווען אַן אמתער מוזיי. אַלע מוסטערן פון דער מינעראַלאָגישער מלוכה האבן זיך גע-פונען אין די שאַנקען מיט אויפשריפטן אין אַן אויסערגעוויינ-לעכער אָרדענונג.

איך האָב געקאָנט אויסגעצייכנט די פארשידענע מינעראַלן! וויפיל מאָל האָב איך, אָנשטאָט צו שטיפן מיט מיינע חברים, סאָרטירט די גראַפיטן, קוילן, טאָרפן!

און די אָרגאַנישע זאַלצן, דער פעך — וואָס מען האָט געדאַרפט היטן פאַרן מינדסטן שטויב!

און די מעטאַלן, פון אייזן ביזן גאָלד, אַלץ איז געווען אין מיינע הענט! אָבער, אריינגייענדיק צום פעטער, האָב איך נישט געטראַכט וועגן די אַלע וווּנדער.

איך האָב זיך תיכּף פאַראינטערעסירט מיט דער פערזאָן פון מיין פעטער גופא. ער איז געזעסן אין א טיפן, סאַמעטע-נעם פאָטעל און האָט געהאַלטן אין דיהאַנט א בוך, אין וועלכן ער איז געווען שטאַרק פאַרטיפט.

— ס׳אַרא בוך! ס׳אַרא בוך! — האָט ער אייסגעשריען.

דער אויסגעשריי האָט מיר דערמאָנט, אַז פראָפעסאָר לי-

Inv. 1090.

דענבראָק איז געווען אויך אַ גרויסער ליבהאָבער פון ביכער, אָבער דאָס בוך האָט געמוזט פאַרמאָגן אַ גרויס ווערט, אויב ער האָט פון אים געהאַלטן.

— הייסט עס, — האָט ער זיך אָנגערופן — דו האַלסט נאָך, אַז דאָס בוך איז ווערטלאָז? דעם דאָזיקן אוצר האָב איך געפונען ביים אַנטיקוואַר העוועליוס.

— אַן אויסגעצייכנט בוך! — האָב איך געענטפערט מיט התלהבות. אין-דער־אמתן איז נישט געווען מיט וואָס זיך אי־בערצונעמען. אַן אַלטע שמאַטע, מיט אַן איינבונד פון גראָבער, בהמהשער פעל...

אָבער די אויסגעשרייען פון פּראָפעסאָר האָבן נישט אויפ־געהערט.

— און ווי הייסט אָט דאָס ווונדער בוך? — האָב איך געפרעגט.

— די אַרבעט — האָט לעבעדיק געענטפערט מיין פע־טער — הייסט: „היימס קרינגעל״, אָנגעשריבן האָט דאָס ווערק דער באַרימטער איסלענדישער מחבר פון צוועלפטן יאָרהונדערט סנאָר טורלעסאָן. דאָס איז אַ כראָניק פון די נאָרוועגישע פירשטן, וואָס האָבן געהערשט אין איסלאַנד.

— אַזוי! — האָב איך מיט התפעלות אויסגערופן — איז עס אַן איבערזעצונג אין דייטש?

— נישט אַנדערש! —האָט דער פּראָפעסאָר געענטפערט— אַן איבערזעצונג! צו וואָס-זשע טויג מיר אַן איבערזעצונג? ווער דאַרף דאָרטן עפּעס אַן איבערזעצונג? דאָס איז אַן אָרי־גינעל ווערק אין איסלענדיש!

אין דער רגע האָט דער זייגער אויסגעשלאָגן צוויי און מאַרטע האָט אַן עפן געטאָן די טיר פון קאַבינעט, אַריינשריי־ענדיק:

— די יויך איז שוין אויפן טיש!

— אַ ניכפּה זאָל קומען אויף דער יויך! — האָט אויס־געשריען דער פעטער, כּול מיט כּעס, — אַ ניכפּה אויף דעם, וואָס האָט זי געקאָכט, און אויף די, וואָס וועלן זי עסן!

מאַרטע איז קוים אַנטלאָפן מיטן לעבן, איך בין אַרויס נאָך איר און איך האָב זיך געזעצט צום טיש אויף מיין געוויינלעכן פּלאַץ.

איך האָב עטלעכע מינוט געוואַרט. דער פּראָפעסאָר איז נישט געקומען. עס איז פאַר מיין געדענקען דאָס ערשטע מאָל, ווען דער פעטער איז נישטאָ צום מיטאָג. און ס'אַרא מיטאָג!

יויך פון גרינוואַרג, אייערקוכן מיט ווורשט, ביפשטעקס מיט פלוימען־קאָמפּאָט, און אויף דעסער אויסנאַמיקע קולכנס — ועל כולם אַ פיין גלעזעלע וויין.

אָט וואָס אַן אַלט ביכל האָט אָפּגעקאָסט מיין פעטער.

אַלס גוטער און צוגעבונדענער ברודערזון, האָב איך געהאַלטן פאַר מיין חוב אָפּצועסן פאַר זיך און פאַרן פעטער. איך האָב עס דערפילט געוויסנהאַפט.

— דאָס ערשטע מאָל זע איך אַזאַ זאַך! — האָט געזאָגט די פאַרדאַגהטע מאַרטע — הער לידענבראָק זאָל נישט זיין ביים טיש!

— ווירקלעך! עס ווילט זיך להלוטין נישט גלויבן!

— עס גרייט זיך עפּעס אויסערגעוויינלעכעס! — האָט געזאָגט די אַלטע דינסט, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ.

לויט מיין מיינונג, האָט זיך קיין שום אויסערגעוויינלעכע זאַך נישט געגרייט, אויסער אַ שרעקלעכע און טראַגישע סצענע, ווען דער פעטער זאָל חס־ושלום דערזען, אַז זיין מיטאָג איז נעלם געוואָרן.

איך האָב פונקט געענדיקט דעם דעסער, ווען דעם פעטערס הילכיקער קול האָט מיך אַרויסגעריסן פון דעם אָנגענעמער אַרבעט און מיך געצוווּנגען אַריינצולויפן צו אים אין קאַבינעט.

## קאַפּיטל דריי

# דעם פּראָפעסאָרס באַמערקונגען וועגן זיין ברודערזון.

— זעץ זיך אַוועק! — האָט ער זיך אָנגערופן צו מיר — און שרייב.

אין איין רגע בין איך געווען גרייט.

— כ'וועל דיר איצט דיקטירן אות באות פון דעם אויסלענדישן כתב-יד. מיר וועלן באַלד אַ קוק טון, וואָס ס'וועט דערפון אַרויסקומען. אָבער, ביי גאָט! היט זיך פאַר אַ גרייז!

דער דיקטאַט האָט זיך אָנגעהויבן. כ'האָב זיך באמית, ווי כ'האָב נאָר געקאָנט. יעדער אות איז געווען אַרויסגעזאָגט לויט דער ריי, און האָט געשאַפן עפּעס אומפאַרשטענדלעכע ווערטער.

ווען כ'האָב געענדיקט, האָט דער פעטער גענומען דעם פאַרשריבענעם פּאַפּיר און האָט זיך שטאַרק צו אים צוגעקוקט.

— וואָס קאָן עס זיין? — האָט ער זיך אַליין געפרעגט.

אויף מיין ערן-וואָרט! איך האָב עס אויך נישט געקאָנט אויסטייטשן.

ביני-לביני האָט דער פעטער אויסגעטאָן די ברילן, צוגערוקט צו די אויגן דעם שפּאַקטיוו און אויפמערקזאַם זיך צוגעקוקט צום כתב.

— אַקסעל, — האָט ער זיך צום סוף אָנגערופן — צי ווייסטו, וואָס דאָ איז אָנגעשריבן?

כ'האָב אויף דער שאלה נישט געקאָנט געבן קיין ענטפער, ווייל מיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט איז געווען געווענדעט אויפן פּאָרטרעט, וואָס איז געהאָנגען אויף דער וואַנט.

דאָס איז געווען אונזער קרובה מאַרגעריטס בילד. זי האָט זיך לעת-עתה געראָד געפונען אין אַלטאָנע, ביי אונזערע קרובים — וואָס עס האָט מיך געבראַכט צו אַ גרויסן יאוש, וואָרן כ'מוז זיך אַצינד מודה זיין, אַז די שיינע מאַרגעריט האָט זיך עקשנותדיק געליבט מיט דעם פּראָפעסאָרס ברודערזון. מיר זענען שוין געווען חתן-כלה אָן דעם פעטערס וויסן, ווייל אים האָט זיין ערודיציע נישט דערלויבט צו פאַרשטיין קיין האַרציקע געפילן.

מאַרגעריט איז געווען אַ בילד-שיין בלאָנד מיידל מיט בלויע אויגן, מיט אַן ערנסטער נאַטור און דער עיקר — זי האָט מיך זייער שטאַרק געליבט.

דאָס בילד פון מיין געליבטער האָט מיך אַזוי שטאַרק פאַרנומען, אַז איך האָב לחלוטין פאַרגעסן די געאָלאָגיע, מיין פעטערס אַנוועזנקייט און די גאַנצע וועלט.

ערשט אַ קלאַפּ מיטן פויסט אין טיש האָט מיך אַרויסגעריסן פון מיין פאַרטראַכטקייט און מיך אויסגעניכטערט.

— שרייב אָן די ווערטער, וואָס דו האָסט נאָר-וואָס אָנגעשריבן, לויט אַ האָריזאָנטאַלע ליניע.

כ'האָב אָנגעשריבן אַלע ווערטער, ווי פריער; שפּעטער — פון אויבן אַראָפּ, איין וואָרט נאָכן צווייטן א. אַז. וו.

נאָכן איינלייגן די ווערטער אויף אַזאַ אופן, האָט דער פּראָפעסאָר צו מיין גרויסער פאַרוווּנדערונג איבערגעלייענט אָט-וואָס:

„כ'האָב דיך זייער ליב, מיין קליין מאַרגעריט".

— הם... — האָט דער פּראָפעסאָר אויסגערופן.

— אַך! האָסטו ליב, הייסט עס, מאַרגעריטן? — האָט ער מיך אַ פרעג געטאָן מיט אַ טאָן פון אַן אַפּאָטרופּוס.

— יאָ... ניין... — האָב איך אַרויסגעשטאַמלט.

— אַך, ליבסטע, הייסט עס, מאַרגעריטן! — האָט ער שוין מעכאַניש געזאָגט, נישט טראַכטנדיק וועגן דעם, וואָס ער האָט געזאָגט.

שפּעטער האָט ער מיר ווידער דיקטירט אַ גאַנצן זאַץ און, נישט קענענדיק דערגיין דאָס, וואָס איז געווען אָנגעשריבן, האָט ער אַ זעץ געטאָן מיטן פויסט אין טיש, אַז ס'האָט זיך אַזש אויסגעגאָסן דאָס טינט און די פעדער איז מיר אַרויסגעפאַלן פון האַנט.

— ס'איז נישט דאָס, וואָס כ'האָב געמיינט! — האָט ער אויסגעשריען, אַדורכגעלאָפן בליק־שנעל, ווי אַ באָמבע, דעם קאַבינעט, אַראָפּגעשפּרונגען פון אַלע טרעפּ, ווי אַ משוגענער, אַדורכגעפלויגן די קעניג־גאַס און אַנטלאָפן, איין גאָט ווייס, אין וועלכער ריכטונג.

## קאַפּיטל פיר

# דעם פּראָפעסאָרס פאַרצווייפלונג.

— ער איז אַוועק! — האָט אויסגערופן מאַרטע, אַריינלויפנדיק — און דערצו אַזוי היציק און רעשיק, אַז די שטוב האָט זיך אַזש אַ טרייסל געטון.

— יאָ, — האָב איך באַשטעטיקט — ער איז אַוועק.

— און וואָס וועט זיין מיטן מיטאָג?

— ער וועט נישט עסן קיין מיטאָג!

— און אָוונט־ברויט?

— ער וועט אויך קיין אָוונט־ברויט נישט עסן.

— ס׳טייטש? — האָט געפרעגט מאַרטע און פאַרבראָכן די הענט.

— ניין, טייערע מאַרטע, ער וועט אַליין נישט עסן און קיינער אין שטוב וועט אויך נישט עסן. מיין פעטער לידענ־בראָק וועט אַזוי לאַנג נישט עסן קיין מיטאָג און אונז פּייניקן מיט הונגער, ביז ער וועט נישט איבערלייענען עפּעס אַ גע־היימען כתב־יד.

— אוי, טאַטע אין הימל, מירן שטאַרבן פון הונגער.

איך האָב נישט געקאָנט זאָגן, אַז נישט, ווייל ביי אַזאַ משונהדיקן מענטשן, ווי מיין פעטער, קאָן דאָס אויך פּאַסירן. די אַלטע דינסט, דערשראָקן נישט אויף קאַטאָוועס, איז אַוועק מיט אַ קרעכץ אין קיך אַריין.

בלייבנדיק אין קאַבינעט נאָך דעם פעטערס אַוועקגיין, האָב איך באַשלאָסן צו גיין צו מאַרגעריטן, וואָס האָט זיך גראָד אומגעקערט קיין האַמבורג.

ווי גייט מען אָבער אַוועק פון שטוב? ס׳קאָן דאָך דער פעטער יעדע רגע אַריינפאַלן און מיך רופן צו זיך.

און דאַן?

אַ פּחד צום טראַכטן, וואָס פאַר אַן אַוואַנטורע עס וואָלט אַרויסגעקומען. צום קלוגסטן וואָלט געווען צו בלייבן אויף אַן אָרט, און אַזוי האָב איך טאַקע געטאָן.

עס איז גראָד אַריינגעקומען אַ געאָלאָג פון בעסאַנסאָן און האָט מיך געבעטן סאָרטירן געוויסע קאַלך־שטיינער; כ׳האָב זיך תיכּף אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט.

אָבער די אַרבעט האָט מיך נישט פאַראינטערעסירט אויף אַזוי פיל, אַז איך זאָל פאַרגעסן דעם אויסטערלישן כתב־יד, וואָס האָט אָנגעמאַכט דעם פעטער אַזוי פיל עגמת־נפש.

אין פאַרלויף פון אַ שעה האָב איך אויסגעסאָרטירט די קאַלך־שטיינער, דערנאָך האָב איך זיך געזעצט אין אַ גרויסן פאָטעל און אַראָפּגעלאָזט די הענט.

כ׳האָב אָנגעצונדן אַ פּיפּקע און אָנגעשטרענגט די אויערן,

צי הערט מען נישט אַמאָל דעם פעטערס שנעלע טריט. ווו קאָן ער זיין אַצינד?

איך האָב זיך פאַרגעשטעלט, ווי ער לויפט צווישן ביימער, ווי ער מאַכט מיט די הענט, קלאַפּט מיטן שטעקן אין וואַנט און וועקט אויף מיט זיין געפילדער די פייגל, וואָס דרימלען אין גראָז.

וועט ער קומען אין שטוב אַ באַרויִקטער, צי נאָך מער אויפגערעגט צוליב דעם כתב־יד?

מעכאַניש האָב איך גענומען אין האַנט דאָס שטיקל פּאַפּיר, ווו עס זענען געווען אויסגעשריבן רייען אותיות, און כ׳האָב איבערגעחזרט עטלעכע מאָל די קשיא:

— וואָס קאָן עס באַדייטן?

כ׳האָב זיך באמיט צו שאַפן פון די אותיות ווערטער. אוממעגלעך! צום סוף האָב איך אָנגעהויבן ביסלעכווייז לייענען. אַזוי האָב איך איבערגעלייענט די ווערטער: הער, הייליקער בוים, אייז־ים א. ד. גל.

כ׳האָב זיך אויף דעם פאַרטראַכט און כ׳האָב זיך איבערציַיגט, אַז די גאַנצע געהיימעניש איז באַשטאַנען דערין, וואָס מען דאַרף איבערלייענען קאַפּויער, אָנהויבנדיק פון דער רעכטער זייט.

מיין איבערראַשונג האָט נישט געהאַט קיין שיעור! כ׳האָב צוועקגעלייגט דאָס שטיקל פּאַפּיר אויפן טיש. ס׳איז פאַר מיר גענוג געווען איין קוק צו טאָן אויפן שריפט, כדי אַלץ איבערצולייענען.

כ׳האָב גענומען לויפן איבערן צימער, כדי צו שטילן מיינע נערוון, דערנאָך האָב איך זיך אַ וואָרף געטון אויפן פאָטעל, כדי זיך אָפּצורוען. כ׳האָב באַשלאָסן דעם פעטער גאָרנישט צו זאָגן וועגן דער אַנטדעקונג. אדרבא, זאָל ער זי אַליין דערגיין!

אין דער רגע איז אַריין פּראָפעסאָר לידענבראָק. ער איז געווען מוראדיק נידערגעשלאָגן, ווייל אין משך פון זיין לאַנגן

שפּאַציר איז אים נישט איינגעפאַלן קיין שום נייער גע־דאַנק.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אין פאַטעל און האָט גענומען צייכענען פאַרשידענע אַלגעבראַישע פיגורן, כּדי צו דערגיין די געהיימעניש. גאַנצע דריי שעה האָט מיין פעטער געשריבן און געמעקט, און איך האָב אַלץ געוווּסט, אַז ס׳איז גאָרנישט. בּיני־לבּיני איז די צייט פאַרביי, ס׳איז געוואָרן נאַכט, דער גערויש פון גאַס האָט זיך איינגעשטילט, און מיין פעטער, אייגעקאָרטשעט איבערן טיש, האָט נישט געזען און נישט געהערט, ווי די אַלטע מאַרטע האָט געעפנט די טיר פון קאַבינעט און זיך געפרעגט:

— דער הער וועט היינט עסן אָוונט־ברויט?

מאַרטע איז אַוועק, און איך בין אין דער גרויסער שטיל־קייט איינגעשלאָפן אויפן דיוואַן.

ווען כ׳האָב זיך אינדערפרי אויפגעכאַפּט, האָב איך באַ־מערקט, ווי דער פּראָפעסאָר צייכנט נאָך אַלץ אויפן פּאַפּיר.

זיינע אויגן, רויט פון שלאָפלאָזיקייט, און דאָס בלאַסע פּנים האָבן דערציילט וועגן שרעקלעכן אינערלעכן קאַמף, וואָס דער פעטער האָט אַדורכגעמאַכט צוליב דער געהיימנישפולער פראַגע.

כ׳האָב אויף אים רחמנות געקראָגן, דערזעענדיק זיין צורה. דער אָרעמער מענטש איז אַזוי אַדורכגענומען געווען מיט זיין אידעע, אַז ער האָט פאַרגעסן אפילו זיך צו בייזערן.

זיינע אַלע כּוחות זענען געווען געווענדעט צו איין פּונקט, און ווען ער דערגייט נישט חס־וחלילה דעם סוד, וואָלט זיין געזונט־צושטאַנד געוויס געווען אַ צווייפלהאַפטער.

כ׳האָב אָבער אויך געוווּסט, אַז איך טאָר נישט דערמאַ־נען דעם פּראָפעסאָר וועגן מיין אַנטדעקונג. דאָס וואָלט אים לגמרי דערהרגעט. ער מוז אַליין געפינען אַ מיטל איבערצו־לייענען דעם כּתב־יד. דער בּאַרימטער געאָלאָג וועט דערגיין

ביזן תוך און וועט זיך פֿליין האָבן צו פֿאַרדאַנקען די אַנט-דעקונג.

דערווייל האָט זיך דער מצב פֿאַרגעשטעלט אַזוי:

ווען מאַרטע האָט געוואָלט אַרויסגיין פֿון שטוב אייַנקויפֿן אין גאַס, האָט זי געפֿונען די טיר פֿאַרמאַכט אויפֿן שלאָס. דער גרויסער שליסל האָט נישט געשטעקט — ווי געוויינלעך — אין שלאָס.

דער פֿעטער האָט צוגענומען דעם שליסל, צוריקקערנדיק זיך פֿון זיין פֿאַרצווייפֿלטן שפּאַציר.

וואָס זאָל עס הייסן? דאַרפֿן איך און מאַרטע זיין די קרבנות, בשעת מיר זענען גאָט די נשמה שולדיק?

כ׳געדענק, אַז ס׳איז שוין איינמאָל געווען אַזאַ פֿאַל, מיט עטלעכע יאָר צוריק, ווען דער פֿעטער האָט געאַרבעט איבער אַ שווערער קלאַסיפֿיצירונג.

אין משך פֿון אַכט-און-פֿערציק שעה האָט ער דאַן נישט גענומען אין מויל אַריין. איך מיט מאַרטען האָבן אויך געמוזט פֿאַסטן.

דאָס האָט מיר לחלוטין נישט געשמעקט. כ׳בין געווען אַ יונגער בחור, כ׳האָב געהאַט אַ געזונטן מאָגן, אַ פֿיינעם אַפּעטיט און כ׳האָב פֿיינט געהאַט תּעניתים.

## קאַפּיטל פֿינף

# אַקסעל ווערט אַן אַנטדעקער.

דער פֿעטער האָט געאַרבעט אָן אויפֿהער. דעם שליסל האָט ער נישט געגעבן, און אין קיך איז שוין נישט געווען וואָס צום עסן. מיר האָבן נאָך אַלץ צורעכטגעמאַכט דעם פּאָ-ריקן אָוונט.

מיר האָט זיך שטאַרק געהונגערט. מאַרטע איז נישט נאָר געווען אַליין הונגעריק, נאָר זי האָט זיך נאָך אויך גענומען צום האַרצן, וואָס איך הונגער. איך האָב זי באַרויִקט, אַז מיר גלוסט זיך גאָרנישט עסן.

דער זייגער האָט געשלאָגן צוויי. די לאַגע איז געווען אַ לעכערלעכע, פּשוט אַן אומדערטרעגלעכע.

כ'האָב באַשלאָסן אַלץ אויפצודעקן. דער פּעטער איז דאָך גרייט געווען צו מאַרען אונז מיט הונגער מי יודע וויפיל וואָכן, ביז ער וועט דערגיין דעם סוד פונם געהיימען כתב-יד.

כ'האָב געזוכט אַ געלעגנהייט אָנצוקניפּן אַ שמועס. פּלוצלונג האָט פּראָפ. לידענבראָק אַ כאַפּ געטון דעם הוט און געוואָלט אַרויסגיין.

ס'טייטש? ער גייט אַוועק און וועט אונז ווידער פאַרמאַכן? אויסגעשלאָסן!

— פּעטער! — האָב איך זיך אָנגערופן.

ער האָט זיך געמאַכט נישט הערנדיק.

— פּעטער לידענבראָק! — האָב איך העכער איבערגעחזרט.

— הע? — האָט ער געענטפערט, ווי אַ מענטש, וואָס כאַפּט זיך אויף פון שלאָף.

— ס'טייטש? דער שליסל?

— וואָסער שליסל? דער שליסל פון טויער?

— ניין! — האָב איך אויסגעשריען, — דער שליסל פון כתב-יד!

דער פּראָפעסאָר האָט מיך אָנגעקוקט פון אונטער זיינע ברילן; ער האָט, ווייזט אויס, דערקענט אין מיר עפּעס אַן ענדערונג, ווייל ער האָט מיך אַ כאַפּ געטאָן פאַר דער האַנט און מיך געפּאָרשט מיט זיין בליק. כ'האָב געדרייט מיטן קאָפּ אויף רעכטס און אויף לינקס. ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, מיט אַן אויסדרוק פון רחמנות אויפן פּנים, גלייך ווי ער

וואָלט געהאַט צו טאָן מיט אַ משוגענעם.
איך האָב אויך אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.
זיינע אויגן האָבן לעבעדיק אַ גלאַנץ געטאָן. זיין האַנט האָט גענומען דראָען.
דער שמועס אָן ווערטער האָט געקאָנט פאַראינטערעסירן אפילו אַ גלייכגילטיקן צוקוקער.
אין דער אמתן האָב איך מורא געהאַט זיך אָפּצורופן.
דער פעטער איז גרייט פון גרויס שמחה מיך צו דער־שטיקן.
ער האָט אָבער גענומען אַזוי אָנגרייפן, אַז מען האָט גע־מוזט ענטפערן.
— יאָ, דער שליסל!.. אַ געווינלעכער פאַרפאַל!..
— וואָס רעדסטו? — האָט ער אויסגעשריגן, טיף געריררט.
— קוק, — האָב איך אים געזאָגט, ווייזנדיק אים דאָס שטיקל פּאַפּיר, אויף וועלכן כ'האָב אַלץ געהאַט אויסגעשריבן — לייען!
— אָבער דאָס באַדייט דאָך לחלוטין גאָרנישט! — האָט ער געענטפערט.
— גאָרנישט, אויב מען לייענט פון אָנהייב; אָבער פון סוף...
כ'האָב נישט באַוויזן צו ענדיקן, ווי דער פּראָפעסאָר האָט אַרויסגעלאָזט שוין נישט קיין געשריי, נאָר פּשוט אַ ריטש.
אַצינד האָט ער אַלץ פאַרשטאַנען!
און, נעמענדיק דעם כּתב־יד, האָט ער אים איבערגעלייענט אינגאַנצן, ביזן לעצטן אות.
געשריבן איז דאָרט געווען אָט־וואָס:
„גיי אַראָפּ אין וווּלקאַן־קראַטער יאָקול אין סנעפעלס, ווו ס'איז צום לייכטסטן אָנצוקומען אין חודש יולי. אַזוי אַרום, בראַווער רייזנדער, וועסטו אָריינקומען אין דער טיפעניש פון דער ערד — וואָס איך האָב אויך געטון.
ארנאָ סאַקנוסעם".

דער פעטער האָט געגומען שפּרינגען פון פרייד. ער איז געלאָפן איבערן צימער, זיך געכאַפּט מיט ביידע הענט פאַרן קאָפּ, איבערגעוואָרפן זאַכן פון איין אָרט אויפן צווייטן, געקלאַפּט מיט דער פויסט דאָ און דאָרט.

סוף־כל־סוף האָבן זיך זיינע נערוון איינגעשטילט. אַ דערשעפּטער פון דעם פריערדיקן אינערלעכן קאַמף, איז ער אַנידערגעפאַלן אויפן פאָטעל.

— וויפיל איז דער זייגער אַצינד? — האָט ער אין אַ ווײַלע אַרום געפרעגט.

— דריי — האָב איך געענטפערט.

— זעט נאָר! כ׳שטאַרב ממש פון הונגער! דאָס האַרץ איז מיר אַוועק! צום טיש! און דערנאָך...

— דערנאָך?

— וועסטו מיך באַגלייטן.

— הע! — האָב איך אויסגעשריגן.

— יאָ! — האָט געענטפערט אָן שום רחמנות דער פּראָפעסאָר, אַריינגייענדיק אין עס־צימער.

## קאַפּיטל זעקס

# אַקסעל וויל נישט מיטפאָרן מיט זיין פעטער.

דערהערנדיק דידאַזיקע ווערטער, האָב איך געפילט, ווי אַ שוידער גייט מיר אַדורך איבערן לייב.

איך האָב זיך באַמיט צו מאַכן אַ צופרידענע מינע. סוף־כל־סוף זענען דאָך אין דער נסיעה אויך געווען מעלות.

גיין אין דער טיפעניש פון דער ערד!

ס׳איז זיך לייכט פאָרצושטעלן דעם פּראָפעסאָרס פאַרווונ־

דערטע מינע, ווען ער האָט דערזען, אַז דער טיש איז נישט געגרייט.

מען האָט אים אַלץ מסביר געווען. מען האָט באַפרייט מאַרטען. זי האָט אַ לויף געטון אין מאַרק און זיך אַזוי פלינק אַרומגעפּאָרעט, אַז אין אַ שעה אַרום איז אונזער הונגער געווען געשטילט; אַזוי-אַרום האָט זיך ביי מיר די שטימונג פאַר-בעסערט.

בעתן מיטאָג איז דער פעטער געווען פריילעך, געשיט אָן אַ שיעור וויצן. נאָך מיטאָג האָט ער מיר געהייסן מיטגיין צו אים אין קאַבינעט. כ׳האָב אים געפאָלגט. ער האָט זיך געזעצט ביי איין עק טיש, איך — אַנטקעגן.

— אַקסעל, — האָט ער זיך אָנגערופן צו מיר מיט אַ זיסער שטים, — ביסט אַ געניאַלער יאַט, האָסט מיר אַ גרויסע טובה געטאָן. איך וועל עס דיר קיינמאָל נישט פאַרגעסן, און אין די אַנטדעקונגען, וואָס מיר וועלן מאַכן, וועסטו האָבן אַ ריזיקע פאַרדינסט.

— וואַרט צו! — האָב איך געטראַכט, — ער איז גוט אויפגעלייגט, מען דאַרף אַ שמועס טון מיטן פעטער וועגן דער-דאָזיקער פאַרדינסט.

— קודם כל פאָדער איך פון דיר, דאָס זאָל בלייבן בסוד. הערסט? עס פעלן נישט קיין נישט-פאַרגינער צווישן די וויסנ-שאַפט-לייט, און אַסאַך פון זיי וואָלטן שטאַרק חשק געהאַט צו מאַכן די רייזע, נאָר איידער וואָס-ווען וועלן זיי זיך וועגן דעם דערוויסן ערשט נאָך אונזער צוריקקער.

— מיינט דער פעטער, אַז די צאָל דרייסטע רייזנדע וואָלט געווען אַזוי גרויס?

— נאַטירלעך! יעדערער וואָלט אָן שום ספק געמאַכט די רייזע, ווען ער וואָלט געלייענט דעם דאָקומענט.

— און איך וויל אין דעם נישט גלויבן. קיין שום זאַך באַווייזט נישט דעם אמת פון דעם דאָקומענט.

— ס׳טייטש!

— ווער ווייסט דאָרט, צי דער סאַקנוסעם האָט געמאַכט די רייזע? אפשר איז עס בלויז אַ מיסטיפיקאַציע.

דער פּראָפעסאָר האָט צונויפגעצויגן די ברעמען. איך האָב שוין חרטה געהאַט, וואָס כ׳האָב עס געזאָגט. ער האָט זיך אָבער באַרויִקט, אַפילו אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט:

— וועלן מיר עס טאַקע זען.

זעענדיק, אַז מיינע טענות וועלן גאָרנישט העלפן, האָב איך אָנגעהויבן פון אַן אַנדער זייט.

— און דער יאָקול וואָס באַדייט? כ׳האב נאך וועגן אַזאַ געגנט נישט געהערט...

— נעם אַן אַטלאַס, מיין יינגל.

כ׳האָב געבראַכט אַן אַטלאַס. מיר האָבן אים געעפנט, און דער פּראָפעסאָר האָט מיר געוויזן אַן אינזל, געשאַפן פון וואול-קאַנען, וואָס רופט זיך אָן יאָקול. דער נאָמען באַדייט „אייז-באַרג״.

— גוט, — האָב איך געענטפערט, — אָבער וואָס ביי-דייט סנעפעלס?

כ׳האָב גערעכנט, אַז אויף דעם וועט ער מיר שוין נישט האָבן וואָס צום ענטפערן. כ׳האָב זיך אָבער שטאַרק טועה גע-ווען. דער פעטער האָט מיר געזאָגט:

— גיב אַ קוק אויף דער דרום-זייט פון איסלאַנד. זעסט דעם פעלזן-באַרג, זעסט?

— כ׳זע.

— אַלזאָ, דאָס איז דער סנעפעלס.

— סנעפעלס?

— יאָ, דאָס איז אַ באַרג פון פינף טויזנט גראַד די הויך, דער וויכטיקסטער אין איסלאַנד, מיט אַ קראַטער אין מיטן.

— דאָס איז אָבער אוממעגלעך! — האָב איך אויסגע-שריען.

— אוממעגלעך? פאַרוואָס? — האָט דער פּראָפעסאָר מיט אַ בייזן טאָן געפרעגט.

— ווייל דער קראַטער איז געוויס פאַרגאָסן מיט לאַווע און די פעלזן אינעווייניק זענען צעגליט...

— און אויב דאָס איז אַן אויסגעלאָשענער ווולקאַן?
— אַן אויסגעלאָשענער?
— יאָ. פאַראַן מער אויסגעלאָשענע ווולקאַנען, איידער אַקטיווע. סנעפעלס געהער צו די אויסגעלאָשענע...
אויף די ראוית פונם געלערנטן האָב איך שוין נישט גע־האַט קיין תשובה.
— וואָס באַדייט אָבער דאָס וואָרט סקאַרטאַריס? — האָב איך אָנגעהויבן פונדאָסניי.
— סקאַרטאַריס איז דער העכסטער פונקט פון באַרג, וואָס זיין שאָטן פאַלט אַראָפּ אין תהום פונם קראַטער.
דער פעטער האָט, הייסט עס, געהאַט אויף אַלץ אַ גרייטן ענטפער! כ׳בין אַרויס פון צימער אַ פאַרצווייפלטער. וועט מיר, הייסט עס, אויסקומען צו פאָרן מיט אים צוזאַמען צום פאַרשאָלטענעם ווולקאַן!
כ׳האָב באַשלאָסן זיך צונויפצושמועסן מיט מיין כלה. וואָס וועט זי מיר דערויף זאָגן? גייענדיק צו איר, האָב איך געפּיפּ־קעט מיין ליולקע. מיטאַמאָל האָב איך זי באַגעגנט.
— מאַרגעריט! — האָב איך פון דערווייטנס אַ געשריי געטאָן.
זי האָט זיך אַביסל פאַרשעמט, וואָס איך רוף זי אַזוי פאַר מענטשן אין די אויגן; זי איז צוגעקומען צו מיר.
— מיין טייערער אַקסעל, — האָט זי אַ פאַרוויטלטע געשעפּטשעט. — וואָס איז געשען?
כ׳האָב איר דערציילט וועגן מיין פעטערס פלענער, מיי־נענדיק, אַז זי וועט אויסברעכן מיט אַ פּראָטעסט און וועט מיר נישט לאָזן פאָרן.
אָנשטאָט דעם האָט מיר גאָר מיין כלה פון אַלע מעשיות געענטפערט:
— אַך, אַקסעל, דאָס וועט זיין זייער אַ שיינע רייזע!
כ׳האָב זיך שטאַרק פאַרוונדערט.
— יאָ, מיין טייערע, ס׳איז זייער אַ שיינע נסיעה מיט אַזאַ געלערנטן, ווי דיין פעטער!
— סטייטש? — האָב איך געפרעגט, — דו פאַרהאַלטסט

מיך אפילו נישט?

— נאַטירלעך, איך בין אַליין אויך גרייט מיט אייך מיט־צופאָרן, אויב איך וועל אייך נישט פאַלן צו לאַסט.

— צי מיינסטו עס ערנסט?

—איך זאָג דעם אמת!

איך בין געבליבן, ווי אָפּגעשמיסן.

— מאַרגעריט, — האָב איך געזאָגט, — אינטערעסאַנט, צי דו ווייסט דאָס זעלבע אויך זאָגן מאָרגן אינדערפרי.

— מאָרגן, מיין ליבער אַקסעל, וועל איך זאָגן דאָסזעל־בע, וואָס היינט.

מיר האָבן זיך גענומען פאַר די הענט און מיר זענען גע־גאַנגען צוזאַמען, נישט אַרויסרעדנדיק קיין וואָרט.

עס איז שוין געווען נאַכט, ווען מיר זענען געווען אויף דער קעניג־גאַס.

געמיינט האָב איך, אַז אין שטוב וועט זיין שטיל, אַז דער פעטער שלאָפט שוין פון לאַנג — לסוף גאָר געשרייען, געוואַלדן, אַ פולע שטוב מיט הענדלער...

דער פעטער האָט אָנגעקויפט שטריק, רענצלעך, קוישן, אַ ים מיט געצייג צום גראָבן די ערד, צום האַקן פעלזן, צום מעסטן א. ד. גל. ער האָט מיר געגעבן אַ ברוך־הבא, הלמאַי איך שלעפּ זיך אַרום, בשעת ס׳איז דאָ אַזויפיל אַרבעט ביים גרייטן זיך צו דער נסיעה.

איך האָב געענטפערט, אַז יולי איז נאָך ווייט, וועלן מיר נאָך געוויס באַווייזן.

דאַן האָט מיר דער פעטער דערקלערט, אַז כדי צו זיין אין יולי ביים וואולקאַן, דאַרף מען פאָרן איבערמאָרגן פרי, אַז די רייזע קיין איסלאַנד איז נישט נאָר אַ לאַנגע, נאָר אויך פול מיט שטערונגען.

מיט אַ קנאַפּן פאַרגעניגן האָב איך אויפגענומען די ידיעה, באָר קיין אויסוועג האָב איך אין ערגעץ נישט געזען.

איך בין אַריין אין צימער, נאָר אומזיסט האָב איך זיך באַמיט איינצושלאָפן.

## קאפיטל זיבן

# די האַרצרייסנדיקע צעשיידונג.

כ׳האָב אַדורכגעלעבט אַ שרעקלעכע נאַכט. אויף צומאָרגנס, באַלד אינדערפרי, האָב איך געהערט, ווי מען רופט מיך.

כ׳האָב תיכף באַשלאָסן זיך נישט אָפּצורופן. אָבער דער־הערנדיק מיין כלהס ליבע שטים, וואָס האָט מיך גערופן. — „מיין טייערער אַקסעל״! — האָב איך זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן.

כ׳בין אַרויסגעלאָפן פון צימער. גערעכנט האָב איך, אַז מיין טרויעריקע מינע און מיין בלייכקייט וועלן רירן מאַרגע־ריטן; כ׳האָב אָבער אַ טעות געהאַט.

— אַך, טייערער אַקסעל! — האָב איך אַ פאַרוואונדעטער געהערט — כ׳זע, אַז דו ביסט רויִקער, ווייל דו זעסט אויס אויסגעצייכנט.

— אויסגעצייכנט? — האָב איך אַ פרעג געטאָן און בין צוגעגאַנגען צום שפּיגל, כדי זיך אַליין אָנצוקוקן.

אין גרונט גענומען האָב איך טאַקע אויסגעזען בעסער, ווי כ׳האָב זיך גערעכט. ס׳האָט זיך מיר פשוט נישט געוואָלט גלויבן.

— אַקסעל! — האָט זיך אָנגערופן צו מיר מיין כלה — כ׳האָב היינט אַסאַך גערעדט מיט מיין אַפּוטרופּוס. ער איז אַ גרויסער געלערנטער, ער וועט געוויס דערגרייכן זיין ציל, און

פון זיין רום וועסטו אויך אָפּלעקן אַ ביינדל... גיב נאָר אַ טראַכט, אַקסעל, אַז ווען דו וועסט קומען צוריק, וועסטו שוין זיין דערוואַקסן און ענלעך צו אים. פריי אין רעדן, אין האַנד־לונג, פריי אין...

דאָס יונג מיידל האָט זיך פאַררויטלט ביים לעצטן זאַץ און נישט דערזאָגט.

כ׳האָב זי אָנגענומען פאַר דער האַנט און בין אַריין אין פּראָפעסאָרס קאַבינעט.

— פעטער, — האָב איך זיך אָנגערופן — וועט שוין די נסיעה זיכער פאָרקומען?

— וואָס־זשע? צווייפלסט נאָך?

— ניין, — האָב איך געענטפערט, נישט „וועלנדיק אים צערייצן — איך פרעג עס נאָר דערפאַר, ווייל כ׳פאַרשטיי נישט, וואָס מיר האָבן זיך אַזוי צו יאָגן.

דער פּראָפעסאָר האָט מיר אַ צווייט מאָל דערקלערט, אַז מען מוז זיך צואיילן.

כ׳האָב נישט געהאַט קיין מוט דערויף צו ענטפערן. כ׳האָב זיך צוריקגעקערט מיט מאַרגעריטן צו זיך אין צימער. זי האָט באַשלאָסן איינצופּאַקן מיינע וועש און מלבושים אין רענצל. זי האָט זיך תיכּף גענומען צו דער אַרבעט.

ווייזט אויס, אַז זי האָט זיך שטאַרק די רייזע צום האַרצן נישט גענומען, פּונקט ווי דאָס וואָלט געווען, אַ שטייגער, אַ נסיעהלע קיין העלגאָלאַנד. אירע קליינע הענטלעך האָבן געפּאַקט און געפּאַקט אָן אויפהער. זי האָט רויִק און ערנסט געשמועסט.

איר רויִקייט האָט מיך דענערווירט. כ׳וואָלט בעסער גע־וואָלט, זי זאָל מאַכן יעלות, קלאָגן, וויינען.

לסוף, ווען דער קופער איז שוין געווען פול געפּאַקט, בין איך אַרויס אין פאָדער־צימער.

דעם טאָג האָט זיך צונויפגעקליבן אַ ים אַרבעטער און סוחרים.

— איז דער הער משוגע געוואָרן? — האָט מיך מאַרטע געפרעגט.

כ׳האָב צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ.

— און ער נעמט אייך מיט מיט זיך?

די זעלבע תשובה.

— וואוהין?

כ׳האָב איר מיט דער האַנט געוויזן אויף דער ערד.

— אין קעלער? — האָט אויסגעשריגן די זקנה.

— ניין, — האָב איך געענטפערט, — נאָך טיפער. ס׳איז געוואָרן אָוונט.

— מאָרגן זעקס פרי פאָרן מיר אָפּ, — האָט מיר דער-קלערט דער פּראָפעסאָר.

צען אַ זייגער האָב איך זיך אַוועקגעלייגט אויפן בעט, ווי אַ שטיק לייס. ביינאַכט האָט מיך אַרומגעכאַפּט אַ שרעקלע-כער פּחד. כ׳האָב געחלומט וועגן תהומען, כ׳האָב געהאַט היץ. כ׳האָב געפילט, ווי דער פּראָפעסאָר שלעפּט מיך צו דער קבורה...

אויפגעכאַפּט האָב איך זיך אַרום אַ זייגער פינף, צעבראָכן פון מי און אויפרעגונג. כ׳בין אַראָפּ אין עס-צימער.

דער פעטער איז געזעסן ביים טיש און געקייט מיט אַפּעטיט. כ׳האָב געכאַפּט אויף אים אַ צעשראָקענעם קוק. מאַר-גערעט איז אָבער דאָרט אויך געווען. כ׳האָב נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט און נישט אָנגערירט דאָס עסן.

האַלב זעקס איז רעשיק אָנגעפאָרן אַ גרויסער קאָטש, כדי אונז אַוועקצופירן צו דער באַן. מען האָט תיכף אַרויפגעפּאַקט דעם פעטערס באַגאַזש.

— און דיין רענצל? — האָט געפרעגט דער פעטער.

— שוין גרייט, — האָב איך געענטפערט.

— אייל זיך צו, ווייל מיר וועלן פאַרשפּעטיקן דעם צוג!

כ׳האָב בשום-אופן נישט געקאָנט קעמפן מיטן גורל. כ׳בין אַראָפּ אין צימער, גענומען דאָס רענצל און געגאַנגען צום קאָטש.

אין דער רגע האָט דער פּראָפעסאָר איבערגעגעבן מאַר-

געריטן די הויזווירטשאפט. מיין בילד-שיינע כלה איז געווען ווי תמיד רויק. זי האָט אַ קוש געטון איר אַפּוטרופּוס; אָבער קושנדיק מיך, האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן די טרערן, וואָס האָבן זיך אַראָפּגעקייקלט אויף מיינע באַקן.

— מאַרגעריט! — האָב איך אַ געשריי געטון.

— גיי, מיין טייערער אַקסעל! גיי! — האָט זי מיר גע־זאָגט — דו לאָזסט איבער דיין כלה, דערפאַר וועסטו נאָכן צוריקקומען געפינען דיין ווייב!

כ׳האָב אַרומגענומען מאַרגעריטן, דערנאָך בין איך אַ טיף־געריהרטער אַריין אין קאָטש.

מאַרטע און מיין כלה זענען לאַנג געשטאַנען פאַר דער טיר און געפאָכעט מיט די נאָז-טיכלעך.

די צוויי פערד פון קאָטש האָבן, דערהערנדיק דעם פור־מאַנס פייף, זיך אַ לאָז געטון מיט אַ גאַלאָפּ צום וואָקזאַל.

## קאַפּיטל אַכט

# אויפן טורעם.

דער האַמבורגער הויפּט־וואָקזאַל איז די הויפּט-ליניע פון דער גאַנצער געגנט. דורך דאַנען האָבן מיר געדאַרפט אָנקומען קיין בעלט.

האַלב זיבן איז דער קאָטש געבליבן שטיין פאַרן וואָק־זאַל. דעם פעטערס ריזיקע קופערס און מכשירים האָט מען אי־בערגעטראָגן אין אַ משא־וואַגאָן, און זיבן אַ זייגער זענען מיר שוין געזעסן אין קופּע.

דער לאָקאָמאָטיוו האָט אַ ריר געטאָן. מיר זענען אָפּגעפאָרן. צי בין איך געווען פאַרצווייפלט? הלילה. דער פרישער

פרימאָרגן, די פאַרשידנפאַרביקייט פון די פאַרביישוועבנדיקע פּייזאַזשן — האָבן מיך אַרויסגעריסן פון יאוש.

וואָס שייך דעם פּראָפעסאָר, זענען זיינע רעיונות געלאָפן שנעלער פאַרן צוג, און דערפאַר האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז מיר פאָרן צו פּאַמעלעך.

מיר זענען געווען אַליין אין קופּע, מיר האָבן אָבער נישט אויסגערעדט צווישן זיך קיין איין וואָרט. דער פעטער האָט רעווידירט זיינע אייגענע קעשענעס, צי עס פעלט אים נישט עפּעס אַ געצייג; ער האָט זיך טאַקע איבערצייגט, אַז ס׳פעלט אים גאָרנישט.

ער האָט געהאַט אַ בריוו פון האַמבורגער קאָנסול, ה׳ מ. כריסטיענסען, זיינס אַ גוטער פריינד. דאָס האָט אונז פאַרגרינגערט דאָס באַקומען אַ רעקאָמענדאַציע-בריוו צום אויסלענדישן גובערנאַטאָר. כ׳האָב אויך באַמערקט דעם אויסטערלישן כתב-יד אינם פאַרבאַהאַלטנסטן אָרט אין פאָרטפעל. כ׳האָב אים פון פולן האַרצן אָנגעשאָלטן און גענומען באַטראַכטן די אומגעגנט.

דאָס זענען געווען ברייטע, איינטאָניקע ערד-שטחים, נאַכאַנאַנד פול מיט בלאָטעס. אָבער די מאָנאָטאָנע פּייזאַזשן האָבן מיך נישט געלאַנגווייליקט, ווייל אין דריי שעה נאָך אונזער אַרויספאָר פונדערהיים, האט זיך דער צוג אָפּגעשטעלט אין קעל, נישט ווייט פון ים.

די באַגאַזשן האָט מען אַרויסגעשיקט קיין קאָפּענהאַגען. אין קעל האָבן מיר געוואַרט אויפן אָנקום פון דאַמפער ביז ניין אַ זייגער אין אָוונט.

מיר האָבן זייער פיין פאַרבראַכט דעם אָוונט, שפּאַצירנדיק אין זייער שיינע גערטנער און וועלדער. בקרוב איז אָפּגעפאָרן די שיף. ס׳איז געווען אַ חושכדיקע נאַכט, איך בין געפאָרן מיט אַ כּחד אין האַרצן; אַקעגן־זשע דער פעטער האָט געהאַט אַן אויסזען פון אַן איבערגליקלעכן מענטשן.

זיבן פרי האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אין אַ קליין שטעטל קאָרסער, וואָס געפינט זיך אין דרום-זייט פון זעלאַנד. פונדאַנען

זענען מיר געפאָרן מיטן צוג, וואָס האָט אונז געדאַרפט אַוועק־פירן גלייך אין דער הויפּט-שטאָט.

דער פּעטער האָט אַ גאַנצע נאַכט קיין אויג נישט צו־געמאַכט. כ׳בין מער ווי זיכער, אַז פון אומגעדולד האָט ער אונטער׳גערעשטופּט דעם צוג מיט די פיס.

פּלוצים האָט ער דערזען אַ קליינינקן פונקט אויפן ים.

— זונד! — האָט ער אויסגערופן.

אויף לינקס א״ז געשטאַנען אַ הויכער בנין, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ שפּיטאָל.

— אַ משוגעים-הויז! — האָט געזאָגט אַ רייזנדער.

— פּונקט פאַר אונז, — האָב איך ביטער געטראַכט. — כאָטש דער שפּיטאָל — האָב איך צוגעגעבן אין האַרצן, — איז צו קליין, כדי אַריינצונעמען אין זיך די גאַנצע משוגעת פונם פּראָפ. לידענבראָק.

ניין אינדערפרי זענען מיר געווען אין קאָפּענהאַגען. מען האָט אַרויפגעפּאַקט די זאַכן אויף אַ קאָטש און אונז אַוועקגע־פירט אין האָטעל „פעניקס״.

די רייזע האָט געדויערט אַ האַלבע שעה, ווייל דער וואָקזאַל געפינט זיך הינטער דער שטאָט. מיר האָבן געבראַכט אין אָרדענונג אונזער טואַלעט. דער פּאַרטיער האָט גענומען רעדן מיט אונז אויף פראַנצויזיש און דייטש. אָבער דער פּעטער האָט אים געענטפערט אין אַן אויסגעצייכנטן דעניש, פון וואָס יענער איז שטאַרק נתפּעל געוואָרן און האָט דעם פּעטער מיט גרויס שמחה געענטפערט. מען האָט אונז געוויזן דעם וועג צום אלטערטימלעכקייטן-מוזיי, ווו מיר האָבן באַוווּנדערט די פּרעכטיק־שיינע אַלטערטימלעכקייטן, איבער וועלכע ס׳האָט השגחה געהאַט דער פּראָפעסאָר טאָמסאָן, דעם האַמבורגער קאָנסולס אַ ידיד.

דער פּעטער האָט צו אים געהאַט אַ רעקאָמענדאַציע-בריוו.

אַ געלערנטער נעמט געוויינלעך אויף אומגערן אַ צווייטן געלערנטן, דאָ איז אָבער געווען לגמרי אַנדערש.

ער האָט אונז האַרציק מקבל פּנים געווען און אונז דער־

ליבט צו באַזוכן איסלאַנד, צוזאָגנדיק עס צו האַלטן בסוד.

אַ קליינער דענישער דאַמפּער — „וואַלקיריע״ — איז גע-שטאַנען אויפן ברעג.

דער פּעטער האָט פון גרויס שמחה שטאַרק געדריקט דעם קאַפּיטאַנס האַנט. דאָס האָט דעם לעצטן זייער געוווּנדערט. זיין חוב איז דאָך געווען אַדורכצופירן פּאַסאַזשירן קיין איסלאַנד און ער טוט דערמיט קיינעם קיין טובה נישט. ער האָט אָבער אויס-גענוצט דעם פּראָפעסאָרס התלהבות און אונז אָנגעבאָטן אַ טאָ-פּעלן אָפּצאָל פאַר דער רייזע.

— זייט אַזוי גוט, מיינע הערן, קומט דינסטיק צו צום ברעג — האָט געזאָגט הער ביאַרנע, צונעמענדיק פון מיין פּעטער אַ באַרג מיט דאָלאַרן.

מיר האָבן געדאַנקט דעם הער טאָמסאָן פאַר זיין טרחה און מיר האָבן זיך צוריקגעקערט אין האָטעל „פעניקס״.

— ס׳גייט גוט, זייער גוט! — האָט געחזרט דער פּעטער — ס׳אַרא פיינער דאַמפּער! לאָמיר אַצינד איבערבייסן און גיין אָנקוקן די שטאָט.

מיר זענען אַריין אין אַ פּראָווינציזישן רעסטאָראַן, גוט אָפּגעגעסן פאַר זייער ביליק, צו פיר מאַרק פאַר אַ פּאַרשוין. כ׳בין געלאָפן דערנאָך אָנקוקן די שטאָט. דער פּעטער האָט זיך געלאָזן שפּאַצירט, אויף קיין שום זאַך נישט געקוקט און זיך מיט גאָרנישט איבערגענומען. דערפאַר האָט ער שוין צו שטאַרק אָנגעקוקט די קירך אויפן אינזל אַמאַק. ס׳איז געווען אַ פּרעכ-טיקע, הויכע קירך. דער פּראָפעסאָר האָט השק געהאַט אַריינ-צוגיין אינעווייניק און דורך די געדרייטע טרעפּ אַרויפצוקריכן אויפן סאַמע שפּיץ.

— לאָמיר אַרויפגיין! — האָט זיך אָנגערופן דער פּראָ-פעסאָר.

— פּעטער, מען קען דאָך קריגן אַ קאָפּ-שווינדל!

— מען דאַרף זיך צוגעוווינען צו אַלץ.

— דאָך...

— איך זאָג דאָך דיר: קום! אַ שאָד די צייט.

כ׳האָב געמוזט פאָלגן. דער טורעם-וועכטער האָט אונז געגעבן דעם שליסל, און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה קריכן.

דער פעטער האָט מיך זייער שנעל און פלינק איבער-געיאָגט. כ׳בין געקראָכן נאָך אים מיט גרויס פחד, ווייל ס׳האָט מיר שוין געשווינדלט אין קאָפּ. כ׳האָב נישט געהאַט אַזעלכע פעסטע נערוון און אַזאַ אָדלער-שנעלקייט, ווי ער.

מיר זענען אַדורך הונדערט פופציק שטיגן, ערשט האָט אונז אַ שלאָג געטאָן אין פנים אַריין אַ שטאַרקער ווינט. מיר זענען אַרויף אויפן דאַך פון דער קירך. דאָ האָבן זיך אָנגע-הויבן טרעפּ אין דער לופט, אַרומגערינגלט בלויז מיט אַן אָנליין.

די טרעפּ זענען געוואָרן וואָס-אַמאָל שמעלער. ס׳האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז זיי גייען אין אין-סוף אַריין.

— כ׳וועל עס קיינמאָל אין לעבן נישט אַדורכגיין! — האָב איך אויסגערופן.

— אַ פחדן וועסטו זיין? גיי! — האָט דער פּראָפעסאָר געענטפערט אָן אַ ברעקל רחמנות.

כ׳בין געקראָכן, אָנשפּאַרנדיק זיך אָפּט אָן די טרעפּלעך. דער שאַרפער ווינט האָט מיר פאַרהאַקט דעם אָטעם, כ׳בין גע-קראָכן אויף אַלע פיר, כ׳האָב צוגעמאַכט די אויגן, כ׳האָב גע-פילט אַ שרעקלעכע מידקייט. סוף-כל-סוף האָט מיך דער פּראָפעסאָר אָנגענומען פאַרן קאָלנער און אַרויפגעשלעפּט אינ-דערהויך.

— גיב אַ קוק! — האָט ער מיר געזאָגט, — גיב אַ קוק, מען דאַרף זיך צוגעוווינען אַראָפּקוקן אין תהום אַריין!

כ׳האָב געעפנט די אויגן. כ׳האָב דערזען פלאַכע הייזלעך צווישן רויך.

איבער מיין קאָפּ האָבן אַרומגעשפּאַצירט כמאַרעס. פון דערווייטנס — אַ דאָרף, וואָס טונקט זיך אין גרינס; פון דער

צווייטער זייט — דער ים, באַלויכטן פון די זון־שטראַלן.

די ערשטע לעקציע פון קוקן אין דער טיפעניש האָט גע־דויערט אַ גאַנצע שעה.

ווען מען האָט מיר דערלויבט צום סוף אַראָפּצוגיין אונטן און אָנצורירן די ערד, בין איך געווען ווי נישט ביים קלאָרן זינען.

— מאָרגן הויבן מיר אָן אונזער לעקציע פונדאָסניי, — האָט געזאָגט דער פּראָפעסאָר.

און אין דער אמתן, אין משך פון פינף טעג האָב איך זיך אויסגעלערנט אַראָפּקוקן אין תּהום און כ׳האָב געמאַכט אין דעם פּרט גרויסע פאָרשריטן.

## קאַפּיטל ניין

# מיר פאָרן קיין איסלאַנד!

ס׳איז אָנגעקומען דער טאָג פון אָפּפאָר. אַ טאָג פריער האָט דער ווילער הער טאָמסאָן געבראַכט אונז רעקאָמענדאַציע־בריוו צום [איסלענדישן גובערנאַטאָר, פירשט טראַמפּ, צום מער און צו דער העכערער גייסטלעכער מאַכט.

מיר האָבן זיך מיט אים האַרציק געזעגנט און מיר זענען אַרויף אויף דער שיף. דער קאַפּיטאַן האָט אונז געגעבן ברייטע קאַמערן מיט אַלע מעגלעכע באַקוועמלעכקייטן.

— דער ווינט איז אַ גינסטיקער? — האָט דער פּראָפּע־סאָר געפרעגט דעם קאַפּיטאַן.

— יאָ! — האָט געענטפערט ביאַרנע, — אַ מזרח־דרומ־דיקער ווינט.

„וואַלקיריע" האָט געפירט קיין רייקיאַוויק קוילן, כלים, שטוב-זאַכן, גרינוואַרג, מלבושים און תבואה.
פינף דענער זענען געזעסן ביי די רודערס.
— ווי לאַנג וועלן מיר פאָרן? — האָט דער פעטער געפרעגט דעם קאַפּיטאַן.
— אַ צוועלף טעג, אויב מיר וועלן נישט האָבן קיין שוועריקייטן.
— אָבער די שוועריקייטן קען מען נישט פאָרויסזען! — האָט געפרעגט דער פּראָפעסאָר.
— ניין, ה׳ לידענבראָק, זייט לחלוטין רויִק, מיר׳ן אַדורכמאַכן גליקלעך די רייזע.
אין אָוונט איז די שיף פאַרבייגעשווומען דעם האַלב-אינזל סקאַגען; איבער נאַכט האָבן מיר אַדורכגעמאַכט סקאַגעראַק, צוגעקומען צו די ברעגעס פון נאָרוועגיע און אַרויס אויפן צפון-ים. אין צוויי טעג אַרום זענען מיר שוין געווען ביי די ברעגעס פון שאָטלאַנד. שפּעטער האָט זיך אונזער שיף געפונען אויף די כוואַליעס פון אַטלאַנטיק. דאָ האָט זי געקעמפט מיט די צפון-ווינטן און איז מיט גרויס מי צוגעשווומען קיין פעראָע.
דער קאַפּיטאַן האָט פאַרקערעוועט צום האַלב-אינזל פּאָרטלאַנד, וואָס געפינט זיך אויפן דרום-ברעג פון איסלאַנד. קיין שום פּאָרפאַל האָט נישט פּאַסירט בשעת דער נסיעה. איך האָב זיך געפילט אויסגעצייכנט. אַקעגן-זשע דער פעטער האָט כסדר געקרענקט אויף דער ים-מחלה און צו די צרות האָט ער זיך נאָך דערמיט געשעמט. אַזוי-אַרום האָט ער נישט געקענט אויספרעגןביים קאַפּיטאַן וועגן סנעפעלס, וועגן דער באַקוועמלעכסטער קאָמוניקאַציע. ער איז כסדר געלעגן ביי זיך אין קאַמער. דעם אמת זאָגנדיק, האָט ער עס פאַרדינט צוליב זיין משוגענעם איינפאַל.
„וואַלקיריע" האָט זיך אַלץ געהאַלטן צווישן די קליינע אינזעלעך נעבן פּאָרטלאַנד, זי איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ כמאַרע רעקינען און וואַלפיש.

צום סוף האָט זיך באַוויזן אַ פעלז. די כוואַליעס האָבן זיך אָן אים האַסטיק צעקלאַפּט.

וועסטמאַנס אינזלען האָבן זיך באַוויזן אויפן אָקעאַן, ווי אַ בערגל שטיינדלעך אויף אַ פלאַכן שאָסיי. איצט איז שוין די שיף געגאַנגען צום האַלב-אינזל רייקיאַנעס, וואָס ליגט אין דרום-זייט פון איסלאַנד. דער צעבושעוועטער ים האָט נישט דערלויבט מיר; פעטער אַרויסצוגיין פון זיין קאַמער און צו באַטראַכטן די ברעגעס.

אין צוויי מעת-לעתן אַרום, נאָך אַ מוראדיקן שטורעם, זענען מיר צוגעקומען צום שפּיץ סקאַגען, וואָס זיינע פעלזן ליגן אין תהום פון ים.

דער פּראָפעסאָר איז סוף-כל-סוף אַרויס פון זיין קאַמער, אַ ביסל בלייך, אָפּגעצערט, אָבער מיט דערזעלבער התלהבות און צופרידנקייט אין די אויגן.

די באַפעלקערונג פון שטאָט האָט זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיטן אָנקום פון דאַמפער און האָט מאַסנווייז געשטראָמט צום ברעג. דער פעטער האָט שנעל פאַרלאָזן די שווימענדיקע תפיסה, וואָס מען קען זי בעסער אָנרופן: שפּיטאָל.

פאַרן פאַרלאָזן דעם דעק האָט ער מיר געוויזן אויף דרום-זייט אַ הויכן באַרג מיט צוויי שפּיצן, וואָס זענען געווען באַדעקט מיט אייביקן שניי.

— סנעפעלס! — האָט ער אויסגעשריגן — סנעפעלס!

דערנאָך האָט ער מיר געהייסן אַבסאָלוט שווייגן; מיר האָבן זיך אַריינגעזעצט אין אַ שיפל און מיר זענען בקרוב אָנגעקומען קיין איסלאַנד. ס'האָט זיך תיכף באַוויזן אַ העכערער באַאַמטער אין אַ מלבוש פון אַ גענעראַל.

ס'האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס איז דער גובערנאַטאָר פון אינזל, באַראָן טראַמפּ. דער פּראָפעסאָר האָט תיכף פאַרשטאַנען, אַז מיט אים האָט ער געדאַרפט רעדן. ער האָט אים איבערגעגעבן דעם רעקאָמענדאַציע-בריוו און זיך מיט אים אַדורכגעשמועסט, דערנאָך האָט זיך דער גובערנאַטאָר געשטעלט צו

אונזער דינסט. פונקט אַזאַ האַרציקן קבלת-פּנים האָט דער פּעטער געהאַט ביים מער, ה׳ פינסען, וואָס איז אויך געווען מיליטעריש געקליידט.

די גייסטיקע פאָרשטייער פערזענלעך האָבן מיר נישט גע־קענט בשום-אופן טרעפן. זייער האַרציק האָט דעם פּראָפעסאָר לידענבראָק מקבל פּנים געווען דער נאַטורוויסנשאַפטלער, פּראָפ. פרידריקסאָן, וועלכער האָט געלערנט אין די שולן אין רייקיאַוויק.

דער באַשיידענער איסלענדער האָט גערעדט נאָר אויף איסלענדיש און לאַטיין; מיט מיר האָט ער גערעדט אין האָ־ראַציוסעס לשון, אַזוי אַרום האָבן מיר זיך געקענט אויסגעצייכנט פאַרשטענדיקן. דאָס איז געווען דער איינציקער מענטש, מיט וועלכן כ׳האָב געקאָנט דאָ רעדן. פון זיינע אייגענע דריי צימערן האָט ער אונז אָפּגעגעבן אַזש צוויי און בקרוב האָבן מיר זיך דאָרט אַריבערגעצויגן מיט אונזערע באַגאַזשן; זייער גרויסע צאָל האָט פאַרוואונדערט די איינוואוינער פון רייקיאַוויק.

— נו, אַקסעל, — האָט מיר דער פּעטער געזאָגט— דאָס שווערסטע איז שוין אויסגעפירט.

— וואָס הייסט, דאָס שווערסטע? — האָב איך נבהל ונשתומם געפרעגט.

— גאַנץ פּשוט, איצט דאַרפן מיר בלויז אַראָפּגיין אין קראַטער.

— איין קלייניקייט, — האָב איך געזאָגט — אַראָפּגיין! מען דאַרף דאָך אָבער אַרויסגיין אויך.

— אָ, דאָס שרעקט מיר לחלוטין נישט אָפּ! מיר טאָרן אָבער קיין צייט נישט פאַרלירן. כ׳וועל גיין אין ביבליאָטעק. אפשר געפינט זיך דאָרט נאָך אַ כּתב-יד פון דעם סאַקנוסעם. אין אַזאַ פאַל וואָלט איך חשק געהאַט אים איבערצוקוקן.

— אויב אַזוי, וועל איך דערווייל באַקוקן די שטאָט. אפשר וועט דער פּעטער מיטגיין?

— עך, דאָס אינטערעסירט מיך לגמרי נישט! אין איסלאַנד איז נאָר דאָס אינטערעסאַנט, וואָס עס געפינט זיך אײַנעווייניק; אַקעגן־זשע אויף דער ערד איז נישטאָ קיין אינטערעסאַנטעס.

כ׳בין אַרויס און געבלאָנדזשעט אָן אַ שום ציל.

די שטאָט רייקיאַוויק ליגט אויף אַ נידעריקן און בלאָטיקן באָדן, צווישן צוויי בערגלעך. די לאַווע פאַרדעקט אַ האַלבע שטאָט און ציט זיך אַזש ביזן ים. פון דער צווייטער זייט געפינען זיך די בערג „פאַקס״, וואָס פאַרענדיקן זיך מיטן ריזיקן אייז־פעלד סנעפעלס. די סוחרים וווינען אויף דער לענגסטער גאַס אין הילצענע כאַטעס, געמאָלט אויף רויט. אַן אַנדער גאַס, וועלכע ליגט מער אויפן מערב, ציט זיך צווישן די הייזער פון עפיסקאָפּ און פון אַנדערע אויסלענדער. כ׳בין זייער שנעל אַדורכגעלאָפן די בלאָטיקע און אומעטיקע וועגן. וווּ־נישט־וווּ האָב איך דערזען אַ קאַפּעטשקע גראָז, וואָס האָט דערמאָנט אַן אַלטן אויסגעקראָכענעם דיוואַן. אין אַן אַנדער אָרט האָט זיך געפונען אַ טל־ומטרדיקער גאָרטן, ווו ס׳איז געוואַקסן אַביסל קאַרטאָפל, קרויט און אַ צוויי־דריי פאַרוועלקטע בלימלעך.

איך האָב אויך באַזוכט דעם אָפיציעלן בית־עולם. דערנאָך האָב איך געזען דעם גובערנאַטאָרס פּאַלאַץ, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין איבערגעטריבענער פּראַכט און אומעטיק זיך אָפּגעשלאָגן פון די אַרומיקע קבצנישע הייזלעך.

צווישן דער קליינער אָזיערע און דער שטאָט איז שטאָלץ געשטאַנען די קירך, געבויט אין פּראָטעסטאַנטישן סטיל פון סאַמע שטיינער, מיט אַ רויטן דאַך. נעבן דער קירך האָב איך באַמערקט די נאַציאָנאַלע שול, ווו מען האָט געלערנט — לויט מיינע שפּעטערדיקע ידיעות — העברעיִש, ענגליש, פראַנצויזיש און דעניש. איך וואָלט דאָרט זיכער געווען דער ערגסטער תּלמיד, ווייל כ׳האָב נישט געקענט די אַלע שפּראַכן. אין משך פון דריי שעה האָב איך באַזוכט נישט בלויז די שטאָט, נאָר אויך איר אומגעגנט. דער פּייזאַזש איז אַ גרויער. קיין שום ביימער,

קיין שום געוויקסן... אָרום-און-אַרום רק וואָלקאַנישע פעלזן. די איסלענדישע כאַטעס זענען געמאַכט פון ליים און זייערע ווענט בויגן זיך צו דער ערד.

דערפאַר זענען אויס די דעכער ווי פאַרביקע לאָנקעס.

אַ דאַנק דער וואַרעמער טעמפּעראַטור אין שטוב, בליט רייך דער גראָז אויף די דעכער. מען קאָשעט דעם גראָז, ווען ער ווערט רייף, כּדי נישט צו דערלאָזן, אַז די הויז-בהמות זאָלן זיך פּאַשען אויף די דעכער.

בשעת מיין שפּאַציר, האָב איך באַגעגנט זייער ווייניק איינוווינער. ווען כ'האָב זיך אומגעקערט, האָב איך געטראָפן אַסאַך אומגליקלעכע קאַטאַרזשניקעס מיט אומעטיקע אויגן און בלאָנדע האָר.

ווען איך בין נאָך דעם לאַנגן שפּאַציר אריין אין שטוב, האָב איך שוין געטראָפן דעם פעטער שמועסן מיטן פּראָפעסאָר.

## קאַפּיטל צען

# פּראָפ. לינדענבראָק באַזוכט די ביבליאָטעק.

דער מיטאָג איז שוין געווען פאַרטיק. דער פּראָפעסאָר האָט געגעסן מיט גרויס אַפּעטיט. זיין מאָגן, וואָס איז געוואָרן אויסגעהונגערט במשך דער רייזע אויפן ים, האָט געשלונגען אָן אַ שיעור פּאָטראַוועס — צו דער גרויסער פאַרצווייפלונג פון גאַסטפריינדלעכן איסלענדער.

דעם שמועס האָבן ביידע פּראָפעסאָרן געפירט אין אַ געמישטער שפּראַך, אין אַ מיש-מאַש פון דייטש, דעניש און לאַטיין. אַ קאַפּעטשקע האָב איך אויך פאַרשטאַנען. גערעדט האָבן

זיי וועגן פאַרשידענע וויסנשאַפטלעכע פּראָבלעמען, ווי עס פּאַסט פאַר געלערנטע לייט.

דער פּראָפ. לידענבראָק איז געווען אין שמועס שטאַרק צוריקגעהאַלטן און מיטן בליק האָט ער מיר אויך געהייסן נישט אַרויסלאָזן קיין וואָרט וועגן דעם ציל פון אונזער עקסקורסיע.

דער פּראָפ. פרידריקסאָן האָט געפרעגט דעם פעטער וועגן די רעזולטאַטן פון זיין באַזוך אין דער ביבליאָטעק.

— אייער ביבליאָטעק! — האָט אַ געשריי געטאָן מיין פעטער. — זי איז דאָך כמעט ליידיק און זי פאַרמאָגט דאָך נישט קיין איין לייטיש ביכל!

— ס'טייטש! — האָט געענטפערט דער פּראָפעסאָר. — מיר פאַרמאָגן אַכט טויזנט בענדער, צווישן וועלכע ס'געפינען זיך אַסאַך זייער טייערע און זעלטענע ווערק, און דאָס אַלץ אין די סקאַנדינאַווישע שפּראַכן; די נייעסטע ביכער, וואָס ס'שיקט אונז צו יעדן יאָר קאָפּענהאַגען.

— פון וואַנען האָבן זיך אין מיטן דערינען גענומען אַזש גאַנצע אַכט טויזנט בענדער? לויט מיין רעכענונג...

— אָך, ה' לידענבראָק, זיי זענען צעוואָרפן איבערן גאַנצן לאַנד! אויף אונזער אינזל איז דער דורשט נאָך וויסן אַ ריזיקער! איר וועט נישט געפינען קיין פישער, קיין אַרבעטער, וואָס זאָל נישט קענען לייענען. מיר האַלטן, אַז די ביכער דאַרפן נישט זיין אַרעסטירט אין די ד' אמות פון דער ביבליאָטעק, נאָר זיי דאַרפן דינען אַלעמען. די ביכער וואַנדערן פון איינעם צום צווייטן און טיילמאָל באַקומען מיר זיי צוריק אין אַ יאָר אַרום און אַמאָל אפילו נאָך שפּעטער.

— און בינו-לבינו, — האָט געטענהעט דער פעטער — האָבן נישט די אויסלענדער...

— די אויסלענדער האָבן ביי זיך אייגענע ביבליאָטעקן, און קודם-כל מוז מען דאָך אויפקלערן אונזערע פויערים. איך חזר אייך איבער: די איסלענדער האָבן אַן איינגעבוירענעם דורשט נאָך וויסן. אין יאָר 1816 האָבן מיר אָרגאַניזירט אַ לי-

טעראַרישן פאַריין, וואָס אַנטוויקלט זיך אויסגעצייכנט. אויב איר וועט וועלן אונז אָנטאָן דעם כבוד, ה׳ לידענבראָק, טאָ פאַרשרייבט זיך אין אונזער פאַריין.

דער פעטער, וואָס האָט שוין געהערט צו הונדערטער פאַרשידענע פאַריינען, האָט דעם פאַרשלאַג אָנגענומען. דאָס האָט אונזער מכניס־אורחים זייער דערפרייט.

— אַצינד, — האָט ער צו מיין פעטער געזאָגט —רעכנט אויס אַלע ביכער, וואָס איר דאַרפט, און איך וועל זיך באַמיען זיי אייך אַלע צוצושטעלן.

כ׳האָב געכאַפּט אַ קוק אויפן פעטער. ער האָט זיך אַביסל געשיבעט. צום סוף האָט ער געענטפערט:

— ארנאָ סאַקנוסעמען פאַרמאָגט איר?

— נאַטירלעך.

— אָט דעם שעדעווער פון דער איסלענדישער ליטעראַטור?

— יאָ, ה׳ לידענבראָק.

— אָט דעם באַרימטסטן מאַן?

— יאָ.

— וואָס זיין מוט איז געווען אַזוי גרויס, ווי זיין זשעני?

— כ׳זע, אַז איר קענט אים גאַנץ גוט!

דער פעטער איז געווען אַנטציקט, דערהערנדיק די שבחים פון זיין העלד. ער האָט פרידריקסאָנען פשוט געפרעסן מיט די אויגן.

— על כן, — האָט ער געפרעגט, — די ווערק?

— אַך, די ווערק! מיר פאַרמאָגן זיי גאָרנישט!

— ס׳טייטש? אין איסלאַנד?

— זיי זענען אין ערגעץ נישטאָ!

— פאַרוואָס?

— דערדאָזיקער מחבר איז געווען אַ כופר און איז דערפאַר געווען געיאָגט און געפּלאָגט; אין 1573 האָט מען פאַר-

ברענס זיינע ווערק אין קאָפּענהאַגען.

— זייער גוט! אויסגעצייכנט! — האָט אויסגעשריגן דער פּעטער, צום פּראָפעסאָרס גרויסן צער.

— הע? — האָט דער לעצטער אַ פרעג געטאָן.

— יאָ, אַצינד פאַרשטיי איך שוין אַלץ!

— וואָס? ווי? — האָט דער פּראָפעסאָר געפרעגט. אָבער דער פּעטער האָט זיך גענומען קווענקלען...

— איר פאַרמאָגט עפּעס אַ דאָקומענט?..

— ניין, נאָר איך בין תּופס, אַז אַזאַ דאַרף זיין! — האָט זיך לידענבראָק געכאַפּט צוריק.

— אַהאַ, — האָט געענטפערט דער פּראָפעסאָר, וועלכער האָט זיך אויסגעוויזן פאַר אַזאַ איידעלן מאַן, אַז ער האָט זיך לחלוטין מער גאָרנישט געפרעגט, דערזעענדיק, אַז דער פּעטער האָט זיך צעמישט. — כ׳מיין, אַז איר וועט נישט פאַרלאָזן אונזער אינזל, איידער איר וועט אים גוט אויספאָרשן.

— פאַרשטייט זיך, — האָט ער געענטפערט, — איך קום אָבער שוין צו שפּעט; עס זענען דאָך שוין אַדורך דאָ אַזויפיל געלערנטע.

— יאָ, ה׳ לידענבראָק, מיר פאַרמאָגן די ווערק פון אָלאַפסען, פּאָלסען, טראָאיל, זשערמאַרד, ראָבערט, אַלץ פאָרשער פון אונזער אינזל. איר מעגט מיר אָבער טרויען, אַז ס׳איז נאָך דאָ אַסאַך צום פאָרשן.

— אַזוי דענקט איר? — האָט געפרעגט דער פּעטער מיט אַ גלייכגילטיקן טאָן און בעת־מעשה אַ גלאַנץ געטאָן מיט די אויגן.

— יאָ, מען דאַרף נאָך פאָרשן אונזערע בערג, אייז־בערג, ווולקאַנען, וועלכע זענען בכלל ווייניק באַקאַנט. אַ שטייגער, דאָ נישט ווייט: איר זעט דעם הויכן באַרג? דאָס איז סנעפּעלס.

— עט! — האָט זיך דער פּעטער אָנגערופן מיט אַ גרינג־שעצונג אין שטים, — סנעפּעלס!

— אוודאי, ס׳איז איינער פון די סאַמע טשעקאַווע וווּל־קאַנען.

— איז ער אויסגעלאָשן ?

— אַך! שוין פופציק יאָר!

— אויב אַזוי, וועל איך אָנהויבן מיינע געאָלאָגישע סטודיעס פון סעפעל, צי פעסל... ווי הייסט ער דאָרט ?

— סנעפעלס, — האָט פאַררײַכט דער פּראָפעסאָר.

דעמדאָזיקן געשפּרעך האָבן זיי געפירט אין לאַטיין; כ׳האָב אים גוט פאַרשטאַנען און זיך קוים איינגעהאַלטן פון געלעכטער, צוקוקנדיק, ווי דעם פעטער גיט זיך איין דער עסק.

— נו, מירן זיך אַ נעם טון צום סנעפעלס! — האָט געזאָגט דער פעטער מיט אַ שמייכל.

— כ׳באַדויער זייער,—האָט געזאָגט פּראָפ. פרידריקסאָן,— וואָס צוליב מאַנגל אין צייט קען איך נישט מיטמאַכן אייער עקספּעדיציע...

— אָך, חס וחלילה! — האָט מיין פעטער לעבעדיק אויס־געשריגן — מיר האָבן נישט בדעה עמעצן צו שטערן. כ׳דאַנק אייך פון גאַנצן הארצן. די אָנוועזנקייט פון אַזאַ וויסנשאַפטלער, ווי איר, וואָלט אונז געוויס צונוצגעקומען, אָבער אייער פליכטן...

כ׳האָב באַמערקט, ווי אונזער איסלענדישער באַלעבאָס, גלויבנדיק אין אמת פון מיין פעטערס ווערטער, ווערט גרעבער ווי גרעסער פון נחת.

— כ׳לויב זייער אייער אונטערנעמונג, פּראָפ. לידענבראָק; איר וועט דאָרטן בלי ספק געפינען אַסאַך טשעקאַווע זאַכן. זאָגט מיר אָבער, כ׳בעט אייך, ווי אַזוי-זשע וועט איר זיך צו־קריגן צום האַלב-אינזל סנעפעלס ?

— דורכן ים, דאָס איז דער בעסטער און זיכערסטער וועג.

— גאַנץ מעגלעך; ס׳איז אָבער אוממעגלעך עס אַדורכ־צומאַכן.

— פאַרוואָס ?

— ווייל מיר פאַרמאָגן נישט קיין איין שיפל אין רייקיאַוויק.

— אָך, צו אַלדי רוחות!

— מען דאַרף גיין דורך דער יבשה און האַלטן זיך ביים ברעג ים; דאָס וועט זיין אַ לענגערער וועג, דערפאַר אָבער אַן אינטערעסאַנטערער.

— גוט, כ׳וועל זיך באַמיען וועגן אַ וועג-ווייזער.

— כ׳קען אייך איינעם רעקאָמענדירן.

— איז עס אַ זיכערער מענטש, אַן אינטעליגענטער?

— יאָ, אַן איינוווינער פון אינזל. אַ יעגער, אַ געשיקטער יונגערמאַן, פון וועלכן איר וועט זיכער זיין צופרידן. רעדט אויסגעצייכנט דעניש.

— קען איך אים זען?

— אפילו מאָרגן.

— על כן, ביז מאָרגן, — האָט דער פעטער מיט אַ זיפץ געענטפערט.

דער שמועס האָט זיך געענדיקט מיט אַ האַרציקן דאַנק פאַרן איסלענדישן פראָפעסאָר.

דער פעטער האָט זיך במשך דעם מיטאָג דערוווסט אַסאַך וויכטיקע זאַכן און האָט זיך נאָך געריכט אויף אַן אויסגעצייכנטן וועג-ווייזער.

## קאַפּיטל עלף

# מיר גרייטן זיך אין וועג אַריין.

ביינאַכט האָב איך געמאַכט אַ קורצן שפּאַציר אויפן ברעג פון רייקיאַוויק און כ׳האָב זיך פרי אומגעקערט, זיך געלייגט אין בעט אַריין און בין שטאַרק איינגעשלאָפן.

ווען כ׳האָב זיך אויפגעכאַפּט, האָב איך געהערט דעם פּעטערס קול. ער האָט מיט עמעצן געשמועסט אין שכנותדיקן צימער.

איך האָב זיך תיכף אויפגעהויבן און בין אַהין אַריינגעקומען, כדי אויך צו כאַפּן אַ שמועס.

פאַרן פעטער איז געשטאַנען אַ הויכער מאַן.

זיינע אויגן, וואָס זענען געווען טיף אַריינגעזעצט אין דעם גרויסן קאָפּ, האָבן באַוויזן, אַז מיר האָבן צו טאָן מיט אַן אינטעליגענטן מענטשן. זיי זענען געווען בלוי און האָבן פאַרמאָגט אַ טרוימערישן אויסדרוק.

לאַנגע האָר זענען אים אַראָפּגעהאָנגען איבער די אַקסלען; דער אויסדרוק פון פנים האָט עדות געזאָגט אויף ענערגיע און פאַרשטאַנד.

אַלץ איז אין אים געווען ענערגיש, טעמפּעראַמענטפול, אָבער גלייכצייטיק איינגעהאַלטן, רויק, אויסגעהאַלטן און פעסט.

אָט דער רויקער און מאַיעסטעטישער מאַן האָט זיך באַשעפטיקט מיט כאַפּן איידערדוינען-קאַטשקעס — אַזאַ מין פייגל,

וואָס זיינע פעדערן זענען די גרעסטע עשירות פון אינזל. די פעדערן רופן זיך איידערדוין און קאָסטן זייער טייער. אין די ערשטע זומער-טעג בויט זיך דידאָזיקע קאַטשקע אַ נעסט צווישן די פעלזן. שפּעטער בעט זי עס אויס מיט ווייכע פעדערן, וואָס זי רייסט אַרויס פון דער אייגענער ברוסט. קומט דער יעגער, נעמט צו די נעסט, און די קאַטשקע בויט זיך אַ פרישע נעסט.

די יעגער האָדעווען אָפּט קליינינקע קאַטשקעלעך, כּדי אין אַ יאָר אַרום צו נעמען אַ שטייער פון זייערע פעדערן.

די איידערדוינישע קאַטשקעס בויען נישט זייערע נעסטן אויף הויכע פעלזן, צווישן צעוואָרפענע, צעריסענע שטיינער, נאָר נידעריק, אויף די פעלזן, לעבן ים. אַזוי אַרום האָט דער יעגער אַ לייכטע אַרבעט, ווייל ער האָט קיינמאָל נישט קיין גרויסע שטערונגען און איז דערפאַר תּמיד רויק.

אונזער ערנסטער, פלעגמאַטישער און רויקער יעגער האָט געהייסן זשאַן ביעלק. געשיקט האָט אים צו אונז פּראָפעסאָר פרידריקסען. דאָס איז אונזער צוקונפטיקער ים-ווייזער. זיינע געלאַסענע באַוועגונגען זענען געווען אַ היפּוך צום פּעטערס אומרויקע באַוועגונגען.

אָבער נישט געקוקט דערויף, זענען זיי באַלד דורכגעקומען וועגן פרייז און איבערצייגונגען.

קיינער פון זיי האָט זיך נישט געדונגען. זיי זענען תּיכף איינגעגאַנגען.

זשאַן ביעלק האָט זיך אונטערגענומען אונז אַוועקצופירן אין דערפל, וואָס געפינט זיך נישט ווייט פון סנעפעלס.

לויט דעם פּעטערס אויסרעכענונגען האָט די נסיעה געדאַרפט דויערן צוויי טעג.

אויפן וועג האָט מען געדאַרפט נעמען פיר פערד, צוויי פאַרן פּעטער און פאַר מיר, צוויי פאַרן באַגאַזש. זשאַן גופא האָט געוואָלט גיין צו-פוס, ער האָט גוט געקאָנט דעם וועג און ער האָט אונז געדאַרפט פירן מיטן קורצסטן.

דער אַרויספאָר איז באַשטימט געוואָרן אויפן פערטן יוני. דער פעטער האָט געוואָלט געבן דעם וועג-ווייזער האַנט־געלט. יענער האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט.

— שפּעטער, — האָט ער רויק געענטפערט.

— אַ מאָדנער מענטש! — האָט דער פעטער אויסגערופן — ער ווייסט אפילו נישט, וואָסער וויכטיקע ראָל ער פירט אויס אין דערדאָזיקער נסיעה.

— וועט ער אונז באַגלייטן אַזש ביז...

— יאָ, אַקסעל, אַזש אונטער דער ערד.

אַכט-און-פערציק שעה זענען אונז נאָך געבליבן ביזן אָפּ־פאָר. איך האָב זיי אויסגענוצט, כּדי זיך צוצוגרייטן.

מען האָט געדאַרפט איינלייגן די זאַכן אין אַ פיינער אָרדענונג, די כּלים אין איין זייט, די געצייג אין דער צווייטער זייט, דאָס עסנוואַרג ווידער אין אַן אַנדער אָרט.

צווישן די געצייג האָבן מיר געהאַט:

1) אַ טערמאָמעטער פון הונדערט גראַד.

2) אַ מאַנאָמעטער, כּדי צו מעסטן דעם דרוק פון דער אַטמאָספער אויפן אָקעאַן.

3) צוויי קאָמפּאַסן.

4) אַ שפּאַקטיוו.

5) אַ לאָרנעטע.

6) רומקאָרפס צוויי אַפּאַראַטן, וואָס גיבן אַ פיינע עלעק־טרישע שיין. מיר האָבן אויך געהאַט געווער: צוויי ביקסן און רעוואָלווערן.

צוואָס דאַרף מען געווער? אונטער דער ערד זענען דאָך נישטאָ קיין ווילדע מענטשן און חיות. אָבער דער פעטער האָט סתּם געהאַלטן פון כּלי-זין בשעת אַ רייזע.

מיר האָבן אויך מיטגענומען אַ האַק, אַ האַמער, טשווע־קעס, אייזערנע שטאַבעס און אַ פּאַק לאַנגע שטריק.

און צום סוף דאָס עסנוואַרג: פלייש-קאָנסערוון, סוכאַרעס, וויין — אַלץ אויף אַ משך פון זעקס חדשים. וואַסער האָבן

מיר בכלל נישט מיטגענומען, ווייל מיר האָבן זיך געריכט אָנ־צוטרעפן טייכלעך און קוואַלן.

אויסערדעם האָבן מיר געהאַט אַן אַפּטייקל ,באַנדאַזשן, אַמאָ־ניאַק, עטער און אַלע נויטיקע מעדיצינישע זאַכן.

דער פּעטער האָט אַפילו נישט פאַרגעסן מיטצונעמען טאַ־באַק, שיס־פּולווער און געלט.

מיר האָבן אָנגעטאָן מלבושים, וואָס נעצן נישט אַדורך און לאָזן נישט אַדורך קיין קעלט. מיר זענען געגאַנגען זיך אַביסל אַדורכשלאָפן, איידער מיר פאָרן אַרויס.

אין אָוונט, ערב אונזער אַרויספאָר, האָבן מיר געגעסן ביים בּאַראָן טראַמפּ אין דער געזעלשאַפט פונם מער און דאָק־טאָר האַלטאַלין.

אויף צומאָרגנס האָט אונזער גאַסטפריינדלעכער באַלעבאָס געשענקט דעם פּעטער אַ קאַרטע פון איסלאַנד. פאַר אַ נאַטור־פאָרשער איז עס געווען אַ וויכטיקער דאָקומענט.

דעם לעצטן אָוונט האָבן מיר פאַרבראַכט אין דער געזעל־שאַפט פון הער פרידריקסען. שפּעטער זענען מיר געגאַנגען שלאָפן. פינף פאַרטאָג האָט אונז אויפגעוועקט דאָס הירזשען פון פיר פערד, וואָס זענען געשטאַנען פאַרן פענסטער.

זשאַן האָט געלאָדעוועט אונזערע באַגאַזשן, און דער פּע־טער האָט סתם געטומלט — ווי זיין שטייגער — און נישט גע־טאָן קיין האַנט אין קאַלט וואַסער.

זעקס אַ זייגער האָט זיך אַלץ געענדיקט.

הער פרידריקסען האָט זיך מיט אונז האַרציק געזעגנט. דער פּעטער האָט אים געדאַנקט פאַר זיין גאַסטפריינדלעכקייט. איך האָב זיך מיט אים געזעגנט, ווי האַרציק כ'האָב נאָר גע־קאָנט, אין אַ סאָרט מיש־מאַש פון כלערליי שפּראַכן.

מיר זענען אַרויף אויף די פערד און זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

## קאַפּיטל צוועלף

# א י ס ל אַ נ ד.

אונזער רייזע איז פאָרגעקומען אין זייער באַקוועמע באַדינגונגען. עס איז נישט געווען צו הייס און נישט צו קאַלט. אַן אויסגעצייכנטע צייט פאַר רייזנדע. די פרייד פון רייטן אויף אַ פערד האָט מיר געלאָזט פאַרגעסן די חסרונות פון דער רייזע.

איך האָב אַפילו אָנגעהויבן נעמען אַ לעבעדיקן אָנטייל און דער עקסקורסיע. וואָרן פאַרוואָס נישט? איך פאַר אַרום איבער אַ פרעמד לאַנד; איך זע פּרעקטיקע בערג; איך וועל אַראָפּקריכן אין אַ טיפן קראַטער.

ווייזט אויס, אַז יענער געהיימנישפולער סאַקנוסעם האָט אויך דאָסזעלבע געטאָן. ווען איך האָב אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן מיין לאַגע, האָבן מיר זיך שוין געפונען ווייט הינטער רייקיאַוויק.

זשאַן איז געגאַנגען צופוס, מיט שנעלע, געמאָסטענע טריט. צוויי פערד, באַלאָדן מיט אונזערע באַגאַזשן, זענען געגאַנגען נאָך אים.

איסלאַנד איז איינער פון די גרויסע אייראָפּעישע אינזלען. עס פאַרנעמט אַ שטח פון 1400 מייל. די געאָגראַפן האָבן עס צעטיילט אויף פיר חלקים. מיר האָבן געדאַרפט אַדורכמאַכן דעם טייל, וואָס הייסט „מזרח-דרומדיק לאַנד".

זשאַן האָט זיך כסדר געהאַלטן ביים ים-ברעג.

מיר זענען אַדורכגעפאָרן דורך אָרעמע פּאַשע־לאַנקעס, וואָס האָבן קיינמאָל נישט אָנגעזען קיין פּיצל גרינוואַרג. די נאַטור איז דאָ געווען זייער אָרעם, עטלעכע באַרג־שפּיצן, באַדעקט מיט שניי, אַביסל סאָסנעס, גרויע כמאַרעס — אָט איז אַלץ...

אָפט רייסן זיך אַריין די פעלזן אין ים אַריין און אין די לאָנקעס, איבערלאָזנדיק נאָך זיך אַ שמאָלן אַדורכגאַנג.

אונזערע פערד פלעגן אינסטינקטיוו אויסזוכן די באַקוועמסטע וועגן.

דעם פעטער האָט אַפילו נישט געהאַט דעם נחת אָנצוטרייבן זיין פערד.

די פערד זענען געגאַנגען אַליין.

עס האָט זיך מיר געגלוסט לאַכן, ווען איך האָב געקוקט אויפן פעטער. ער איז זיך געזעסן אויפן פערד יום־טובדיק אויסגעצויגן, און זיינע לאַנגע פיס האָבן געגרייכט ביז צו דער ערד.

— פיינע חיה! גוטע חיה! — פלעגט ער מורמלען צום פערד, און דערנאָך צו מיר: — זעסט, אַקסעל, קיין שום פערד אין דער וועלט קאָן זיך נישט פאַרגלייכן מיטן איסלענדישן. שנייען, שטורעמס, פאַרשאָטענע וועגן, פעלזן, אייז־בערג, קיין שום זאַך וועט אים נישט אָפּשטעלן. ער איז בראַוו, אויסגעהאַלטן און זיכער. ער וועט קיינמאָל נישט שטעלן קיין אומזיכערן טריט. טרעפט ער אויפן וועג אַ טייך, בלייבט ער נישט שטיין, נאָר ער וואַרפט זיך אין וואַסער און שווימט צום ברעג. אָבער מען טאָר אים נישט רייצן! מען דאַרף אים צורו לאָזן, און מיר וועלן אַדורכמאַכן טעגלעך צען מייל.

— מיר וועלן טאַקע אַדורכמאַכן, — האָב איך געענטפערט — אָבער דער וועגוויזער?

— אָ, פאַרלאָז זיך אויף מיר! אָט די מענטשן גייען אָן אַ שום סימן פון מידקייט.

וואָס ווייטער מיר זענען געפאָרן, איז דאָס לאַנד געוואָרן אַלץ וויסטער. וווּ־נישט־ווו עפּעס אַ חורבה, אַן איינגעפאַלן הייזל,

אַ שטיקל אויסגעטריקנט פעלד. עס זענען דאָ לחלוטין נישט געווען קיין שום וועגן, קיין בערגלעך, קיין געוויקסן און אפילו קיין מענטשן. ווו-נישט-ווו פלעגט זיך באַווייזן אַ דורכגייער.

און דאָך איז עס געווען די רייכסטע געגנט אין איסלאַנד. ווי-זשע האָבן אויסגעזען אַנדערע מקומות?

אין אַ צוויי שעה נאָך אונזער פאַרלאָזן רייקיאַוויק זענען מיר אָנגעקומען קיין אָאַלקירך, אָדער הויפט-קירך.

דאָ איז אויך אַלץ געווען נודנע. עטלעכע כאַטעס, מער גאָרנישט.

זשאַן האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ האַלבע שעה, האָט מיט אונז געגעסן פרישטיק, האָט געענטפערט אויף אַלע שאלות וועגן דעם וועג; זיינע תשובות זענען געווען קורצע: יאָ, אָדער ניין. אויף אונזער פראַגע, ווו ער רעכנט צו נעכטיקן, האָט ער געענטפערט, אַז אין גאַרדאַר.

איך האָב געכאַפּט אַ קוק אויף דער לאַנד-קאַרטע. גאַרדאַר איז געווען פיר מייל ווייט פון רייקיאַוויק. איך האָב עס געוויזן דעם פעטער.

— פיר מייל! — האָט ער געזאָגט — אַ פיינער שפּאַציר!

דער וועג-ווייזער האָט זיך אָבער דערמיט קנאַפּ-וואָס איבערגענומען און האָט געהייסן פאָרן ווייטער. אויפן וועג האָבן מיר באַגעגנט אַ טייכל. די פערד האָבן זיך אַוועקגעשטעלט און זענען ווייטער נישט געגאַנגען. דער פעטער, אומגעדולדיק ווי תמיד, האָט גענומען דאַן צוזאָגן זיין פערד, צום אָנהויב מיט גוטן, לסוף מיטן בייטש. דאָס פערד האָט, — ווייזט אויס, — נישט געליטן קיין בייטש, און ווען דער פעטער האָט נישט אויפגעהערט צו שמייסן, האָט ער אים אַראָפּגעוואָרפן פון זיך אויף צוויי שטיינער.

— אַך, פאַסקודנע היה! — האָט דער פעטער אויסגעשריען, אויסער זיך פאַר כעס. ער האָט זיך געפילט זייער פאַרשעמט צוליב דעם אומגעריכטן פאָרפאַל.

— מען קען נישט אַדורכגיין פאַרן אָפּפלוס — האָט זיך אָנגערופן דער וועג-ווייזער.

דער פעטער האָט געמוזט בחרפתו אונטערוואַרטן, ביז די ברויזנדיקע כוואַליעס זענען אָפּגעפאַלן. ערשט אַרום זעקס אין אָוונט האָט זיך געמאַכט אַ געלעגנהייט אַדורכצופאָרן. אויף אַ פלאַך שיפל זענען מיר אַריבער אויף דער צווייטער זייט.

אין אַ האַלבע שעה אַרום זענען מיר אָנגעקומען קיין נאַרדאַר.

## קאַפיטל דרייצן

# אין אַ פויערישער כאַטע.

ס׳איז שוין געווען נאַכט. מען האָט אָבער די נאַכט נישט געפילט, ווייל די פאָליאַר-נעכט זענען ליכטיק, ווי די טעג, און אין יוני און יולי פאַרגייט נישט לגמרי די זון.

די טעמפעראַטור האָט זיך שטאַרק אָפּגעקילט, ס׳איז מיר געווען קאַלט און כ׳בין אויך הונגעריק געווען.

מיר זענען גלייך אַריין אין אַ כאַטע, וואָס האָט געהערט צו אַן איסלענדישן פויער. דער לעצטער האָט אונז אמת גאַסט-פריינדלעך צוגענומען. ער איז אונז אַרויס אַנטקעגן, אָפּגעגעבן אונז אַ ברייטן שלום-עליכם און פאַרבעטן צו זיך אין שטוב. מיר זענען אים נאָכגעגאַנגען דורך אַ לאַנגן און שמאָלן קאָרידאָר, ביז מיר זענען אַריין אין שטוב. דעם פויערס דירה איז באַשטאַנען פון פיר חדרים: אַ קיך, אַ וועב-וואַרשטאַט, אַ שלאָף-צימער און אַ גאַסט-צימער.

ווען מען האָט געבויט די שטוב, האָט מען, משמעות, נישט געטראַכט וועגן מיין פעטערס הויכקייט, ווייל ער האָט זיך פיר מאָל כסדר צעקלאַפּט דעם קאָפּ אָן באַלקן.

דאָס גאַסט-צימער האָט פאַרמאָגט בלויז איין פענסטער;

די שויב איז געווען געמאַכט פון דורכזיכטיקן פּענכער. קיין בעטן האָט דער איסלענדער נישט געהאַט, נאָר גרויסע פּוטערס פּאַנאַנדערגעלייגט אויף הילצערנע קופּערס, געמאָלט אויף רויט און באַפּוצט מיט איסלענדישע בילדלעך.

מען האָט געפילט ריחות פון געטריקנטע פיש, געררויכער־טע פלייש און זויערמילך. דידאָזיקע ריחות האָבן געשאַפן אַ שטינקענדיקן מיש־מאַש, פון וועלכן ס׳איז שווער געווען אויס־צוהאַלטן.

ווי־נאָר מיר האָבן אָוועקגעלייגט אונזערע האַנט־קופּערס, איז אַריין דער באַלעבאָס און אונז אַריינגעבעטן אין קיך, וווּ ס׳האָט געברענט כּסדר אַ פייער.

מיר זענען אַריין אין קיך.

דער קיך־קוימען האָט געהאַט אַן אַלטערטימלעכן אויסזען. אין מיטן צימער איז געלעגן אַ שטיין, אויף אים האָט געפלאַ־קערט דאָס פייער און אין דאַך איז געווען אַ לאָך, דורך וואַ־נען ס׳פלעגט אַרויסגיין דער רויך.

די קיך האָט אויך געדינט פאַר אַן עס־צימער. ווען מיר זענען אַריין, האָט זיך דער באַלעבאָס אויפגעהויבן, אונז גע־זאָגט: „זייט גליקלעך!“ און אונז אַ קוש געטאָן אין די באַקן. אויף אַן ענלעכן אופן האָט אונז באַגריסט די באַלעבאָסטע. דערנאָך האָבן זייביידע אָוועקגעלייגט די הענט אויפן האַרצן און זיך צו אונז אַ נויג געטאָן ביז צו דער ערד.

די באַלעבאָסטע איז געווען אַ מאַמע פון ניינצן קינדער.

די קינדער — קליינע און גרויסע — האָבן זיך געשטופּט אַרום קוימען, זיך געוואַרעמט און געשטיפּט. זיי האָבן געהאַט בלאָנדע קעפּלעך און מעלאַנכאָלישע אויגלעך. זיי האָבן אויס־געזען ווי אַ קראַנץ מלאכימלעך, וואָס שוועבן אַרום און אין ווײַרויך. מיר זענען גלייך אַרומגערינגלט געוואָרן פון די מלאכימלעך.

טייל זענען אונז אַרויפגעקראָכן אויף די אַקסלען, אַנדע־רע — אויף די קני, זיך געפּלאָנטערט צווישן די פיס, און

יעדעס קינד האָט אונז באַגריסט, ווי די עלטערן: „זייט גליק-לעך!" די סאַמע קלענסטע, וואָס האָבן נישט געקאָנט רעדן, האָבן געקוויטשעט מיט אַלע כּוחות.

דער קאָנצערט האָט זיך תּיכּף געענדיקט, ווייל מען האָט אונז גערופן אויף אָוונט-ברויט.

בינע-לבינע איז אַריינגעקומען זשאַן.

— זייט גליקלעך! — האָט ער זיך אָנגערופן, שפּעטער האָט ער אויטאָמאַטיש אַ קוש געטאָן דעם באַלעבאָס, די באַלע-באָסטע און זייערע קינדער. נאָך דער גאַנצער צערעמאָניע האָבן מיר זיך געזעצט צום טיש. בסך-הכּל זענען צוזאַמען געווען פיר-און-צוואַנציק פּערזאָן. מיר זענען געזעסן צוזאַמענגעקוועטשט, כּמעט איינער אויפן צווייטן. צלך איז שטיל געוואָרן, זוען מען האָט געטיילט די זופּ.

דער באַלעבאָס האָט יעדן פון אונז מכבד געווען מיט אַ טעלער פיינע זופּ, געטריקנטע פיש אין פּוטער, מילך מיט קי-כעלעך, זאַפט פון יאַגעדעס און צום פאַרטרינקען פרישע מילך מיט וואַסער, וואָס רופט זיך דאָ „בלאַנדע". כ'האָב זיך נישט אָפּגעשטעלט אויפן געשמאַק פון די אַלע מאכלים, כ'בין געווען מוראדיק הונגעריק און כ'האָב אַלץ געגעסן, אָן שום קריטיק.

נאָכן עסן זענען די קינדער נעלם געוואָרן, און די על-טערן האָבן זיך געשטעלט אַרום פייער און געבּרענט צווייגן, קי-הערנער, פיש-ביינדלעך א. ד. גל.

נאָכן אָנגוואַרעמען זיך, איז יעדערער אַוועק צו זיך אין צימער.

אויף צומאָרגנס, פינף פאַרטאָג, האָבן מיר זיך געזעגנט מיט די באַלעבאַטים. דער פּעטער האָט דעם איסלענדער קוים איינגערעדט צו נעמען געלט פאַרן עסן און שלאָפן.

הינטער גאַרדאַר האָט זיך דער באָדן לחלוטין געענדערט, ער איז געוואָרן בלאָטיק און אומבאַקוועם פאַר דער רייזע.

פון דער רעכטער זייט האָבן זיך געצויגן בערג, ווי נישט-פאַרענדיקטע פאָרטן. ווו-נישט-ווו האָט מען געזען קליינינקע טייכלעך.

דער מדבר איז געוואָרן וואָס־אַמאָל אומעטיקער. פון צייט צו צייט פלעגט זיך באַווייזן עפּעס אַ מענטשלעכער שאָטן און פלעגט גלייך נעלם ווערן.

ס'פלעגט מיר ווערן קאַלטמוטנע אויפן האַרצן, ווען איך פלעג זען אַ געשוואָלענעם קאָפּ מיט אַ גלאַנציקער הויט, אָן שום האָר, מיט שרעקלעכע ווונדן, וואָס פלעגן אַרויסקריכן פון אונטער די שמאַטעס.

אַזאַ אומגליקלעכן באַשעפעניש פלעגט נישט אויסשטרעקן קיין האַנט; קאַפּויער, עס פלעגט שנעל אַנטלויפן. אַבער זשאַן פלעגט תמיד באַווייזן אַ זאָג צו טאָן:

— „זייט גליקלעך!"

— מצורעים, — האָט מיר דער פעטער מסביר געווען.

דאָס וואָרט גופא נעמט אַדורך דעם מענטשן מיט אַ שוידער.

אין איסלאַנד איז די קרענק זייער פאַרשפּרייט, זי גייט איבער בירושה, פון עלטערן צו קינדער.

אונזער וועג איז אַדורך זייער אומעטיק...

קיין איין בוים נישט. אַביסל פאַרקריפּלטע ווערבעס האָבן געשטעקט אין דער ערד, ווי טרוקענע צווייגלעך. קיין איין חיה נישט, אויסער עטלעכע אויסגעמאָגערטע, פון די באַלעבאַטים פאַרטריבענע, פערד.

פון צייט צו צייט פלעגט אַדורכפליען אַ רויב־פייגל; ער פלעגט אָבער תיכף אַנטלויפן צום דרום צו, רוישנדיק מיט די פליגל.

די מרה־שחורה פון דעם לאַנד האָט אין מיר אויפגעוועקט אַ בענקשאַפט אַהיים.

ביינאַכט האָבן מיר געמוזט איבערנעכטיקן אין אַ פאַרלאָזענער, איינזאַמער כאַטע. ס'האָט אונז דאָ געמוטשעט אַ שוידערלעכע קעלט. אויף צומאָרגנס ווידער דיזעלבע פּייזאַזשן, דערזעלבער בלאָטיקער באָדן, דיזעלבע איינטאָניקע נאַטור.

ביינאַכט האָבן מיר גענעכטיקט אין קרעסאָלט.

דעם נײַנצנטן יוני האָבן מיר אָנגעטראָפֿן אַ באָדן, וואָס איז געווען באַדעקט מיט לאַווע. מיר האָבן דערזען אויסגעלאָשענע ווולקאַנען, פֿון וועלכע ס'האָט שוין נישט געשפּריצט קיין לאַווע. נאָר שפּורן פֿון לאַווע האָבן מיר אומעטום געזען. מיר האָבן אויך דערזען אַ דאַמף, וואָס האָט זיך אויפֿגעהויבן איבער הייסע קוואַלן.

אינגיכן איז דער באָדן ווידער געוואָרן בלאָטיק, באַדעקט מיט קליינע אָזיערעס. פֿון דערווייטנס האָבן מיר שוין באַמערקט סנעפּעלס.

די פֿערד זענען גוט געגאַנגען. דער אומבאַקוועמער וועג האָט זיי נישט געשטערט. וואָס שייך מיר, בין איך געווען שטאַרק אויסגעמאַטערט. אַקעגן־זשע דער פֿעטער איז געזעסן אויסגעצויגן, גלייך, פּונקט ווי אין דעם ערשטן טאָג פֿון אונזער נסיעה. כ'האָב זיך ווירקלעך נישט געקאָנט אָפּוווּנדערן פֿונם פֿעטער און פֿונם וועג־ווייזער, וועלכע האָבן זיך געהאַלטן ווי אויף אַ געוויינלעכן שפּאַציר.

דעם צוואַנציקסטן יוני זענען מיר אָנגעקומען אין שטעטל בידיר. דאָ האָט דער וועג־ווייזער געפֿאָדערט, מען זאָל אים באַצאָלן.

דער פֿעטער האָט אים — פֿאַרשטייט זיך — תּיכּף באַצאָלט.

דאָ האָבן אונז אויך אויפֿגענומען זשאַנס קרובֿים. זיי האָבן אונז מיט גרויס שׂמחה פֿאַרבעטן צו זיך אין שטוב, אונז געגעבן צום עסן און צום טרינקען. זיי האָבן אונז געראָטן זיך אויסצורוען.

דער פֿעטער האָט אָבער נישט געוואָלט הערן און געדענקען, און מיר זענען אויף צומאָרגנס געפֿאָרן ווייטער.

מיר האָבן אויפֿן וועג אָנגעטראָפֿן בערג, פֿעלזן, אויך אַ ריזיקן ווולקאַן. לסוף זענען מיר נאָך פֿיר שעה רייזע אָנגעקומען קיין סטאַפּי.

## קאַפּיטל פערצן

# אין שטעטל סטאַפּי.

סטאַפּי איז אַ שטעטל פון אַ דרייסיק הייזלעך, וואָס זענען אַלע געבויט אויף דער לאַווע, אונטער די וואַרעמע זון־שטראַלן, וואָס שלאָגן זיך אָפּ פון ווולקאַן.

מיר זענען געבליבן שטיין פאַרן רעקטאָרס דירה. דאָס איז געווען אַ געוויינלעך הייזל, נישט קיין בעסערס, איידער די אַנדערע.

מיר האָבן פאַר זיך דערזען אַ מאַן, וועלכער האָט געהאַלטן אין צושמידן אַ פערד אַ פּאָדקאָווע. דער מאַן האָט געטראָגן אַ לעדערנעם פאַרטוך און אין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ האַמער.

— זייט גליקלעך! — האָט אים באַגריסט אונזער וועג־ווייזער.

— גוט מאָרגן! — האָט דער שמיד געענטפערט.

— דער רעקטאָר — האָט אים זשאַן פאָרגעשטעלט פאַר מיין פעטער.

דער שמיד האָט אַרויסגעלאָזט אַ שאַרפן געשריי און פון שטוב איז אַרויסגעקומען אַ ריזיקע קאָרפּולענטע און העסלעך־מיאוסע פרוי.

מיט שרעק האָב איך געטראַכט, אַז דידאָזיקע ריזיקע און מיאוסע פרוי וועט אונז נעמען קושן, אָבער צום גליק האָט זי

עס נישט געטאָן, זי האָט אונז אַפּילו אַריינגעפּירט אין שטוב אַריין נישט מיט קיין איבעריקער פריינדלעכקייט.

אין גאַסט-צימער איז געווען חושכדיק, שמוציק; נאָר פאַר-פאַלן, מיר האָבן קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט...

דער רעקטאָר גופא איז אויך נישט געווען קיין איבע-ריק גאַסטפריינדלעכער באַלעבאָס. ער האָט זיך אפילו צו אונז נישט דערנענטערט. דער פעטער האָט אַקאָרשט פאַרשטאַנען, מיט וועמען ער האָט דאָ צו טאָן. אַנשטאָט אַ געלערנטן און אינטעליגענטן מאַן, ווי עס פּאַסט פאַר אַ רעקטאָר, האָט ער געטראָפן אויף אַן עם-הארצישן מרוק. דערפאַר האָט ער טאַקע באַשלאָסן תיכף ומיד צו פאַרלאָזן די שמוציקע אכסניה.

באַלד אויף צומאָרגנס האָבן מיר זיך גענומען קלייבן אין וועג אַריין.

דאַן האָט דער פעטער אויך געגעבן צו וויסן דעם פי-רער, אַז ער האָט באַשלאָסן גרינגטלעך אויסצופאָרשן דער ווול-קאַן. דער פירער האָט בלויז צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, אַז ער איז מסכים. אים איז געווען אַלץ איינס, צי גיין אויף דער ערד, צו אונטער דער ערד.

וואָס שייך מיך, האָב איך אַפּילו אין זינען נישט געהאַט דעם ענד-ציל פון אונזער נסיעה. נאָר אַצינד האָב איך גענומען קלערן וועגן די געפאַרן, וואָס לויערן אויף אונז.

וואָס קען מען אָבער העלפן?

— אַוודאי! — האָב איך געטראַכט, — ס'איז גרינג אַריינ-צוגיין אין קראַטער, אַראָפּצולאָזן זיך אונטער דער ערד, אָבער וואָס ווייטער? מען קאָן דאָך דאָרט שטאַרבן, אָדער גאָר פאַר-בלאָנדזשען אין די אונטערערדישע לאַבירינטן... און ווער ווייס עס אויף זיכער, צי סנעפעלס איז שוין אויסגעלאָשן? אפשר גרייט זיך דאָרט אַ נייער אויסברוך? אמת, ער שלאָפט שוין טאַקע פון יאָר 1229 אָן, דאָס באַדייט דאָך אָבער נישט, אַז ער קאָן זיך נישט אויפכאַפּן. און אויב ער וועט זיך איבער-וועקן, וואָס וועט מיט אונז זיין?

כ׳האָב פשוט נישט געקאָנט צוטאָן קיין אויג.

צום סוף האָב איך באַשלאָסן מודה צו זיין דעם פעטער מיינע ספקות.

כ׳האָב אים אויסגעזוכט און אים איבערגעגעבן מיינע קאָנקלוזיעס.

— כ׳האָב שוין וועגן דעם געקלערט — האָט ער רויִק געענטפערט.

אַזוי גאָר? האָט ער זיך טאַקע איבערצייגט, אַז די נסיעה איז פשוט אַ משוגעת?

ניין, דאָס איז געווען בלויז אַן אילוזיע.

— כ׳האָב געטראַכט וועגן דעם די גאַנצע צייט, וואָס מיר זענען אין סטאַפּי. כ׳האָב געטראַכט, ווייל מען טאָר נישט טאָן כאַפּ-לאַפּ.

— פאַרשטייט זיך! — האָב איך אים שטאַרק צוגע-באַמקעט.

— זעקס הונדערט יאָר שווייגט שוין סנעפעלס; ער קאָן אָבער נעמען ברילן! איידער עס קומט אָבער פאָר אַן אויסברוך, זעט מען געוויסע באַקאַנטע דערשיינונגען. איך האָב געפאָרשט די היגע איינוווינער, איך האָב געפאָרשט דעם באָדן, און עס זעט זיך נישט פאָר קיין אויסברוך. דעריבער זאָג איך דיר, אַקסעל, זיי רויק!

דער פעטער האָט מיך גענומען פאַר דער האַנט און צו-געפירט נענטער צום ווולקאַן. איך האָב געזען פלעמעלעך, ווי זיי וואַלטן אַרויס פון דער ערד. זיי זענען אַרויסגעגאַנגען צוזאַמען מיטן דאַמף פון די הייסע קוואַלן. דאַן האָט מיר דער פעטער געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אויב דער ווולקאַן וואָלט געדאַרפט אויסברעכן, וואָלטן נישט געווען די פלעמעלעך, וואָרן זיי וואָלטן זיך אַלע קאָנצענטרירט אינעווייניק, אין ווולקאַן גופא.

אַזוי ווי תמיד, אַזוי וואָלט אויך געווען אַצינד.

— דאַך... — האָב איך געטאַמערט.

— שווייג! ווען די וויסנשאַפט רעדט, דאַרף מען שווייגן!

מיר האָבן זיך צוריקגעקערט אַהיים. דער פעטער האָט מיך צענומען מיט זיינע וויסנשאַפטלעכע אויספירן. איך האָב נאָר געהאַט איין האָפענונג, אַז ווען מיר וועלן אַריין אין ווול־קאַן, וועלן מיר בשום־אופן נישט קאָנען ווייט פאַרגיין, אַזוי־אַרום וועלן מיר זיך צוריקקערן.

די גאַנצע נאַכט האָבן זיך מיר געחלומט לאַבירינטן און אַז איך שטאַרב אונטער דער ערד.

אויף צומאָרגנס, דעם 23־טן יוני, האָט שוין געוואַרט אויף אונז זשאַן מיט זיינע חברים, וואָס האָבן געטראָגן שפּייז, מכשירים און פאַרשידענע כּלים.

דער רעקטאָר מיט זיין פלוניתטע האָבן אונז אָפּגעוואַרט פאַר דער טיר. כ׳האָב געמיינט, אַז זיי ווילן זיך מיט אונז געזעגענען. ווי קומט! זיי האָבן גאָר געמאָנט אַ ריזיקן פּרייז פאַרן עסן און שלאָפן. דער פעטער האָט אָן שום קווענקלעניש באַצאָלט. ניין אַ זייגער זענען מיר אַוועק פון סטאַפּי.

# קאפיטל פופצן

## סנעפעלס! סנעפעלס!

מיר זענען געגאַנגען איינער נאָכן צווייטן. פאָרויס איז געגאַנגען דער וועג-ווייזער. דער וועג איז געווען אַזוי שמאָל, אַז צוויי פערזאָן האָבן בשום-אופן נישט געקאָנט גיין לעבן זיך. וועגן שמועסן צווישן זיך — איז שוין אָפּגערעדט.

ווי ס׳פּאַסט פאַרן פראָפ. לידענבראָקס ברודערזון, האָב איך כסדר אָבסערווירט די מינעראַלאָגישע אוצרות פון דער געגנט און מיין געדאַנק האָט אינטואיטיוו אַרומגענומען אַלע נאַטור-רייכ-טימער פון איסלאַנד.

ביני-לביני איז אונזער וועג געוואָרן כמעט אומדערטרעג-לעך. עס האָבן אונז געשטערט כסדר פעלזן, הויכע בערג; מיר האָבן געמוזט זיין כסדר אויף דער וואַך, ווייל אויף יעדן טריט האָבן אויף אונז געלויערט פלערליי תהומען.

איין זשאַן איז זיך רויִק געגאַנגען, ווי אויף אַ שפּאַציר. אָפט פלעגט ער נעלם ווערן הינטער די ריזיקע פעלזן; דאַן פלעגט ער אונז מיט אַ שאַרפן פייף געבן צו וויסן, ווו ער געפינט זיך און אין וועלכער ריכטונג מיר דאַרפן גיין. אָפטמאָל פלעגט ער בלייבן שטיין און איינלייגן קופּקעלעך פון קליינינ-קע שטיינדלעך, כדי צו דערקענען דעם וועג, ווען מיר וועלן גייך צוריק.

דאָס איז געווען, פאַרשטייט זיך, אַ פיינער איינפאַל,

נאָר — ווי ס'האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן — צו איבעריקע אַרבעט.

אין משך פון דריי שעה זענען מיר געשטיגן, און דאָך זענען מיר נאָך נישט צו צום שפּיץ. מיר זענען שוין געווען שטאַרק אויסגעמוטשעט.

מיר האָבן עפּעס גענומען אין מויל אַריין. דער פּעטער האָט געגעסן זייער שנעל, כּדי וואָס פריער אָנצוזען דעם קראַטער. אָבער די טאָפּלטע פּאָרציעס, וואָס ער האָט דערפאַר אַריינגעריבן, האָבן נעבעך גאָרנישט געהאָלפן. ער האָט סיי-ווי געמוזט וואַרטן אויפן וועג-ווייזערס געשריי.

די דריי מרוקעוואַטע, אומעטיקע איסלענדער, וואָס האָבן אונז באַגלייט, האָבן איבער דער גאַנצער צייט נישט אויסגערעדט קיין איין וואָרט; זיי האָבן געגעסן געלאַסן, נישט אויפהויבנדיק אויף קיינעם די אויגן.

דאָס לאַנד איז געווען חושכדיק, פול מיט פעלזן, אָן שום בלומען, אָן שום געוויקסן, אָן פרייד פון פייגל-געזאַנג; אַזאַ לאַנד האָט געוואָרפן זיין שוואַרצן שאָטן אויך אויף די אָרטיקע איינוווינער.

אַלע זענען זיי געווען פון זעלבן טיפּ, וואָס זשאַן און זיינע חברים.

מיר האָבן אָנגעהויבן צו שטייגן אויף די זייטן פון באַרג סנעפעלס.

מיר האָט זיך געדאַכט, אַז זיין שפּיץ ליגט ערגעץ אָט-אָט, זייער נאָענט; איין רגע בלויז — האָב איך געטראַכט — און מיר וועלן שטיין אויפן שפּיץ. אָבער, ווי קומט! שעהן, שעהן האָבן אונז אָפּגעטיילט פון שפּיץ... ס'אַראַ שרעקלעכע מידקייט ס'האָט באַהערשט מיינע גלידער!

מיר האָבן געטראָטן איבער שטיינער, וואָס זענען נישט געווען באַהעפט נישט מיט קיין ערד, נישט מיט קיין גראָז; ווען מיר פלעגן זיי אָנרירן מיט די פיס, פלעגן זיי זיך בליץ-שנעל אַראָפּקייקלען באַרג-אַראָפּ און נעלם ווערן. אין עטלעכע

ערטער האָט זיך אפילו אַרויסגעוויזן, אַז אַריבערגיין איבער זיי איז אַן אומזין. דאָך זענען מיר אַדורך מיט דער הילף פון אונזערע שטעקנס. אַזוי-אַרום זענען מיר צו צום שפּיץ.

כ׳מוז צוגעבן, אַז דער פעטער האָט זיך כסדר געהאַלטן לעבן מיר און האָט אַכטונג געגעבן, מיר זאָל חלילה קיין בייז נישט געשען.

כ׳מוז אויך אָגב מודה זיין, אַז ער איז געגאַנגען אויס-געצייכנט.

וואָס שייך די איסלענדער, זענען זיי געגאַנגען מיט אַזאַ שנעלקייט און לעבעדיקייט, וואָס מען קען גאָרנישט באַשרייבן. ווי ווצוויאָרקעס איבער ביימער, אַזוי זענען זיי געשפּרונגען אי-בער די פעלזן.

לכתחילה האָב איך געמיינט, אַז כ׳וועל צום שפּיץ קיינ-מאָל נישט צוקומען.

צום גליק האָב איך אין אַ שעה אַרום דערזען טרעפּ, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן דורך דער נאַטור גופא, דהיינו — אַ שטראָמענדיקער באַרג-טייך האָט אויסגעקריצט אין דער ערד גריבלעך און אַזוי אַרום האָט ער אונז פאַרלייכטערט דעם וועג. אַזאַ באַרג-טייך רופט זיך אין איסלאַנד „סטינע“. ס׳אַרא גרויסע טובה ער האָט אונז געטאָן!

אָבער ווייטער, נאָך דידאָזיקע נאַטירלעכע טרעפּ, איז דער וועג געווען ווידער שווער און פול מיט שטערונגען. די בערג זענען געווען זייער שפּיציק און שמאָל, אַרומגערינגלט מיט אָן אַ שיעור טיפע אָפּגרונטן.

דער וועג איז נאָך צו אַלע צרות געווען מוראדיק גע-דרייט. אַזוי-אַרום האָב איך עטלעכע מאָל געבלאָנדזשעט, נישט קאָנענדיק אָניאָגן מיינע חברים.

זיבן אין אָוונט האָבן מיר שוין געהאַט אַדורכגעמאַכט צווייי מייל פון די נאַטירלעכע באַרג-טרעפּ, און מיר האָבן זיך ענדלעך פאַרהאַלטן לעבן דעם ציל פון אונזער נסיעה.

מיר האָבן געקענט פון דער הויך אָבסערווירן דעם ים.

ער איז געווען נידעריקער פון אונז אויף א מרחק פון צוויי טויזנט מיט הונדערט פוס.

מיר זענען צו אין איסלאַנד ביז דער גרענעץ פון די אייביקע שנייען, וועלכע פאַלן דאָ אייגנטלעך זעלטן, ווייל דער אויס-לענדישער קלימאַט איז אַ פייכטער.

ס׳איז פלוצים געוואָרן זייער קאַלט. אַ שאַרפער ווינטער האָט געבלאָזן מיטן גאַנצן כוח. כ׳בין געווען אויסערגעוויינלעך אויסגעמוטשעט. דער פּראָפעסאָר האָט עס באַמערקט; ער האָט אויך באַמערקט, אַז די פיס ווילן מיר שוין מער נישט דינען; און נישט געקוקט אויף דעם, וואָס ער האָט זיך — ווי זיין שטייגער איז — שטאַרק געאיילט, האָט ער דאָך פאַרגעלייגט, מיר זאָלן זיך אָפּרוען.

ער האָט עס איבערגעגעבן דעם וועג-ווייזער אויף יע-נעמס לשון, נאָר יענער האָט בלויז אַ דריי געטאָן מיט דעם קאָפּ און געזאָגט:

— אין אַ זייט!

דער פעטער האָט אים געפרעגט, וואָס איז די מעשה. דער וועג-ווייזער האָט גאָרנישט געענטפערט, נאָר איך געוויזן אַן אויסערגעוויינלעכע דערשיינונג. אויף די דריי איסלענדער האָבן מיט אַן איבערגעשראָקענעם בליק געקוקט אין חלל. אין דער אמתן איז טאַקע געווען פאַר וואָס זיך צו שרעקן.

כ׳האָב געוועגדעט מיינע אויגן אין חלל, און וואָס האָב איך דערזען?

אַ ריזיקער מבול פון שטיינער האָט זיך שטורעמדיק גע-קייקלט, זאַמד און שטויב האָבן זיך געהויבן אין דער לופט, זיך געדרייט אַרום און אַרום, ווי אין אַ פאַרכישופטן קרייז, אַ מעכטיקער ווינטער האָט עס אַלץ געשמעטערט אויף די בערגלעך פון סנעפעלס — און אויף די בערגלעך זענען מיר טאַקע געשטאַנען.

אַ ריזיקע כמאַרע, אָפּגעריסן פון פאַרוואָלקנטן הימל, האָט געשוועבט אינדערהויך, ווי אַ שוואַרצער נעפּל, איבער די צע-

בושעוועטע זאַמדן און פון דער ערד גרויסגעריסענעם שטויב.

ווען דער לופט-טרומייט וואָלט זיך אַ לאָז געטאָן אונטן, צו אונז, וואָלט ער אונז בלי־ספק מיטגעריסן מיט זיך. אָט די אָפּטע איסלענדישע דערשיינונג רופן די דאָרטיקע איינוווינער „מיסטור".

— שנעלער! שנעלער! — האָט געשריגן אונזער פירער.

הגם כ׳האָב דעניש נישט געקאָנט, האָב איך דאָך פאַרשטאַנען די געפאַר און זיך אַ לאָז געטאָן נאָכן פירער.

בקרוב האָט דער הוראַגאַן אַ שמעטער געטאָן דעם באַרג, וועלכער האָט זיך מוראדיק צעטרייסלט. שטיינער און זאַמד האָבן גענומען פאַלן, ווי אַ געדיכטער רעגן, אויפן באַרג.

צום גליק זענען מיר שוין געווען אויף דער צווייטער זייט, אין אַ זיכערן אָרט — און אַלץ אַ דאַנק אונזער וועג־ווייזערס ניכטערקייט. ווען נישט ער, וואָלטן מיר געוואָרן דערשטיקט דורכן גרויזאַמען הוראַגאַן און פאַרוואָרפן ערגעץ ווייט דורכן מבול שטיינער.

זשאַן האָט געהאַלטן, אַז עס איז נישט גענוג זיכער צו נעכטיקן אויף די צעשמעטערטע פעלזן.

זענען מיר ווייטער געגאַנגען — פינף שעה אָן אויפהער.

כ׳בין פשוט געפאַלן פון די כוחות. כ׳בין געווען הונגעריק. ס׳האָט מיר געשווינדערט אַ קעלט.

די לופט איז געוואָרן אַזוי געדיכט, אַז מען האָט קוים־קוים געקאָנט אָטעמען.

לסוף זענען מיר עלף אַ זייגער ביינאַכט, אין אַ פולשטענדיקער פינסטערניש, צוגעקומען צום שפּיץ סנעפעלס. כ׳האָב געקאָנט פון דאַנען אינמיטן דער נאַכט אָבסערווירן די זון, וואָס האָט געוואָרפן אירע בלייכע שטראַלן אויפן אינזל, וועלכער האָט צופוסנס שטיל געדרימלט.

## קאַפּיטל זעכצן

# אויפן באַרג־שפּיץ.

מיר האָבן אָפּגעגעסן אָוונט־ברויט און זיך געלייגט שלאָפן. א האַרטער געלעגער — אַ געפּערלעכער מצב — אומזי־כערקייט — פינף טויזנט פוס איבערן ים — דאָך האָט דאָס אַלץ מיר נישט געשטערט אין שלאָפן. כ'בין שוין לאַנג אַזוי פיין נישט געשלאָפן, אָן שום פיבער־חלומות.

ווען מיר האָבן זיך אָבער אויפגעוועקט, זענען מיר געווען אַדורכגענומען מיט אַ שאַרפער קעלט.

די זון־שטראַלן האָבן פּרעכטיק געלויכטן, בשעת איך האָב זיך אויפגעהויבן פון שטיינערנעם געלעגער. דער פּייזאַזש, וואָס איז געלעגן פאַר מיינע אויגן, איז געווען באמת אַ בילד־שיינער.

כ'האָב געזען כמעט דעם גאַנצן אינזל — טיפע טאָלן, וואָס האָבן זיך געקרייצט אין אַלע ריכטונגען — תהומען, וואָס האָבן אויסגעזען, ווי אויסגעגראָבענע ברונעמס — אָזיערעס, וואָס האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין סטאַוון — טייכן, וואָס האָבן זיך פאַר־וואַנדלט אין בערג־טייכלעך. און אַרום־און־אַרום אַ ים פון אייז־בערג און סתם בערגלעך מיט הויכע, אויסגעצויגענע שפּיצן. נישט איין בערגל האָט אַרויסגעלאָזט פון זיך אַ גרויען רויך.

מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דער גאַנצער פּייזאַזש פון די־

דאָזיקע רויכנדיקע בערגלעך, אויף וועלכע עס זענען געלעגן שנייען, קאָכט זיך און ברויזט ווי אַ צעבושעוועטער ים. אויף מערב-זייט האָב איך טאַקע געזען דעם אָקעאַן אין זיין גאַנצער פראַכט און מאַיעסטעט. ער האָט אויסגעזען ווי אַ המשך פון די שפּיציקע און ברויזנדיקע בערגלעך.

ווּ ענדיקט זיך די ערד? ווּ הויבן זיך אָן די כוואַליעס? מיין אויג האָט עס נישט געקענט באַגרייפן.

כ׳האָב זיך פּשוט געטונקט אין דעם אומפאַרגלייכלעכן, מאַלערישן בילד...

מען האָט מיט התפּעלות איינגעזאַפּט אין זיך די פּרעכ-טיקע זון-שטראַלן, וואָס זענען געפאַלן אויפן אינזל...

כ׳האָב לגמרי פאַרגעסן, ווער און ווּ איך בין. ס׳האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז איך בין אַן עלף, אָדער אַ פאַנטאַס-טישער גבור פון דער סקאַנדינאַווישער מיטאָלאָגיע.

כ׳בין פּשוט געווען באַרוישט פון דער באַרג-פּרעכטיקייט און כ׳האָב בעת-מעשה פאַרגעסן, אַז אָט-אָט וועל איך מוזן זיך אַראָפּלאָזן אין פינסטערע אָפּגרונטן.

ס׳זענען אָבער אָנגעקומען דער פּעטער מיטן וועג-פירער און איך האָב זיך אויסגעניכטערט.

דער פּעטער האָט זיך געווענדט צו מערב-זייט, מיר גע-וויזן אַ לייכטן וואָלקן און געזאָגט:

— גרענלאַנד!

— גרענלאַנד? — האָב איך זיך געחידושט.

— יאָ, מיר זענען אויף אַ מהלך פון פינף און דרייסיק מייל פון גרענלאַנד; בעת דער שניי צעגייט קומען אָן ווייסע בערן אויף די אייז-קריעס פון גרענלאַנד קיין איסלאַנד. אָבער אונז גייט עס נישט אָן. מיר געפינען זיך אויפן שפּיץ סנעפעלס. אָט זעסטו צוויי שפּיצן: איינעם אויפן דרום און אַ צווייטן אויפן צפון.

זשאַן האָט אונז מסביר געווען, ווי עס הייסט דער שפּיץ, אויף וועלכן מיר שטייען אַצינד.

— סקאַרטאַריס.

דער פעטער האָט מיר ערשט דערקלערט מיט טריומף:

— מיר זענען אויפן קראַטער !..

דער קראַטער סנעפעלס האָט אויסגעזען ווי אַן איבערגעקערטער בעכער. היינט שטעלט אייך פאָר, וואָס עס טוט זיך, ווען פון אַזאַ ריזיקן בעכער שיטן זיך גליענדיקע שטיינער!

אַ שוידער האָט מיך אַרומגענומען, ווען כ׳האָב געטראַכט, אַז אָט-אָט דאַרפן מיר זיך אַראָפּלאָזן אין קראַטער.

אַריינקריכן אין אַ גרוב, ווו עס קען שוין אַצינד פאָרקומען אַן אויסברוך, איז אַן איינפאַל פון אַ משוגענעם — האָב איך געטראַכט.

מען האָט אָבער נישט געטאָרט לאַנג טראַכטן. זשאַן האָט אונז גענומען אַריינפירן אינעווייניק. ער איז געגאַנגען דער ערשטער, און מיר — נאָך אים.

כ׳בין געגאַנגען אָן שום פראָטעסט.

כדי עס זאָל אונז גרינגער אָנקומען דאָס אַריינגיין אינעווייניק, האָט אונז זשאַן געפירט איבער די צעטרייסלטע פעלזן, וואָס האָבן געגרייכט ביזן סאַמע גרונט פון ווולקאַן.

עטלעכע טיילן פון קראַטער זענען געווען אייז-בערג, פון וועלכע מען האָט געקענט אַ ליאַדע רגע זיך אַראָפּגליטשן אין תהום.

מיר האָבן זיך אַלע אַרומגעבונדן מיט איין שטריק. פּאָרויס איז געגאַנגען דער וועג-ווייזער מיט אַן אייזערנעם שטאַנג אין האַנט, כדי אומעטום אָנצורירן די ערד און זען, צי מען קען זיכער אַדורכגיין.

דער וועג איז אַדורך אָן שום פאָרפאַלן. נאָכמיטאָג זענען מיר אָנגעקומען אויפן אָרט.

כ׳האָב אויפגעהויבן דעם קאָפּ און דערזען אַ קליין שטיקעלע הימל...

אין קראַטער האָבן מיר דערזען דריי ריזיקע לעכער, ווי קוימענס, דורך וועלכע ס׳זענען מסתמא בשעתן אויסברוך אַרויס רויך און לאַווע.

איך האָב נישט געהאַט דעם מוט אַ קוק צו טאָן אינע־ווייניק. אַקעגן־זשע פּראָפעסאָר לידענבראָק איז געווען אויפן זיבעטן הימל.

מיט אויסגעשטרעקטע הענט, שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט דעם, וואָס ס׳טוט זיך אינעווייניק, איז ער געשפּרונגען איבער די שטיינער, געפּאָכעט מיט די הענט און געבעבעט עפּעס אומפאַר־שטענדלעכע ווערטער. זשאַן און זייגע חברים האָבן זיך באַזעצט אויף די שטיינער און פאַרחידושט אָנגעקוקט דעם פּראָפעסאָר; זיי האָבן אַוודאי געמיינט, אַז ער איז אַראָפּ פון זינען.

אין דער רגע האָט דער פּראָפעסאָר אַרויסגעלאָזט אַ שטאַרקן געשריי. כ׳האָב געמיינט, אַז ער איז אַראָפּגעפאַלן אין תהום.

ער איז געשטאַנען מיט אויסגעשטרעקטע הענט פאַר אַ ריזיקן גראַניטן־פעלז. ער איז געשטאַנען אין אַ פּאָזע פון אַ פאַרחידושטן מענטשן, וואָס ווערט שיער נישט משוגע פון פרייד.

— אַקסעל! אַקסעל! — האָט ער געשריגן, — קום נאָר אַהער! שנעלער!

איך בין צוגעלאָפן. זשאַן און זיינע חברים האָבן זיך אפילו פון אָרט נישט גערירט.

— גיב נאָר אַ קוק! — האָט מיר דער פעטער באַפוילן.

איך בין נתפּעל געוואָרן, ווי ער גופא: אויף דער דרום־זייט פון פעלז האָב איך איבערגעלייענט אַ נאָמען, וואָס איז געווען אויסגעקריצט אין דענישן כּתב — „אַרנאָ סאַקנוסעם".

וויפיל מאָל האָב איך פאַרשאָלטן דעמדאָזיקן נאָמען, וואָס האָט גורם געווען אונזער געפערלעכע נסיעה!

אין אַ צייט אַרום זענען מיר געבליבן בלויז זאַלבעדריט: דער פעטער, איך און דער וועג־ווייזער; די דריי איסלענדער האָבן אונז פאַרלאָזן, זיי האָבן נישט אַרויסגעוויזן קיין חשק אונז צו באַגלייטן.

זשאַן איז איינגעשלאָפן לעבן אַ פעלז — אויף אַ געלע־גער פון פאַרגליווערטער לאַווע. אַקעגן־זשע דער פעטער האָט זיך רק געדרייט אַרום קראַטער, ווי אַ ווילדע חיה, וואָס איז פאַרשפּאַרט אין אַ שטייג.

וואָס שייך מיר, האָב איך נישט געהאַט קיין כּוח און קיין חשק זיך אַרומצודרייען און, נעמענדיק אַ ביישפּיל פון אונזער פירער, האָב איך זיך אויך געלייגט צופוסנס פון אַ פעלז.

אַזוי איז אַדורך די ערשטע נאַכט אונטער דער ערד.

אויף צומאָרגנס האָבן גרויע, שווערע כמאַרעס באַלאַגערט דעם שפּיץ קראַטער.

דערדאָזיקער חושך איז מיר גאָרנישט געפעלן געוואָרן, באָר ס'האָט מיך בקרוב גענומען אינטערעסירן אַן אַנדער שטערונג, דהיינו: דער פעטער איז געווען שרעקלעך אין כּעס.

די סיבה איז געווען דאָס, וואָס אין איסלענדישן כּתב־יד איז געווען אָנגעוויזן, אַז מען דאַרף גיין לויט דער ריכטונג, ווו ס'וועט סוף יוני פאַלן אַ שאָטן. און ס'זענען געווען דריי ריכטונגען. נאָר צוליב דעם פאַרכמאַרעטן הימל האָבן די זון־שטראַלן נישט געקאָנט אַריינדרינגען אין ווולקאַן — און דער וויסנשאַפטלער איז געווען שייצלעך אין כּעס.

ס'איז שוין געווען דער 25־טער יוני. וואָס־זשע וועט זיין, אויב דאָס וועטער וועט זיך נישט בייטן?

אין אַזאַ פאַל וואָלט דער פּראָפעסאָר געווען געצוווּנגען אָפּצולייגן זיין רייזע אונטער דער ערד אויפן צווייטן יאָר.

כ'האָב עס געהאַלטן פאַר דער איינציקער רעטונג, ווייל כ'האָב נאָך אַלץ מורא געהאט פאַר דער משוגענער רייזע. כ'בין נישט אימשטאַנד אָפּצומאָלן דעם פּראָפעסאָר לידענבראָקס ירגזון, ווען דער טאָג איז אַוועק און קיין איין שטראַל האָט זיך אויפן הימעל נישט באַוויזן. זשאַן האָט זיך אפילו נישט גערירט פון אָרט און אַפילו נישט געפרעגט, אויף וואָס מיר וואַרטן. ער האָט איצט געשוויגן, ווי תמיד. ער האָט בלויז אָבסערווירט דעם פעטער.

דער פעטער האָט די גאַנצע צייט נישט אויסגערעדט קיין איין וואָרט. ער האָט נאָר געקוקט אויפן הימל און געזוכט אַ זון־שטראַל. אויף צומאָרגנס, דאָס הייסט דעם 26־טן יוני, איז ווידער געווען אַ כמאַרע. אַ גאַנצן טאָג האָט געטראָפּנט אַ רעגנדל מיט אַ שניי.

זשאַן האָט געבויס פון ברעקלעך לאַווע אַ הייזעלע — איך האָב זיך צוגעקוקט צו די אַרומיקע פעלזן — דער פעטער, ברוגז אויף דער גאַנצער וועלט, האָט זיך געהאַלטן אין איין כעסענען.

מען מוז מודה זיין, אַז אין אַזאַ פאַל וואָלט זיך אַפילו געראָגזט אַ פיל געדולדיקערער מענטש פאַר מיין פעטער.

און פאַרוואָס־זשע טאַקע נישט? ער איז צוגעקומען צו דער טיר, מנצח געווען אַזויפיל שוועריקייטן, אַזויפיל כוחות אָנגעווירן און צום סוף — גאָרנישט אויפטאָן און גיין בהרפתו צוריק.

דעם 27־טן איז ווידער געווען כמאַרנע און טונקל. ערשט זונטיק, דעם 28־טן יוני, האָט די זון געוואָרפן אירע שטראַלן אין קראַטער.

יעדער בערגל, יעדער פעלז, יעדער שטיין — איז באַלויכטן געוואָרן דורך די שפרענקעלעך פון די זון־שטראַלן.

אַרום מיטאָג־צייט האָבן די שטראַלן אויף אַ רגע באַלויכטן דעם מיטלסטן קוימען.

— דורך דאָנען! — האָט געשריען דער פראָפעסאָר — דורך דאַנען ווען מיר זיך אַריינקריגן אונטער דער ערד! באָרויס!

## קאַפּיטל זיבעצן

# אַ י ן װ ו ל ק אַ ן.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַן אמתע נסיעה אונטער דער ערד.

ביז איצט האָבן מיר נאָך נישקשהדיק מנצח געווען די שוועריקייטן; אָקעגן-זשע אצינד האָבן די שטערונגען איבערגע-שטיגן אונזערע כּוחות און זיך געטאָפּלט אויף טריט און שריט.

איך האָב זיך נאָך עד-היום נישט אָפּגעגעבן קיין דין-וחשבון פון די געפאַרן, וואָס האָבן אויף אונז געלויערט אויפן גאַנצן וועג.

עס איז אָבער אָנגעקומען די לעצטע מינוט. כ'האָב גע-האַט אַ ברירה זיך אומצוקערן אַהיים. איך וואָלט בלי-ספק אַזוי טאַקע געטאָן, ווען נישט... די בושה פאַר דעם וועג-ווייזער.

זשאַן האָט אַזוי רויִק אויסגעהערט די ידיעה וועגן אונ-זער וווייטערדיקן וועג, מיט אַזאַ גלייכגילטיקייט צו כּלערליי געפאַרן, אַז כ'האָב זיך פאַרררויטלט פון בושה אויפן סאַמע גע-דאַנק, אַז איך בין אַ פּחדן...

כ'האָב אַפילו געהאַט טויזנט ראַיות, וועלכע וואָלטן מיר געגעבן רעכט. אָבער אין דער אָנוועזנקייט פון בראַוון פירער האָב איך זיך געשעמט.

איין געדאַנק מיינער איז אויף אַ רגע אַוועקגעפּלויגן צו דער שיינער מאַרגעריט...

כ'האָב זיך דערנענטערט צום מיטלסטן קוימען. ער איז געווען ברייט אויף הונדערט פוס. כ'האָב זיך איבערגעבויגן און אַ קוק געטאָן.

די האָר האָבן זיך מיר געשטעלט אויפן קאָפּ. אַלץ האָט געשווינדלט פאַר מיינע אויגן, כ'האָב זיך אַ וואַקל געטון און כ'וואָלט געוויס אומגעפאַלן, ווען נישט דעם פּירערס פעסטע האַנט, וואָס האָט מיך אונטערגעהאַלטן.

דער קוימען האָט געהאַט אַסאַך טרעפּ, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן דורך שטיקער פעלזן און שטיינער. דער אַראָפּגאַנג איז נישט געווען צו שווער.

דער פּעטער האָט דערפונדן אַן אויסגעצייכנט מיטל, ווי אַזוי מיר זאָלן קענען שנעל און לייכט אַראָפּ אונטן, דהיינו: ער האָט אָנגעבונדן אַ שטריק אין אַ פעלז, מיר האָבן זיך אַלע אַרומגעבונדן מיטן שטריק און אַזוי-אַרום האָבן מיר זיך אַראָפּגעלאָזט אין אין-סוף.

— אַצינד וועלן מיר זיך פאַרנעמען מיטן באַגאַזש, — האָט דער פּעטער נאָכהער געזאָגט — מען דאַרף אים צעטיילן אויף דרייען; און יעטוועדער פון אונז וועט נעמען צו איין חלק אויף די פּלייצעס. זשאַן וועט נעמען די מכשירים מיט איין טייל עסנוואַרג. דו, אַקסעל, אויך אַ ביסל עסנוואַרג מיט די כּלי-זין; איך דעם דריטן טייל עסנוואַרג מיט די כּלים.

— שטיי נאָר! — האָב איך זיך אָנגערופן — נו, און די מלבושים? און די שטריק? ווער וועט עס אַלץ נעמען?

— זיי וועלן אַליין אַראָפּפאָרן אונטן.

— ווי-זשע?

— וועסט זען.

דער פּעטער האָט געהייסן זשאַנען צונויפבינדן די זאַכן און זיי אַראָפּוואַרפן אין תּהום.

כ'האָב דערהערט דעם עכאָ, ווי די פּעקלעך האָבן זיך

אַראָפּגעקייקלט. דער פּעטער האָט זיי אויך באַגלייט מיט זיין בליק. ווען ער האָט זיי שוין נישט געזען, האָט ער געזאָגט צו זשאַנען:

— גוט, אַצינד וועלן מיר זיך אַ נעם טאָן.

דער פּעטער האָט גענומען זיין פּאַק אויף די אַקסלען, זשאַן — זיינעם, און איך — מיינעם.

מיר האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אונטער דער ערד: זשאַן — דער ערשטער, נאָך אים — איך מיט מיין פּעטער.

ס׳איז געווען טויט-שטיל. פון צייט צו צייט פלעגן זיך אַראָפּקייקלען שטיינער, אָפּגעריסן פון די פעלזן.

כ׳בין געפלויגן אין חלל, ציטערנדיק אינגאַנצן, טאָמער רייסט זיך אָפּ דער שטריק, וועלכער איז געווען נישט אי־בעריק גראָב — און אויסהאַלטן האָט ער געדאַרפט דריי פּער־זאָן מיט דעם באַגאַזש אַ צולייג.

אַ שרעק איז געווען צום טראַכטן, אַז מיר פליען, נישט זעענדיק קיין האָר און נישט וויסנדיק, וואָס מיר וועלן טרעפן אויפן גרונט פונם קוימען, אפשר וואַסער און אפשר צעפלאָסענע לאַווע.

ווען זשאַן פלעגט אָנטרעפן אויף אַ שאַרפן, שפּיציקן פעלז, אָדער אויף אַן אַנדער שטערונג, פלעגט ער תיכף אַ גע־שריי טאָן:

— אַכטונג!

אין אַ האַלבע שעה אַרום זענען מיר צו צו אַן אָרט, ווו ס׳איז געווען שווער אַדורכצוגיין. דער שטריק האָט זיך פאַרטשעפּעט אין אַ פעלז, אָבער זשאַן האָט אין איין אויגנ־בליק צעשמעטערט דעם שפּיץ פון פעלז, און מיר האָבן זיך געלאָזט ווייטער אָן אַ שום פּאַרפּאַל.

כ׳האָב זיך איבערגעבויגן און געכאַפּט אַ קוק אין דער טיפעניש; איך האָב באַמערקט, אַז מען זעט נאָך נישט דעם גרונט.

די שטערונג מיטן שטריק האָט זיך איבערגעחזרט נאָ־כאַמאָל.

כ׳ווייס נישט, צי דער בעסטער געלאַג וואָלט געווען אומשטאַנד אָפּצושאַצן אַלע ערד-פלאַכן, וואָס מיר האָבן באַמערקט, אַדורכפליענדיק; און דאָך האָט דער פּעטער אַלע ערד-פלאַכן גוט באַמערקט.

ווען מיר האָבן זיך אַ ווײַלע אָפּגערוט, האָט ער מיר געזאָגט:

— וואָס טיפער כ׳פלי אַראָפּ, אַלץ גרעסער איז מײַן האָפענונג.

נאָך דריי שעה רייזע האָב איך נאָך אַלץ נישט געזען דעם גרונט פון קוימען.

מיר האָבן געענדערט אָן איבעררייס. כ׳האָב געפילט, אַז מיר זענען מסתמא נישט ווייט פון גרונד, וואָרן די שטיינער, וואָס האָבן זיך אַראָפּגעקייקלט פון אונטער אונזערע פיס, האָבן געהאַט דעם אָפּקלאַנג פון אַ שנעלערן אַראָפּפאַל אין תהום.

מיר האָבן במשך זיבן שעה אַדורכגעמאַכט צוויי טויזנט אַכט הונדערט פוס.

אין דער רגע האָבן מיר דערהערט זשאַנס קול:

— שטייט!

כ׳האָב זיך אָפּגעשטעלט כמעט ווי אויפן פעטערס קאָפּ.

— מיר זענען אויפן אָרט, — האָט געזאָגט דער פעטער.

— ווו זענען מיר? — האָב איך געפרעגט.

— אונטער דעם קוימען.

— קיין אַנדער אַרויסגאַנג איז דאָ נישטאָ?

— ס׳קען זיין, אַז מיר וועלן מאָרגן דערזען נאָך אַן אַרויסגאַנג. אָקאָרשט וועלן מיר איבערבייסן און גיין שלאָפן.

דאָ איז נישט געווען אינגאַנצן פינסטער. מיר האָבן געעפנט אַ זעקל מיט עסנוואַרג, יעטוועדער פון אונז האָט זיך דערכאַפּט דאָס האַרץ, דערנאָך זענען מיר אַלע געגאַנגען שלאָפן אויף דער פאַרגליווערטער לאַווע און אויף די שטיינער.

און ווען כ׳האָב זיך אויסגעצויגן אויפן האַרטן געלעגער, האָב איך אויפגעהויבן די אויגן אינדערהויך, כ׳האָב דערזען

Inw. 1090

איבער מיין קאָפּ אַ גלאַנציקן שטערן — אַ שטערן פון דער קאָנסטעלאַציע „די גרויסע בעריכע״. כ׳בין תּיכּף איינגעשלאָפן מיט אַ שלאָף פון אַ שטערבלעך-פאַרמאַטערטן מענטשן.

## קאַפּיטל אַכצן

# אונטער דער ערד.

אַכט אַ זייגער אינדערפרי האָט אונז אויפגעוועקט אַ זון-שטראַל.

דער שטראַל האָט זיך צעשפּרענקלט אויף אַלע זייטן און געשפּריצט פלעמעלעך אַרום זיך. אַזוי-אַרום האָט מען געקענט אונטערשיידן יעדן קעגנשטאַנד.

— נו, אַקסעל, וואָס ווערסטו זאָגן דערצו? — האָט אויסגעשריען דער פעטער, רייבנדיק די הענט פאַר שמחה, — ביסטו ווען אינדערהיים געשלאָפן אַזוי רויִק ווי דאָ? נישט קיין גאַסן-רויש, נישט קיין רעש פון רעדער, נישט קיין ליאַרעם פון הענדלער.

— אָן שום ספק, — האָב איך געענטפערט — ס׳איז גאַנץ רויִק אין דעם ברונעם; נאָר כ׳וועל זיך מודה זיין, אַז דידאָזיקע שטילקייט פאַרבאָרגט אין זיך עפּעס מוראדיקס.

— נו, נו! — האָט דער פעטער אַ געשריי געטאָן, — אויב דו האָסט שוין מורא אַצינד, וואָס-זשע וועט שוין זיין שפּעטער? מיר זענען דאָך נאָך אפילו אויף קיין איין צאָל נישט אַריין אונטער דער ערד!

— וואָס רעדסטו?

— כ׳וויל דערמיט זאָגן, אַז מיר זענען איצט בסך-הכּל צוגעקומען צום פלאַך פון אינזל. אָט דער גרויסער טרומפּייט, וואָס געפינט זיך אין קראַטער סנעפעלס, דערנענטערט זיך קוים צום ים-ניוואָ.

— איז דער פעטער זיכער, אַז אַזוי איז עס טאַקע?

— נאָך מער ווי זיכער. קענסט עס זען אויפן באַ-ראָמעטער.

דער באַראָמעטער האָט פּאַקטיש געוויזן, אַז מיר האָבן סך-הכּל אַדורכגעמאַכט ניין און צוואַנציק פוס.

— זעסט, — האָט דער פעטער ווייטער גערעדט, — מיר האָבן שוין בלויז אַ דרוק פון איין אַטמאָספער און אַצינד וועלן מיר שוין נישט דאַרפן דעם באַראָמעטער; ס׳וועט אים פאַרטרעטן דער מאַנאָמעטער.

— צי קען נישט אָמאָל דער דרוק זיין פאַר אונז גע-פערלעך?

— חלילה, מיר וועלן אַראָפּשטייגן פּאַמעלעך, און אונזערע לונגען וועלן זיך צוגעוווינען צו עטעמען מיט אַזאַ אַטמאָספער. ס׳איז איצט אַ שאָד צייט. ווו זענען די זאַכן, וואָס מ׳האָט אַראָפּגעוואָרפן אונטן?

כ׳האָב זיך אָקאָרשט דערמאָנט, אַז מיר האָבן אַ טאָג פריער אומזיסט געזוכט דעם באַגאַזש.

דער פּראָפעסאָר האָט אַ פרעג געטאָן זשאַנען. דער האָט זיך גוט אַרומגעקוקט און דערנאָך געענטפערט:

— דאָרט, אין דער הויך!

דער באַגאַזש האָט זיך ווירקלעך פאַרטשעפּעט אָן אַ שטיין, וואָס איז שטאַרק אָפּגעשטאַנען פון דער גאַנצער פעלזן-וואַנט — אויף אַ מהלך פון הונדערט פוס איבער אונזערע קעפּ. דער געשיקטער איסלענדער האָט אַרויפגעקלעטערט אויפן פעלז און אין עטלעכע מינוט אַרום איז ער געווען מיטן באַגאַזש נעבן אונז.

— לאָמיר עפּעס אַ קיי טאָן — האָט געזאָגט דער פע-טער — און לאָמיר עסן ווי מענטשן, וואָס האָבן פאַר זיך אַ לאַנגן וועג.

מיר האָבן געגעסן סוכאַרעס און געטריקנט פלייש; פאַר-טרונקען האָבן מיר מיט וויין, געמישט מיט וואַסער.

נאָכן עסן האָט דער פעטער אַרויסגעצויגן פון קעשענע אַ נאָטיק-ביכעלע, אַרויסגענומען פון דאָרט פאַרשידענע מכשירים און גענומען שרייבן אָט-וואָס:

מאָנטיק, דעם ערשטן יולי.

דער זייגער: 8 מיט 17 מינוט; פרי.

באַראָמעטער: 29 גראַד.

טערמאָמעט. : 6 גראַד.

ר י כ ט ו נ ג : מזרח—דרום—מזרח.

דאָס לעצטע האָט געהאַט אַ שייכות צו דער טונקעלער גאַלעריע און איז געוואָרן באַמערקט דורך דעם קאָמפּאַס.

— איצט, אַקסעל! — האָט דער פעטער התלהבותדיק געשריגן — אַצינד וועלן מיר אָנהויבן אונזער אמתע נסיעה אונטער דער ערד! אַצינד וועלן מיר שוין אויף זיכער אַראָפּ-שטייגן אין דער טיפעניש פון דער ערד!

אַזוי רעדנדיק, האָט דער פעטער אין איין האַנט גענומען רומקאָרפס אַפּאַראַט, וואָס ער האָט געטראָגן אויפן האַלז, אין דער צווייטער האַנט — דאָס שטריקל פון עלעקטרישן לעמפּל, און ס׳איז פּלוצים ליכטיק געוואָרן אין דער פינסטערניש.

זשאַן האָט געטראָגן אַ צווייט אַפּאַראַטל, וואָס מען האָט אויך געלאָזט גיין. ס׳איז אַזוי-אַרום געווען אַזוי ליכטיק, ווי אויף דער ערד.

— אין וועג אַריין! — האָט אַ באַפעל געטאָן פּראָפעסאָר לידענבראָק.

יעטוועדער האָט גענומען זיין פעקל. זשאַן האָט נאָך אויסערדעם געקייקלט מיט די פיס יענס פעקל מלבושים, און אַזוי זענען מיר זאַלבעדריט אַריין אין די אומבאַקאַנטע אונטער-ערדישע וועלטן.

אין דער לעצטער רגע האָב איך אויפגעהויבן די אויגן און געכאַפּט נאָך איין קוק אויפן הימל — אויפן איסלענדישן הימל — כ׳האָב זיך פאַרגעשטעלט, אַז כ׳וועל אים שוין קיינ-מאָל נישט זען...

די לאַווע האָט געגלאַנצט ווי בריליאַנטן ביים שיין פון אונזערע עלעקטרישע לאָמפּן.

ביים אַריבערגיין האָבן מיר קיין גרויסע שוועריקייטן ניט געהאַט.

פון ־צייט צו צייט האָבן מיר זיך בלויז אויסגעגליטשט; מיר האָבן זיך געמוזט אַזוי־אַרום אָנשפּאַרן אויף אונזערע אייזערנע שטעקנס.

— אַך, ווי שיין דאָ איז! — האָב איך אויסגעשריען, קוקנדיק אויף די אַרומיקע בריליאַנטן־שיינע ווענט. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אויף די ווענט הענגען אמתע בריליאַנטן.

— זעסט, אַקסעל! — האָט געזאָגט דער פעטער, שטאַרק צופרידן פון מיין איבעררעאַשונג. — דאָס איז פּרעכטיק, האַ? וועסט זען נאָך שענערע זאַכן. לאָמיר גיין ווייטער!

בינו־לבינו האָט זיך די טעמפּעראַטור אַ ביסל אַראָפּגעלאָזט — נישט געקוקט אויף מיין נביאות.

אין צוויי שעה אַרום האָט אָבער דער טערמאָמעטער געוויזן 10 גראַד, ד. ה. מיט 4 גראַד מער.

אין אָוונט, אַרום אַכט, האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט.

זשאַן האָט זיך תיכף אַוועקגעזעצט. די לעמפּלעך האָבן מיר אויפגעהאָנגען אויף דער לאַווע, וואָס האָט באַדעקט די גאַנצע וואַנט.

מיר האָבן זיך געפונען אין אַ הייל, וווּ ס'האָט נישט געפעלט קיין לופט.

קאַפּויער. דער ווינט האָט געבלאָזן פונקט אַנטקעגן אונז. פון וואַנען האָט ער געבלאָזן? אונטער וואָסערער אַטמאָספערישער ווירקונג איז ער געשאַפן געוואָרן? דאָס איז געווען אַ רעטעניש, וועלכע כ'האָב אַפילו נישט געהאַט קיין חשק צו לעזן.

דער הונגער האָט מיר נישט דערלויבט זיך צו פאַרנעמען מיט לעזן רעטענישן.

זיבן שעה כסדר זיין אויף די פיס, איז נישט קיין חכמה.

כ׳בין געווען דערשעפט. דאָס וואָרט: שטיין! — האָט מיך שטאַרק דערפרייט.

זשאַן האָט געמאַכט פון לאַווע אַ טישל, געגרייט צום טיש און מיר האָבן געקייט מיט גרויס אַפּעטיט.

איין זאַך האָט מיך באַאומרויִקט: אונזער וואַסער-רעזערוו האָט זיך פאַרקלענערט אויף אַ העלפט. דער פעטער האָט גע-רעכנט, אַז מיר וועלן אָנטרעפן קוואַלן, אָבער ביז איצט האָבן מיר נאָך קיין איין קוואַל נישט אָנגעטראָפן. כ׳האָב מיינע ספקות איבערגעגעבן דעם פעטער.

— יאָ, מיך באַאומרויִקט עס אויך, — האָט ער געענט-פערט. — מיר האָבן וואַסער נאָך אויף פינף טעג. נישט מער! אָבער זיי רויִק, אַקסעל, איך חזר דיר איבער, אַז מיר וועלן געפינען וואַסער און נאָך מער ווי מיר דאַרפן.

— טאַקע?

— ווי-נאָר מיר וועלן פאַרלאָזן דאָס אָרט. ווילסטו דען, אַז קוואַלן זאָלן אַרויסשפּריצן פון דער לאַווע?

—ס׳קען דאָך אָבער מעגלעך זיין, אַז דער לאַווע-קאָרידאָר זאָל זיך ציען זייער לאַנג? מיר דאַכט זיך, אַז מיר זענען נאָך קיין סאַך וועג נישט אַדורך.

— פון וואַנען דרינגסטו עס?

— ווען מיר וואָלטן שוין געווען פאַרגאַנגען טיף אין דער ערד, וואָלט די וואַרעמקייט געווען גרעסער.

— דאָס איז לויט דיין טעאָריע. און וואָס ווייזט דער טער-מאָמעטער? סך-הכל פופצן גראַד וואַרעמקייט, ד. ה. מיט ניין גראַד מער, ווי ביים אַריינגאַנג.

— נו?

— אָט איז מיין מיינונג: די וואַרעמקייט אונטער דער ערד פאַרגרעסערט זיך יעדע הונדערט פוס מיט איין גראַד. אָבער דער מצב און געוויסע באַדינגונגען קענען איבעראַנדערשן דאָס געזעץ. כ׳וועל נאָך צוגעבן, אַז אין שכנות מיט אַן אויס-געלאָשענעם ווולקאַן האָט מען באַמערקט, אַז די טעמפּעראַטור

פֿאַרגרעסערט זיך יעדע הונדערט פֿינף-און-צוואַנציק פֿוס.

— ווי-זשע מיינסטו, פּעטער?

— מיין איך, הייסט עס, אַז לויט אַט די אַלע אויסרעכע-נונגען האָבן מיר שוין אַדורכגעמאַכט צען טויזנט פֿוס איבערן ים-ניוואָ.

— איז עס דען מעגלעך?

— אָן שום ספֿק!

מיין פּעטערס אויסרעכענונגען זענען געווען גענויע. מיר האָבן שוין אַדורכגעמאַכט זעקס טויזנט פֿוס, דעם גרעסטן מהלך אין דער טיף, וואָס אַ מענטש האָט ווען-עס-איז אַדורכגעמאַכט.

## קאַפּיטל ניינצן

# מיר קריכן אַראָפּ טיפֿער.

אויף צומאָרגנס, דינסטיק, דעם 30-סטן יוני, 6 אין דער פֿרי, האָבן מיר זיך געלאָזט ווייטער אין וועג אַריין.

מיר זענען ווידער אַדורכגעגאַנגען דורך גאַלעריעס, פֿול מיט לאַווע. אַזוי האָט עס געדויערט ביז מיטאָג-צייט; שפּע-טער האָבן מיר זיך אַ קאַפּיטשקע אָפּגערוט.

— אַך! — האָט געזאָגט דער פּעטער — מיר זענען שוין אין סאַמע מיטן פֿון קוימען.

כ'האָב זיך אַרומגעקוקט. מיר זענען געווען אין מיטן קאָ-רידאָר, פֿון וועלכן ס'זענען זיך צעגאַנגען צוויי וועגן, ביידע שמאָלע און טונקעלע. דורך וועלכן מ'דאַרף גיין — דאָס איז געווען די קשיא.

אָבער דער פּעטער האָט פֿיינט געהאַט קווענקלעניש; ער האָט תּיכּף אויסגעקליבן דעם מזרח-טונעל און בקרוב

האָבן מיר זיך זאַלבעדריט דאָרט אַ לאָז געטאָן.

ס׳איז געווען ווארעם, אָבער מען האָט נאָך געקענט אויס-האַלטן. גייענדיק אַזוי, האָב איך זיך געטראַכט, ווי האָבן אויס-זען די וועגן, ווען די לאַווע האָט געשפריצט אין דער הויך.

כ׳האָב זיך פאָרגעשטעלט אין דער פאַנטאַזיע אַ מבול פון פייער און אומצייליקע טומאַנען פון גאַז, וואָס פילן אָן די גאַלעריע.

— אַלנפאַלס — האָב איך געטראַכט — האָב איך נישט קיין חשק עס אַצינד צו זען, און זאָל גאָט אָפּהיטן, דער וווּל-קאַן זאָל אויפדאָסניי נעמען שפּריצן מיט פייער!

כ׳האָב דעם פעטער לידענבראָק נישט איבערגעגעבן מיי-נע רעפלעקסן, ער וואָלט זיי געוויס נישט פאַרשטאַנען. זיין איינציקער געדאַנק איז געווען צו גיין פאָרויס.

איז ער טאַקע געגאַנגען, פלינק געקלעטערט און נישט אין זינען געהאַט קיין שום געפאַרן.

דער פעטער האָט פאַרגעלייגט זיך אויסצורוען. מיר האָבן גענומען אין מויל אַריין, נישט רעדנדיק צווישן זיך, דערנאָך האָבן מיר זיך געלייגט שלאָפן. אונזערע הכנות צום שלאָפן זע-נען געווען נאָך מער ווי געצוויינלעכע.

מיר האָבן זיך אַרומגעוויקלט מיט רייזע-קאָצן און זיך געלייגט אויף אַ פעלז. מיר האָבן נישט מורא געהאַט נישט פאַר קיין קעלט און נישט פאַר קיין אומגעבעטענע געסט.

רייזנדע, וואָס פאָרן אין די אַפריקאַנישע וועלדער, אָדער אין די געדיכטע דזשונגלען, מוזן זיין אויף דער וואַך אַפילו בעתן שלאָף. אָבער דאָ האָט געהערשט אַ פולקאָמע זיכערקייט און איינזאַמקייט.

ווילדע מענטשן און רויב-חיות האָבן דאָרט נישט קיין צוטריט.

אויף צומאָרגנס האָבן מיר זיך אויפגעהויבן פרישע און אויסגערוטע. מיר האָבן זיך געלאָזט ווייטער אין וועג אַריין.

דער וועג איז געווען ענלעך צו דעם פריערדיקן.

דער טונעל האָט זיך ווי געהויבן אין דער הויך, אָנ־שטאָט אונז צו פירן אין דער טיפעניש פון דער ערד. כ׳האָב זיך אַזוי פאַרמאַטערט, אַז איך בין בקרוב נישט געווען ביכולת צו גיין ווייטער.

— נו, אַקסעל! — האָט מיך געמונטערט דער אומגעדול־דיקער פּראָפעסאָר.

— כ׳קאָן שוין ווייטער נישט גיין, — האָב איך גע־ענטפערט.

— וואָס? אויף אַזאַ פיינעם וועג?

— אַ פיינער וועג, דאָס איז אמת, אָבער אַ דערשעפּנ־דיקער, דאָס איז אויך אמת.

— ס׳טייטש! מיר נידערן דאָך כסדר.

— און מיר דאַכט זיך, אַז מיר שטייגן גאָר!

— וואָס? מיר שטייגן? — האָט דער פעטער געהויבן מיט די פּלייצעס.

— נאַטירלעך. שוין אַ האַלבע שעה, ווי כ׳זע נישט קיין טאָלן; מיר וועלן אַזוי אַרום אַרויסקומען אויף דער ערד, אין איסלאַנד.

דער פעטער האָט אַ דריי געטאָן מיט דעם קאָפּ, ווי אַ מענטש, וואָס וויל זיך נישט איבערצייגן.

כ׳האָב זיך באַמיט אָנצוקניפּן אַ שמועס אויף דער טע־מע, נאָר דער פּראָפעסאָר האָט מיר אַפילו קיין איין וואָרט נישט געענטפערט. ער האָט בלויז געהייסן גיין ווייטער.

זיין שווייגן איז געווען אַ סימן פון זיין שלעכטער שטי־מונג.

כ׳האָב אויפגעהויבן מיין באַגאַזש און בין געגאַנגען שנעל פאָרויס נעבן דעם וועג־ווייזער, באַמיענדיק זיך נישט צו בלייבן פון הינטן.

כ׳האָב געציטערט בלויז ביים סאַמע געדאַנק, אַז כ׳קען נאָך פאַרבלאָנדזשען אין דעם ריזיקן לאַבירינג.

נישט געקוקט דערויף, וואָס דער וועג איז געווען זיי־

ער שווער, האָב איך זיך שטאַרק געפרייט מיטן געדאַנק, אַז מיר דערנענטערן זיך צו דער ערד.

די האָפענונג האָט מיך געהאַלטן אויף די פיס און צו-געגעבן מוט.

בייטאָג האָט זיך אַביסל געביטן דער פרצוף פון דער גאַלעריע, כ׳האָב דערזען ביים שיין פון דעם עלעקטרישן לעמפל אַ פעלז, באַדעקט מיט לאַווע.

מיר זענען געווען אין דער אוראַלטער, סילאָריאַנישער עפּאָכע.

— אַך! — האָב איך אויסגעשריען פון גרויס פאַרוווּנ-דערונג.

כ׳האָב אַזש געוואונדערט אויף זיך דעם פעטערס אויפ-מערקזאַמקייט.

— וואָס איז געשען? — האָט ער געפרעגט.

— גיב נאָר אַ קוק! — האָב איך געזאָגט, — מיר זע-נען דאָך צוגעקומען צו יענער עפּאָכע, ווען ס׳האָבן זיך באַ-וויזן די ערשטע געוויקסן און חיות!

— אַזוי דענקסטו?

— אָבער זע נאָר!

כ׳האָב געצווונגען דעם פעטער צוצורירן זיין לעמפל צום גרונט פון דער גאַלעריע. כ׳האָב דערוואַרט פון זיין זייט אַן אויסגעשריי; נאָר ער האָט נישט גערעדט קיין וואָרט און איז געגאַנגען ווייטער. האָט ער מיך פאַרשטאַנען, צי נישט? אפשר האָט ער מיר נישט געוואָלט נאָכגעבן צוליב זיין אייגנליבע, אַלס אַ פעטער און אַלס אַ געלערנטער. און אפשר איז ער געווען איבערצייגט, אַז איך האָב אַ טעות? און אפשר וויל ער גאָר אויספאָרשן דעם טונעל ביזן סוף? איינס איז געווען זי-כער: אַז מיר האָבן שוין פאַרענדיקט דעם וועג, וואָס איז באַ-שאָטן מיט לאַווע, און אַז דער וועג קאָן נישט פירן צום סנעפעלס.

## קאַפּיל צוואַנציק

# אַ רייזע אָן אַ עק.

מיר זענען געגאַנגען און געגאַנגען... ס׳האָט זיך אונז אויסגעדאַכט, אַז די גאַלעריע האָט קיין עק נישט. וואָס-זשע וועט זיין? צום עסן האָבן מיר געהאַט איבערגענוג, אָבער וואַסער האָבן מיר געקאָנט האָבן בלויז אויף דריי טעג.

קיין ענדע פון אונזער רייזע האָבן מיר נאָך אַלץ נישט געזען. דער פּעטער — כאָטש ער פלעגט תמיד גיין פאָרויס מיט גרויס ענטוזיאַזם — האָט זיך שטאַרק באַאומרויִקט. דאָרט, ווו ס׳האָט אים געטראָגן זיין דורשט נאָך וויסן, האָט אים געקענט דראָען אַ דורשט-טויט. מען וואָלט אפילו נישט באַוויזן זיך אומצוקערן אַהיים.

אויף דעם געדאַנק האָט מיר עפּעס אַ נאָג געטאָן אין הארצן. ס׳האָט מיך ווידער באַהערשט אַ בענקשאַפט נאָך דער יפהפיה מאַרגעריט.

האָב איך דען נישט געוואָרנט, האָב איך דען נישט פאָרגעפילט, אַז דידאָזיקע עקסקורסיע איז אַ משוגעת און וועט זיך ענדיקן מיט אונזער טויט?

און אויף אַ צולייג דער אומגליקלעכער וועג-ווייזער!

ער האָט דאָך איבערגעלאָזט אַ פרוי מיט דריי פּיצלעך קינדער... דריי אומשולדיקע עופהלעך. דער פּעטער וועט מיט זיין משוגעת ברענגען צו דעם, אַז די קליינינקע עופהלעך

וועלן ווערן יתומים! ס׳אַראַ לייכטזיניקייט!

מיר זענען שטום געגאַנגען, פאַרזונקען אין טרויעריקע מחשבות.

עס האָט אונז בלויז אונטערגעהאַלטן דעם פּירערס מוט. דער וועג האָט זיך שוין נישט אַזוי געהויבן כּסדר ווי פריער; קאַפּויער, ער האָט זיך משמעות אַ ביסל אַראָפּגעלאָזט אונטן. אָבער דאָס האָט דאָך נישט געהייסן, אַז מיר וועלן זיך באַלד אַרויסקריגן פון לאַבירינט.

דאָס עלעקטרישע ליכט האָט מיט אַ שיינעם גלאַנץ באַגאָסן די ווענט פון דער גאַלעריע; מינוטנווייז האָט זיך אונז אויסגעדאַכט, אַז מיר געפינען זיך אין עפּעס אַ פאַרכּישופטן קרישטאָל-ריינעם פּאַלאַץ.

פּרעכטיקע מאַרמאָרן האָבן באַפּוצט די ווענט, אייניקע גרויע מיט ווייסע פּאַסן, אַנדערע געלע מיט רויטע פּאַסן, גאָר אַנדערע טונקל-אַש-פאַרביקע.

אויף די מאַרמאָרן זענען געווען אויסגעקריצט בילדער פון אוראַלטע חיות.

בילדער פון פיש, וואָס רופן זיך אָן גאַנאָאידן און סויראָפּטעריסן, האָבן באַפּוצט די ווענט.

די פאַרמבולדיקע ימים זענען געווען פול מיט פאַרשידנמיניקע חיות. די ימים פלעגן אַרויסוואַרפן טויזנטער אַזעלכע פיש און אַזוי-אַרום אויסקריצן זייערע פאָרמען אויף די פעלזן.

פּראָפ. לידענבראָק האָט אויף דעם אַלעמען קיין אַכט נישט געלייגט. ער האָט געוואַרט רק אויף צוויי זאַכן: אָדער אַ קוואַל זאָל זיך אַנטפּלעקן פאַר אונזערע אויגן, אָדער עפּעס אַ נס זאָל געשען און אַ סוף מאַכן צו אונזער לאַנגן וועג. ס׳איז אָבער שוין אָוונט געווען און קיין איינע פון די צוויי דערשיינונגען איז נישט געשען.

פרייטיק, נאָך אַ שרעקלעכער נאַכט, ווען כ׳האָב צום ערשטן מאָל דערפילט די פּיין פון דורשט, האָבן מיר זיך ווי-

דער געלאָזט אין וועג אַריין.

אין צען שעה אַרום האָב איך באַמערקט, ווי דער שיין פון אונזערע ל׳עמפלעך ווערט שוואַכער.

דער מאַרמאָר איז געוואָרן וואָס־אַמאָל טונקעלער, אומעטי־קער און האָט שוין נישט געגלאַנצט ווי פריער.

כ׳האָב זיך אויף אַ רגע אָנגעשפאַרט אָן דער וואַנט, אויף לינקס פונם אָרט, ווו דער טונעל איז געווען זייער שמאָל. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די האַנט איז געוואָרן לגמרי שוואַרץ.

כ׳האָב זיך נענטער צוגעקוקט און וואָס האָב איך דער־זען?

— קוילן! אַ קוילן-גרוב! — האָב איך אויסגעשריגן.

— אַ קוילן-גרוב? — האָט זיך צעלאַכט דער פּראָפעסאָר.

— וואָס־זשע איז, אויב יאָ? — האָב איך געפרעגט.

— אַ שטיק קוילן, נישט מיר! — ד׳האָט אַרויסגעגעבן דער געלערנטער זיין פסק-דין, — מיר וועלן זיך זעצן עפּעס עסן!

זשאַן האָט צוגעגרייט עפּעס צום עסן. מען האָט אַצינד געגעסן זייער ווייניק, עס זאָל קלעקן אויף אַ לענגערע צייט. וואַסער האָבן מיר באַקומען סך-הכל צו עטלעכע טראָפּן.

דעם פּירערס רייזע-פלאַש איז שוין געווען אויף אַ העלפט ליידיק. אַזוי פיל איז געבליבן פאַר דריי פּערזאָן.

נאָכן עסן, האָבן זיך מיינע צוויי אהים-לצרה אויסגע־צויגן אויף זייערע קאָצן און אין שלאָף געפונען אַ רפואה צו זייער דערשעפונג. וואָס שייך מיר, האָב איך בשום־אופן נישט געקאָנט איינשלאָפן און כ׳האָב געציילט די שעהן ביז אין דערפרי.

שבת, זעקס אינדערפרי, האָבן מיר זיך געלאָזט ווייטער, אין צוואַנציק מינוט אַרום זענען מיר אָנגעקומען אויף אַ ברייטן וועג.

איך האָב זיך אַרומגעזען, אַז די מענטשלעכע האַנט איז נישט בכוח אויסצופירן דאָס, וואָס מיר האָבן דאָ דערזען.

דאָס האָט נישט געקאָנט זיין קיין קוילן-גרוב; דאָס זע-
נען געווען בלאַנדזשענדיקע שטיקער קוילן, וואָס זענען געהאָנ-
גען אויף די ווענט.

לויט דעם פראָפ. לידענבראָקס טעאָריע, האָט זיך עס גע-
שאַפן פון ביימער-וואָרצלען און פאַרפוילטע געוויקסן, וואָס
זענען אין דער קוילן-עפּאָכע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שטיקער
גלאַנציקע קוילן.

כ׳האָב זיך אַזוי פאַרטיפט אין רעפלעקסן און נאָכדענקע-
נישן וועגן דערדאָזיקער עפּאָכע, אַז כ׳האָב אַזש פאַרגעסן אָן
די צרות.

די קוילן, וואָס איך האָב געזען, וועט מען געוויס נישט
אַנטדעקן און נישט פאַרברויכן פאַר דער מענטשהייט... ווער
וואָלט עס געוואַגט אַרויסצובאַקומען קוילן פון אַזאַ טיפעניש?

דידאָזיקע קוילן וועלן עקספּלאָאַטירט ווערן דאַן, ווען עס
וועט אויסברעכן די לעצטע שעה פון דער געהיימניספולער
וועלט.

בינײ-לביני האָבן מיר זיך כסדר געריקט פאָרויס. איך
איינער מסתמא, פאַרזונקען אין מיינע געדאַנקען, האָב נישט
געפילט די זיך שלעפּנדיקע לאַנגקייט פונם וועג.

די טעמפּעראַטור האָט זיך נישט געביטן. זי איז כסדר
געווען אַזאַ, ווי ביים אָנהויב אַריינגיין אין טונעל.

די לופט איז בלויז געווען אַדורכגעזאַפּט מיט אַ בייסנ-
דיקען גאַז, וואָס האָט אַדורכגעדרונגען די קוילן-גאַלעריע און
וואָס איז נישט איינמאָל געווען די סיבה פון אויסברוכן אין
קוילן-גרובנס.

צום גליק האָבן מיר געהאַט ביי זיך רומקאָרפס אַפּאַראַט
און נישט קיין פאַקלען.

אַ איין איינציקע אָנגעצונדענע שוועבל וואָלט אַרויסגערופן
אַן אויסברוך און אַ שריפה.

די דאָזיקע נסיעה אין קוילן-טונעל האָט געדויערט ביזן
אָוונט.

דער פּעטער האָט קוים-קוים זיך איינגעהאַלטן פון כּעס צוליב דעם האָריזאָנטאַלן וועג.

די טיפע פינסטערניש, אין וועלכער מ׳איז נישט געווען ביכולת צו זען ווייטער, ווי אויף עטלעכע טריט, האָט נישט דערלויבט אָפּצושאַצן די לענג פון דער גאַלעריע. איך בין געווען גרייט צו גלויבן, אַז זי גייט אין אין-סוף אַריין.

און דאָ האָט זיך פּלוצים, זעקס אַ זייגער, אַנטפּלעקט פאַר אונזערע אויגן אַ וואַנט. אויף רעכס, אויף לינקס, אין דער הויך, אונטן — אין ערגעץ איז נישט געווען קיין שום אַדורכגאַנג.

מיר זענען צו, משמעות, צום סאַמע טיפסטן אָרט.

— איז טאַקע גוט אַזוי! — האָט געזאָגט דער פעטער, — אָקאָרשט ווייס איך שוין מער-ווייניקער, אין וועלכער ריכטונג איך דאַרף זיך האַלטן! מיר געפינען זיך נישט אויף סאַקנוסעמס וועג און ס׳בלייבט אונז בלויז איין זאַך: זיך אומצוקערן אויף דעם פריערדיקן אָרט. לאָמיר זיך די נאַכט אויסרוען און אין דריי טעג אַרום וועלן מיר צוקומען אַהין, ווו עס קומען זיך צונויף די צוויי גאַלעריעס.

— יאָ, — האָב איך געענטפערס, — אויב עס וועלן אונז קלעקן כּוחות!

— און פאַרוואָס-זשע נישט?

— מיר האָבן שוין אויף מאָרגן נישט קיין וואַסער.

— און מוט וועסטו אויך נישט האָבן? — האָט מיך שטרענג געפרעגט דער פעטער.

כ׳האָב נישט געהאַט די העזה אים צו ענטפערן.

## קאַפּיטל איינאונצוואַנציק

# אַקסעל חלשט פון דורשט און דער פּראָפעסאָר ראַטעוועט אים.

צומאָרגנס האָבן מיר זיך גאַנץ פרי געלאָזט אין וועג אריין. מען האָט זיך געדאַרפט צואיילן. מיר זענען אַלזאָ, אַרויס אַ זייגער פינף. איך בין גאָרנישט בכּוח איבערצוגעבן, ווי שווער עס איז געווען דער וועג.

דער פּראָפעסאָר האָט זיך קוים איינגעהאַלטן, נישט אויס־צוברעכן מיט אַ גרימצאָרן. זשאַן האָט אַריבערגעטראָגן די אומ־באַקוועמלעכקייטן און צרות מיט דער נאָכגיביקייט פון אַ פּאַ־סיווער נאַטור. איך האָב זיך באַקלאָגט און בין געווען שטאַרק פאַרצווייפלט. כ׳האָב בשום־אופן נישט געקענט שלום מאַכן מיט מיין טרויעריקן גורל.

ווי איך האָב פאַרגעזאָגט, האָבן מיר דעם ערשטן רייזע־טאָג נישט געהאַט צומאָל קיין טראָפּן וואַסער. מיר האָבן געהאַט אַ ביסל וויין מיט ליקער, אָבער דידאָזיקע געטראַנקען האָבן מיר נאָר געברענט אין האַלז, נישט שטילנדיק מיין דורשט, און איך האָב אויף זיי פּשוט נישט געקענט קוקן. כ׳האָב געהאַט אַ הויכע טעמפּעראַטור, די מידקייט האָט מיר אויסגעשעפּט די כּוחות, און איך בין צוויי מאָל אַנידערגעפאַלן אינמיטן וועג.

מען איז געבליבן שטיין, כדי מיך אויפצומינטערן.

איך האָב באַמערקט, אַז דער פּראָפעסאָר האַלט זיך קוים אויף די פיס און אַז דער מאַנגל אין וואַסער מאַטערט אים אויך.

צולעצט זענען מיר דינסטיק, דעם 8-טן יולי, שלעפּנדיק זיך אויף אַלע פיר, אָנגעקומען, נישט-טויט נישט-לעבעדיק, צום צונויפטרעף-פּונקט פון די צוויי גאַלערייען.

דאָרט בין איך אַנידערגעפאַלן, ווי אַ שטיין. עס איז געווען אַ זייגער צען אינדערפרי.

זשאַן און מיין פעטער זענען געפאַלן אויף אַ לאַווע-ברוכ-שטיק און האָבן אויפגעגעסן צו שטיק סוכאַר.

פון מיין מויל האָט זיך אַרויסגעריסן אַ זיפץ. לסוף בין איך געפאַלן אין חלשות.

אין אַ צייט אַרום ערשט איז דער פעטער צוגעגאַנגען צו מיר, גענומען מיך אין זיינע אָרעמס און מיט רחמנות אַרויס-געפּליסטערט:

— אָרעם קינד!

איך בין געווען שטאַרק גערירט פון דידאָזיקע ווערטער. כ'האָב פון דעם שטרענגן פּראָפעסאָר נאָך קיינמאָל נישט גע-הערט אַזעלכע צערטלעכע ווערטער.

כ'האָב אָנגעכאַפּט זיינע ציטערנדיקע הענט מיט מיינע. ער האָט מיר געלאָזט זיי האַלטן, קוקנדיק אויף מיר מיט צער. זיינע אויגן זענען געווען פייכט פון טרערן.

ער האָט גענומען זיין וואַסערפלאַש מיטן ביסל וואַסער און דערלאַנגענדיק עס צו מיינע ליפּן, אַרויסגעפּליסטערט:

— טרינק...

צי האָב איך נישט פאַרהערט? צי איז עס באמת מיין פעטער? כ'האָב אים לאַנג, מיט אַ פאַרחידושטן בליק, אָנגעקוקט און אויסגעוויזן נישט צו פאַרשטיין זיינע ווערטער.

— טרינק — האָט ער איבערגעחזרט.

און צורוקנדיק צו מיר די פלאַש, האָט ער מיר אַריינגע-גאָסן דאָס ביסל וואַסער אין מויל אַריין.

אָך, סאַראַ תענוג! דער שלוק וואַסער האָט פייכט געמאַכט מיינע פאַרטריקנטע ליפּן; איין שלוק, און דאָך האָט ער מיר צוריקגעקערט דאָס לעבן, וואָס איז שיער פון מיר נישט אַנטרו-נען געוואָרן.

איך האָב באַדאַנקט מיין פעטער און געקושט אים די הענט.

— יאָ, — האָט ער געזאָגט — דער לעצטער שלוק וואַסער. דו הערסט? דער לעצטער! כ׳האָב אים אויסבאַהאַלטן ביז היינט אויפן דנאָ פון דער כּלי. כ׳האָב אפשר צוואַנציק, און אפשר הונדערט מאָל געוואָלט טרינקען; נאָר כ׳האָב אים באַהאַלטן פאַר דיר, אַקסעל.

— פעטער, טייערער! — האָב איך געשעפּטשעט גערירט, און גרויסע טרערן זענען געפלאָסן פון מיינע אויגן.

— יאָ, קינד מיינס, כ׳האָב געוווּסט, אַז ווען מיר וועלן אהער אָנקומען, וועסטו פאַלן אַ פאַרחלשטער, און איך האָב עס באַהאַלטן פאַר דיינעטוועגן.

— אַ דאַנק, אַ דאַנק! — האָב איך אויסגערופן.

נאָך דעם טרונק וואַסער בין איך געקומען צו זיך. כ׳האָב שוין געקענט רעדן.

— און איצט — האָב איך געזאָגט צו מיין פעטער — אַז עס פעלט אונז אויס וואַסער, מוזן מיר זיך אומקערן אַהיים.

בעת איך האָב עס געזאָגט, האָט דער פעטער ווי אויסגעמיטן מיין בליק. ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געשוויגן.

— מען דאַרף אַהיימגיין! — האָב איך אויסגערופן — הלוואי זאָל אונז נאָר קלעקן כּוחות אַרויפצוקלעטערן אויפן שפּיץ.

— אַהיימגיין! — האָט דער פּראָפעסאָר נאָכגעזאָגט.

— יאָ, אַהיים! און טאַקע באַלד!

ס׳איז שטיל געוואָרן.

— נו, אַקסעל, — האָט דער פּראָפעסאָר אָנגעהויבן — די עטלעכע טראָפּנס וואַסער האָבן דיר צוגעגעבן ענערגיע און מוט?

— יאָ, אַוודאי!

— איך זע, אַז דו ביסט נידערגעשלאָגן, ווי פריער, און דו רעדסט פאַרצווייפלטע רייד.

— וואָס הייסט? דו ווילסט נאָך איצט אויך נישט אהיימגיין?

— רעזיגנירן פון דער עקספּעדיציע דעמאָלט, ווען אַלץ זאָגט עדות אויף דערפאָלג? קיינמאָל נישט!

— דאַרף מען, הייסט עס, אומקומען?

— ניין, אַקסעל, דו קער זיך אום צוריק! איך וויל נישט, דו זאָלסט צוליב מיר אומקומען. זאָל דיך זשאַן באַגלייטן אַהיים. איך וועל גיין אַליין.

— איך זאָל אייך פאַרלאָזן?

— יאָ, פאַרלאָז מיך. איך האָב אָנגעהויבן די עקספּעדיציע, און איך מוז זי דערפירן ביזן סוף אָדער אומקומען. גיי, גיי, אַקסעל, גיי און לאָז מיך אַליין!

מיין פעטער איז געווען זייער גערירט, בעת ער האָט עס גערעדט. מיט אַ מין פאַרביסענער ענערגיע האָט ער באַשלאָסן צו קעמפן מיט דער נאַטור. איך האָב אים נישט געוואָלט פאַרלאָזן אין דער טיפעניש פון אָט דעם תהום; אָבער פון דער צווייטער זייט האָט מיך דער וואַכזאַמער אינסטינקט געטריבן צו מאַכן פּליטה.

דער וועג-ווייזער האָט זיך צוגעהערט צו אונזער שמועס מיט פולשטענדיקער גלייכגילטיקייט. עס איז אים, אַפּנים, געווען אַלצאיינס — בלייבן אָדער אַוועק אין אַן אַנדער גאַלעריי.

ער איז גרייט געווען אויף אַלע אופנים.

איך האָב געגעבן צום וועג-ווייזער און אים אָנגענומען פאַרן אָרעם. ער האָט צומאָל קיין צוק נישט געטאָן. כ'האָב אים אָנגעוויזן דעם וועג צום קראַטער. ער איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך.

מיין זיך וואַקלענדיק געשטאַלט האָט אים אויספאַרציילט אַלצדינג, וואָס אין מיר איז פאָרגעקומען.

דער איסלענדער האָט מילד אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און אָנגעווייזנדיק אויף מיין פעטער, געזאָגט:

— און דער הער?

— דער הער! — האָב איך אויסגעשריגן אויסער זיך — ביסט משוגע! אַזאַ מין הער איז דאָך נישט דער האַר איבער דיין לעבן! מען מוז אַנטלויפן, פאַרשטייסט? מען מוז אים נעמען מיט געוואַלד! דו הערסט? האָסט פאַרשטאַנען?

איך האָב אָנגעכאַפּט זשאַנען פאַרן אָרעם. כ׳האָב אים געוואָלט צווינגען אויפצושטיין. כ׳האָב מיט אים געקעמפט. עס האָט נישט געהאָלפן. לסוף האָט זיך אַריינגעמישט דער פעטער.

— זיי רויִק, אַקסעל, — האָט ער צו מיר געזאָגט. — דו וועסט בשום אופן נישט צווינגען אָט דעם טרייען מענטשן. הער, וואָס איך זאָג דיר.

איך האָב פאַרלייגט ביידע הענט אין אַ קרייץ און גע־קוקט מיין פעטער גלייך אין די אויגן אריין.

—דער מאַנגל אין וואַסער איז די איינציקע מניעה מקיים צו זיין מיינע פלענער. סוכאַרעס האָבן מיר עד-בלי-די. הער־זשע, זיי וויסן, אַז אין דערדאָזיקער גאַלעריע, וואָס איז פול מיט לאַווע, קוילן און מירמלשטיין, איז קיין וואַסער נישטאָ; אָבער אין דער צווייטער, אין דער מערבדיקער, וועלן מיר עס זיכער געפינען.

כ׳האָב אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ מיט אַן אויסדרוק פון צווייפל.

— הער מיך אויס ביזן סוף — האָט דער פעטער מיט אַ פעסטער שטים געזאָגט. — בעת דו ביסט דאָ געלעגן אין חלשות, האָב איך דערוויל באַטראַכט די באַשטאַנד-טיילן פון דעם באָדן אין דער מערב-גאַלעריע. זי גייט אַוועק טיף און וועט אונז אין אַ פּאָר שעה אַרום צופירן צו אַ גראַניט-באָדן. דאָרט זענען זיכער פאַראַן וואַסער-קוואַלן. וויל איך דיר פאַר־לייגן איין זאַך. זיי געדולדיק בלויז איין טאָג. אויב מיר וועלן

אין אַ טאָג אַרום נישט באַגעגענען קיין וואַסער, שווער איך דיר, אַז מיר קערן זיך אום אויף דער ערד.

— נו, גוט! — האָב איך אויסגערופן — לאָז זיין! און זאָל דיך גאָט בענטשן פאַר דיין איבערמענטשלעכער ענערגיע! אין וועג אַריין!

## קאַפיטל צוויי־און־צוואַנציק

# דער וועג־ווייזער אַנטדעקט אַ קוואַל

עס האָט זיך אָנגעהויבן, אַלזאָ, די עקסקורסיע צו דער צווייטער גאַלעריע. זשאַן איז געגאַנגען פאָרויס.

מיר האָבן נאָך קיין הונדערט טריט נישט געמאַכט, בעת דער פּראָפעסאָר האָט, אָנרירנדיק מיטן לאָמפּ די ווענט, אויסגערופן:

— אָט איז אַן אוראַלט בילד! מיר זענען אויפן ריכטיקן וועג! לאָמיר גיין, לאָמיר גיין ווייטער!

מיר זענען געגאַנגען וואָס־מעגלעך גיכער, און דאָס בילד, וואָס מיר האָבן געהאַט פאַר אונזערע אויגן, האָט געמעגט פאַרטרעטן די שענסטע לאַנדשאַפטן.

ווי די דימענטן זענען אַראָפּגעהאָנגען ווונדערבאַרע גראַניטן, שימערירנדיק מיט זייערע שטיינער, וואָס זענען געווען אַריינגעהאַקט אין פעלז.

באַרג־קריסטאַלן און אַמעטיסטן האָבן אַרויסגעלויכטן פון מיטן אַרויס, און ביים שיין פון עלעקטרישן לעמפּל אויסגעוויזן ווי וווּנדער פון דער נאַטור. — אַרום אַ זייגער זעקס האָט דאָס ליכט ביסלעכווייז גענומען פאַרשווינדן און איז כמעט ווי אויסגעלאָשן געוואָרן.

די קריסטאַלן האָבן באַקומען אַ מאָדנעם טונקעלן גלאַנץ, די בלישטשענדיקע מיקע האָט זיך ווי צוגעטוליעט צו די

אַמעטיסטן און קוואַרץ, — מיט איין וואָרט, דאָס ליכט איז אויסגעצאָנגען, די גאַלעריע איז פאַרטונקלט געוואָרן. דידאָזיקע גאַלעריע איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ גראַניט-מויער, מינ-דעסטנס פיר שטאָק די הויך. מיר זענען געווען ווי פאַרמויערט אין אַ ריזיקער גראַניט-תּפיסה.

עס איז געווען אַלט דער זייגער. קיין וואַסער איז נאָך אַלץ נישט געווען. איך האָב שרעקלעך געליטן.

מיין פעטער איז נאָך אַלץ געגאַנגען פאָרויס. ער האָט זיך נישט געוואָלט אָפּשטעלן. ער האָט אָנגעשפּיצט די אויערן, כּדי אויפצוכאַפּן דעם געמורמל פון אַ קוואַל. אומזיסט! דער-ווייל האָבן זיך שוין די פיס קוים געשלעפּט.

איך האָב געליטן שווייגנדיקערהייט, כּדי נישט צו צווינגען מיין פעטער זיך אָפּצושטעלן. ער איז סיי-ווי-סיי געווען פאַר-צווייפלט, ווייל דער טאָג האָט זיך שוין געענדיקט, און קיין וואַסער איז אין ערגעץ נישט געווען.

לסוף האָבן מיך די כּוחות פאַרלאָזן. כ׳האָב אַרויסגעלאָזט אַ געשריי און בין אַנידערגעפאַלן.

— אַהער! איך שטאַרב!

מיין פעטער איז געקומען צו לויפן, מיך אויפמערקזאַם אָנגעקוקט, און פון זיין מויל האָט זיך אַרויסגעריסן אַ פאַר-צווייפלטער אויסגעשריי:

— אַלץ איז געענדיקט!

ווען איך האָב געעפנט די אויגן, האָב איך דערזען נעבן מיר די צוויי חברים, איבערגעדעקט מיט קאָלדרעס, ווי זיי זענען אומבאַוועגלעך געלעגן.

צי זענען זיי געשלאָפן? וואָס שייך מיר, בין איך נישט בכּוח געווען צוצומאַכן דאָס אויג אויף אַ רגע. כ׳האָב שטאַרק געליטן, אָבער גלייכצייטיק געוווּסט, אַז פאַר מיינע יסורים איז קיין רפואה נישטאָ.

איבער מיר איז געלעגן אַ שטח פון אונדערטהאַלבן מייל ערד-שאָל.

אין מיין גרויסער אויפרעגונג האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז דידאָזיקע גאַנצע ערד-שיכט ליגט אויף מיר און דריקט מיך צו ווי אַ משא.

כ׳האָב זיך געפילט נידערגעשלאָגן, צעבראָכן און האָב קוים באַוויזן זיך אַ ריר צו טאָן אויף מיין גראַניט-געלעגער.

עטלעכע שעה זענען פאַרביי אָן שום ענדערונגען. אַ טיפע שטילקייט האָט געהערשט אַרום אונז, ממש אַ קבר-שטילקייט.

דערווייל האָט זיך מיר געגומען דאַכטן, אַז איך הער עפּעס אַ גערויש.

אין טונעל איז געווען שטאָק-פינסטער. כ׳האָב גענומען קוקן, און מיר דאָט זיך אויסגעדוכט, אַז דער איסלענדער איז אויפגעשטאַנען און איז פאַרשוווּנדן געוואָרן מיטן לעמפּל אין האַנט.

צו וואָס איז ער אַוועק? צי וויל ער אונז פאַרלאָזן? דער פעטער איז פעסט געשלאָפן. כ׳האָב געוואָלט שרייען, אָבער מיינע ליפּן, וואָס האָבן געברענט פון דורש, זענען נישט בכוח געווען אַרויסצוברענגען קיין איין קלאַנג. דער חושך איז געוואָרן וואָס-אַמאָל געדיכטער.

— זשאַן פאַרלאָזט אונז! — האָב איך געשריגן — זשאַן! זשאַן!

אָבער דידאָזיקע ווערטער האָבן געהילכט אין מיר גופא. הערן האָט מען גאָרנישט נישט געהערט.

דערנאָך, ווען די ערשטע שרעק איז פאַרביי, האָב איך זיך פאַרשעמט פאַר זיך אַליין, וואָס איך האָב אים אַזוי חושד געווען.

דערדאָזיקער שטאַרקער און טרייער מענטש האָט נישט געוואָלט פאַרלאָזן זיין באַלעבאָס דעמאָלט, ווען איך האָב אים צוגערעדט אַוועקצוגיין, — שוין-זשע זאָל ער אונז איצט פאַר-לאָזן? אויסגעשלאָסן!

זיין אַוועקגיין איז, משמעות, נישט געווען קיין פליטה,

וואָרן ער וואָלט דאָך געדאַרפט גיין באַרג-אַרויף און איז גאָר אַראָפּ אונטן, אין דער טיף.

ער איז מסתמא געגאַנגען זוכן וואַסער, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך הער, ווי עס רוישט...

## קאַפּיטל דרייאונצוואַנציק

# דער וואַסער-געמורמל. מען צעבערעכט אַ פעלז.

בעת זשאַנס אָפּוועזנקייט, וואָס האָט געדויערט אַ שעה, זענען מיר געקומען אויפן רעיון די פאַרשידנסטע זאַכן. כ׳האָב אַלץ איבערגעקלערט, טאָמער קומט ער נישט צוריק.

אָבער ענדלעך האָב איך דערהערט דעם אָפּקלאַנג פון זיינע טריט. ער איז צוריקגעקומען, צוגעגאַנגען צום פעטער, אָנגערירט אים פאַרן אָרעם און אויפגעוועקט.

— וואָס איז געשען? — האָט ער געפרעגט.

— וואַסער — האָט דער וועג-ווייזער געענטפערט.

כ׳האָב נישט געקענט קיין איין דעניש וואָרט, אָבער אונטערן דרוק פון מיין דורשט האָב איך פאַרשטאַנען, אַז ער רעדט וועגן וואַסער.

— וואַסער! וואַסער! — האָב איך געשריגן, פּאַטשנדיק מיט די הענט.

איך האָב בשעת-מעשה געמאַכט אַזעלכע באַוועגונגען, וואָס פּאַסן פאַר אַ חסר-דעה.

— וואַסער! — האָט דער פּראָפעסאָר נאָכגעזאָגט — ווו? —האָט ער געפרעגט דעם איסלענדער.

— אונטן — האָט ער געענטפערט.

כ׳האָב אָנגעכאַפּט דעם וועג-ווייזער פאַר די הענט און זיי שטאַרק געדריקט. ער האָט מיך רויק אָנגעקוקט.

די הכנות צו דעם אויספלוג האָבן נישט לאַנג געדויערט

און אין אַ ווײַלע אַרום זענען מיר שוין געגאַנגען באַרג־אַראָפּ, מיטן איסלענדער פֿאָרויס. אין אַ שעה אַרום האָב איך דײַטלעך דערהערט דעם געמורמל פֿון אַ וואַסער־קוואַל אין די גראַניט־מויערן.

דאָס איז טאַקע געווען אַ קוואַל.

— אַ קוואַל! — האָב איך אַ פֿאַרחידושטער אויסגעשריגן.

— אָן צווייפֿל. אַן אונטערערדישער טײַך רינגלט אונדז אַרום פֿון אַלע זײַטן!

מיר האָבן זיך צוגעאײַלט, געשטאַרקט פֿון דער גוטער האָפֿענונג. כ׳האָב שוין לחלוטין קיין מידקייט נישט געפֿילט; דער וואַסער־געריוש האָט מיך אָפּגעפֿרישט.

דער קוואַל, וואָס האָט געהילכט איבער אונדזערע קעפּ, האָט געשטראָמט אַצינד צו לינקס צו, רוישנדיק און קלאַפּנדיק אין די אינערלעכע ווענט פֿון די גראַניט־פֿעלזן.

איך האָב נאָכאַנאַנד אָנגערירט מיט דער האַנט די מויערן, אין דער האָפֿענונג, אַז איך וועל דערשפּירן אַ ביסל פֿײַכטקייט; אָבער די מויערן זענען געווען טרוקן פּונקט ווי מײַנע ליפּן און האַלז, וואָס זענען פֿאַרברענט געוואָרן פֿון דורשט.

אַ האַלבע שעה איז פֿאַרבײַ. מיר זענען ווידער אַדורך אַ האַלבן מײַל.

עס איז קלאָר געווען, אַז דער וועג־ווײַזער הערט אַ וואַסער־געמורמל; ער האָט געוווּסט, אַז ערגעץ פֿליסט אַ קוואַל, אָבער מען האָט אים אין ערגעץ נישט געזען און מען האָט אים געמוזט זוכן.

באַלד האָט ער אַפֿילו געפּסקנט, אַז ווײַבאַלד מיר וועלן אַוועק פֿון דעם אָרט, פֿון וואַנען דער געריוש איז געקומען, קענען מיר אינגאַנצן פֿאַרלירן דעם שפּור פֿונעם וואַסער־קוואַל.

מיר האָבן געביטן די ריכטונג, און זשאַן איז צוגעגאַנגען צום אָרט, וווּ דאָס וואַסער האָט, לויט מײַן השערה, געזאָלט שטראָמען.

כ׳האָב זיך אָוועקגעזעצט אונטער דער וואַנט, בעת דאָס קוואַל-וואַסער האָט געשטראָמט אַ צוויי פוס-טריט פון מיר מיט אַ געוואַלדיקן אימפּעט. אָבער די גראַניט-וואַנט האָט מיך אָפּגעטיילט פונם שטראָם.

אָן באַדאַכטונג, אָן אַ שום פראַגע, צי איז דאָ אַ מיטל דורכצוברעכן די ווענט, בין איך פּאַרזונקען געוואָרן אין גרעסערן פאַרצווייפלונג. זשאַן האָט מיך מיט אַ שמייכל אָנגעקוקט, ער איז אויפגעשטאַנען און גענומען דעם לאָמפּ. איך בין אים נאָכגעגאַנגען, ער האָט זיך געלאָזט גיין צו די ווענט. איך האָב אַכטונג געגעבן, וואָס ער גייט דאָ טאָן.

ער האָט צוגעלייגט אָן אויער צום טרוקענעם שטיין, גערוקט עס ווייטער, ווייטער, זיך צוהערנדיק. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ער זוכט אַ פּונקט, ווו מען הערט דעם וואַסערשטראָם צום דייטלעכסטן.

דערדאָזיקער פּונקט איז געווען לינקס, אַ דריי פוס פון דער ערד.

ווי שטאַרק דאָס האָט מען גערירט! כ׳האָב זיך נישט געקענט משער זיין, וואָס זשאַן גיין טאָן; כ׳האָב אָבער פאַרשטאַנען, אַז ער איז ווערט אַ מעדאַל און איך בין גרייט געווען אים צו פאַלן אויפן האַלז, בעת איך האָב דערזען, ווי ער גיט אַ כאַפּ זיין שפּיז, כדי אָנצוגרייפן דעם פעלז.

— געראַטעוועט! — האָב איך אויסגעשריגן.

— יאָ, געראַטעוועט! — האָט דער פעטער מיט פרייז געענטפערט. — זשאַן איז גערעכט! אַך, ס׳אַראַ מוטיקער יעגער! מיר וואָלטן אַליין זיכער גאָרנישט נישט געפונען!

אין דעם בין איך זיכער! ס׳איז אונז אַפילו אויפן רעיון נישט געקומען אויף אַזאַ אופן אַרויסצובאַקומען וואַסער, — און דער איינפאַל איז דאָך אַזאַ פּשוטער!

אָבער אויב דערנאָך, נאָכן צעקלאַפּן דעם פעלז, וועט זין אָפּרייסן אַ ברוכשטיק און אַרויספאַלן אויף אונז? אָדער — אפשר וועט אונז דאָס וואַסער אינגאַנצן פאַרפלייצן?

דידאַזיקע געדאַנקען זענען אונז געקומען אין קאָפּ אַריין, אָבער דער דורשט איז געווען שטאַרקער פון דער שרעק.

זשאַן האָט זיך אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט, וועלכע נישט איך, נישט דער פּעטער וואָלטן נישט געווען בכוח אויסצופירן. מיר האָבן אים געהאָלפן צעקלאַפּן דעם פעלז, מיר האָבן אָבער נישט פאַרמאָגט נישט זיין געדולד, נישט זיינע כוחות. זשאַן האָט קודם־כל געהאַקט מיט אַלע כוחות און, ווי זיין שטייגער, מיט אַ געוואַלדיקער רויִקייט.

ער האָט שוין אויסגעהוילט אַ ברייטע עפענונג אויף גאַנצע זעקס פוס; מיטאמאָל האָט זיך געלאָזט הערן אַ דייטלעכער גערויש, און מיר האָט זיך גענומען דאַכטן, אַז איך פיל שוין די פייכטקייט אויף די ליפּן.

אינגיכן איז דער שפּיז אַריין צוויי פוס אין וואַנט אַריין. די אַרבעט האָט שוין געדויערט אַ שעה צייט. איך בין שיער נישט פאַרברענט געוואָרן פון אומגעדולד.

דער פּעטער האָט אַ כאַפּ געטאָן זיין שפּיז און געוואָלט דורכהאַקן אַ לאָך ערגעץ־אַנדערש, בעת ס׳האָט זיך דערהערט אַ דייטלעכער אונטערערדישער גערויש. אַ וואַסער־כוואַליע האָט זיך דערנענטערט צו דער וואַנט און אַ זעץ געטאָן אין דער וואַנט, וואָס קעגנאיבער.

זשאַן איז אומגעפאַלן אויף דער ערד, נישט קענענדיק איינהאַלטן אַן אויסגעשריי פון ווייטיק.

כ׳האָב אים זייער גוט פאַרשטאַנען, ווייל ווען איך האָב אַליין אַריינגעשטעקט די האַנט אין וואַסער, האָב איך אויך אַרויסגעלאָזט אַ מוראדיק געשריי. דער קוואַל איז געווען קאָכעדיק.

— דאָס וואַסער האָט הונדערט גראַד וואַרעמקייט! — האָב איך אויסגערופן.

— ס׳מאַכט נישט אויס, עס וועט זיך אויסקילן — האָט דער פּראָפעסאָר געענטפערט.

איך האָב אָבער נישט געקוקט דערויף, וואָס דאָס

וואַסער איז הייס; כ׳האָב געטרונקען אָן אַ שיעור, בעַנטשנדיק דידאָזיקע פליסיקייט, וואָס האָט מיר צוריקגעקערט מיין חיות. כ׳האָב געטרונקען אָן אויפהער, נישט פילנדיק קיין שום טעם.

אין אַ ווײַלע אַרום האָב איך אָבער אויסגעשריגן:

— דאָס איז מינעראַל-וואַסער!

— אויסגעצייכנט פאַרן מאָגן, — האָט דער פעטער גע-ענטפערט — אַנטהאַלט אין זיך אַסאַך מינעראַלן.

נאַדיר גאָר אַ קור-רייזע!

— אַך, ווי גוט דאָס איז!

— אַוודאי, וואַסער, וואָס קומט פון אונטער דער ערד, פון אַזאַ טיפעניש, האָט דעם טעם פון טינט, אָבער עס איז נישקשה.

— אַ פּראַכטפולער קוואַל, זשאַנס אַנטדעקונג. איך לייג פאָר מען זאָל אים אַ נאָמען געבן אויף זשאַנס נאָמען.

— אויסגעצייכנט! — האָב איך אויסגערופן מיט פרייד.

און מיר האָבן דעם קוואַל גלייך אַ נאָמען געגעבן: „זשאַנס קוואַל״.

דער וועג-ווייזער האָט עס אויפגענומען זייער רויִק. ער האָט אויסגעטרונקען און זיך רויִק אַוועקגעזעצט אין ווינקל.

— אַצינד — האָב איך זיך אָנגערופן — וואָלט כדאַי געווען דאָס וואַסער צו דערהאַלטן, נישט לאָזן, עס זאָל פאַר-שווינדן.

— צו וואָס? — האָט דער פעטער געענטפערט — איך האַלט, אַז דער קוואַל איז אומדערשעפּלעך.

— וואָס שאַדט עס! לאָמיר אָנפילן אונזערע כּלים און דאַן זיך באַמיען צו פאַרשטאָפּן די לאָך.

דאָס איז אָבער געווען איינע פון די שווערסטע זאַכן. אומזיסט האָבן מיר זיך געבריט די הענט. דער וואַסער-שטראָם איז געווען זייער אַ שטאַרקער, און אונזערע באַמיונגען זענען געבליבן אָן רעזולטאַט.

— משמעות, די קוואַלן פון אַט דעם וואַסער ליגן זייער הויך, ווייל די דרוק-קראַפט איז אַן אומגעהייערע. אָבער מיר איז געקומען אַ רעיון אין קאָפּ...

— אַז וואָס?

— צו וואָס דאַרפן מיר, אייגנטלעך, פאַרשטאָפּן די לאָך?

כ׳בין געווען אין אַ פאַרלעגנהייט. כ׳האָב באמת נישט געוווּסט, וואָס דערויף צו ענטפערן.

— אַז אונזערע כלים וועלן זיין ליידיק, וועלן מיר זיי קענען אָנפילן?

— נאַטירלעך.

— טאָ לאָמיר לאָזן דעם שטראָם פליסן. ער וועט שטראָמען מיט זיין נאַטירלעכן וועג און וועט אָפּפרישן די אַלע, וואָס וועלן זיך אין אים נויטיקן.

— אויסגעצייכנט! — האָב איך אויסגערופן — אָבער מיר דאַרפן זיך שוין לאָזן אין וועג אַריין!

— אָך, דו ווילסט שוין גיין, יינגל? — האָט דער פעטער מיט אַ שמייכל אויסגערופן.

— נאָכמער, איך גיי שוין.

— זיי געדולדיק! מיר מוזן זיך פריער אָפּרוען עטלעכע שעה.

איך האָב פאַר גרויס פרייד פאַרגעסן, אַז ס׳איז שוין נאַכט. דאָס האָט מיר אָנגעוויזן דער כראָנאָמעטער. אינגיכן זענען מיר טיף איינגעשלאָפן.

## קאַפּיטל פּיראונצוואַנציק

# אַ רייזע אונטערן אָקעאַן.

צומאָרגנס האָבן מיר לחלוטין פאַרגעסן פון די נעכטיקע צרות.

ס׳האָט מיך בלויז שטאַרק געחידושט, וואָס איך פיל נישט קיין דורשט, און איך האָב זיך וועגן דעם פאַרטראַכט.

דאָס שטראָמל, וואָס איז געפלאָסן צופוסנס, האָט מיר דע־רויף געגעבן אַן ענטפער.

מיר האָבן אָפּגעגעסן פרישטיק און פאַרטרונקען מיט מי־נעראַל-וואַסער. איך בין געווען פולשטענדיק אויסגערוט און פאַרטיק צו דער נסיעה.

ווען מ׳זאָל מיר פאָרלייגן, איך זאָל זיך אומקערן אצינד צום שפּיץ פון דעם סנעפּלס-באַרג, וואָלט איך מיט פאַראַכטונג אָפּגעזאָגט.

צום גליק אָבער האָבן מיר געשמועסט וועגן אַראָפּגיין אונטן, נישט וועגן אומקערן זיך אַרויף.

— לאָמיר גיין! — האָב איך מיט ברען אויסגערופן. אַזוי הויך, אַז דער עכאָ פון מיין קול האָט אָפּגעהילכט איבער דער גאַנצער גאַלעריע.

מיר האָבן זיך געלאָזט גיין דאָנערשטיק, אַזייגער אַכט אינדערפרי, אין דער דרום-מזרח-ריכטונג.

דער פעטער האָט כסדר שואל-עצה געווען ביים קאָמפּאַס.

כדי צו קאָנטראָלירן דעם דורכגעמאַכטן וועג.

די גאַלעריע איז געגאַנגען אין דער טיף כמעט האָרי־זאָנטאַל. דאָס טייכל האָט נאָך כסדר געשטראָמט, אָן אויפהער רוישנדיק אונז צופוסנס.

איך האָב אים פאַרגלייכט צו אַ גוטן גייסט, וואָס באַגלייט אונז אין דער טיפעניש פון דער ערד. מיין גוטע שטימונג האָט אַלץ אַרום אָנגעקליידט אין אַ לעגענדאַרישן לבוש.

וואָס שייך מיין פעטער, האָט ער געהאַט געוואַלדיקע טענות, למאַי דער וועג איז האָריזאָנטאַל. דער וועג, האָט ער געטענהט, איז צוליב דעם נישט-דער-ערך לענגער.

מיר האָבן אָבער קיין ברירה נישט געהאַט און געמוזט גיין אַזוי, ווי אונז איז אויסגעקומען.

פון צייט צו צייט האָבן זיך געמאַכט שיפּערע ערטער, און מיר זענען אַראָפּגעגאַנגען וואָס-אַמאָל טיפער.

פרייטיק אינדערפרי, דעם 10-טן יולי, זענען מיר געווען אַ דרייסיק מייל ווייט, אין דער דרום-מזרח-זייט, פון רייקיאַוועק. אין אַ טיף פון אַ דריטהאַלבן מייל אונטער אונזערע פיס האָט זיך אַנטפּלעקט אַ מאוויימדיקער אָפּגרונט.

מיין פעטער האָט אַזש געפּאַטשט מיט די הענט פאַר פרייד, צוקוקנדיק זיך צום דאָזיקן שיפּוע.

— אָט דאָס וועט אונז אַוועקפירן ווייט! און דערצו זייער לייכט, ווייל די אויסגעהוילטקייט פון די פעלזן האָט געשאַפן אַ מין טרעפּ.

מיר האָבן זיך אויך איצט באַנוצט מיטן שטריק, און איניקן האָט זיך אָנגעהויבן אַ רייזע איבער שטריק.

איך וועל נישט זאָגן, אַז די דאָזיקע רייזע איז געווען אַ געפערלעכע, ווייל איינמאָל האָב איך שוין, אָן שום פאַרפאַל, אַזאַ מין נסיעה דורכגעמאַכט. יעדע פערטל שעה האָבן מיר זיך דעמאָלט צוגעזעצט אויף אַ פעלז, מיט אַראָפּהענגענדיקע פיס, געשמועסט און געגעסן.

דעם זעקסטן און זיבעטן יולי האָבן מיר דורגעמאַכט נאָך

צוויי מייל אַראָפּ, וואָס עס האָט צוזאַמען באַטראָפן אַ 5 מיל אונטער דער ים־פלאַך.

אָבער דער 8־טן, אַרום מיטאָג־צייט, איז דער שיפּוע געוואָרן מילדער, דער וועג באַקוועמער און איינטאָניקער.

לסוף, מיטוואָך, דעם 15־טן יולי, זענען מיר געווען זיבן מייל אויסער דער ערד און אַ 50 מייל ווייט פון סנעפעלס.

עס האָט אונז באַהערשט אַ מידקייט, אָבער דער געזונט־צושטאַנד איז געווען אַ צופרידנשטעלנדיקער.

מיין פעטער האָט יעדע שעה פאַרצייכנט ביי זיך די וואַקלעניש פונם קאָמפּאַס, כראָנאָמעטער, מאַנאָמעטער און טערמאָמעטער.

ווען ער האָט מיר געזאָגט, אַז מיר געפינען זיך פופציק מייל ווייט פון סענפעלס, האָב איך נישט געקענט איינהאַלטן דעם געשריי פון פאַרוווּנדערונג.

— וואָס איז דיר? — האָט דער פעטער געפרעגט.

— גאָרנישט, נאָר איך טראַכט עפּעס.

— וואָס?

— אַז אויב דעם פעטערס חשבון איז אַ גענויער, געפינען מיר זיך שוין נישט אין איסלאַנד.

— אַזוי מיינסטו?

— מען קען עס לייכט נאָכזען.

כ'האָב גענומען אַ קאַרטע אין האַנט און געזאָגט:

— כ'האָב קיין טעות נישט געהאַט. מיר זענען שוין אַדורך דעם קאַפּ פּאָרטלאַנד, און די פופציק מייל אין דער דרום־מזרח־ריכטונג האָבן אונז אַוועקגעפירט אונטערן ים.

— אונטערן גרויסן ים! — האָט דער פעטער נאָכגעזאָגט, רייבנדיק פון הנאה אַ האַנט אין אַ האַנט.

— יאָ! — האָב איך אויסגערופן—דער אָקעאַן שפרייט זיך אַצינד איבער אונזערע קעפּ!

— נו, אַקסעל, עס איז אַ גאַנץ נאַטירלעכע זאַך.

דער פעטער האָט עס געהאַלטן פאַר אַ נאַטירלעכע זאַך,

אָבער איך האָב עס פּשוט נישט געקענט תּופס זיין, אַז איך געפין זיך אונטער אַ וואַסער־מאַסע, און אַז פלאַכן מיט בערג הענגען איבער אונזערע קעפּ, און אַ ים מיט אַן אָקעאַן צעגיסן איבער אונז זייערע כוואַליעס.

אַגב, האָב איך זיך שוין צוגעווינט צום דאָזיקן געדאַנק, ווייל דער אונטערערדישער קאָרידאָר, וואָס איז געווען דאָ גלייך און דאָ משופּעדיק, קאַפּריזנע אין זיינע שיפּועס און אויסבויגן און איז שטענדיק געגאַנגען צו דרום־מזרח צו, פאַרטיפנדיק זיך וואָס־אַמאָל מער אין דער ערד, — האָט אונז גיך דערפירט צו ריזיקע אָפּגרינטן.

אין פיר טעג אַרום, שבת, דעם 18־טן יולי אין אָוונט, זענען מיר אָנגעקומען צו זייער אַ גרוימיקער הייל. מיין פעטער האָט טאַקע פאָרויסגעזאָגט, אַז דער צווייטער טאָג וועט זיין אַן אָפּרו־טאָג.

## קאַפּיטל פינפאונצוואַנציק

# מען פייערט אַ זונטיק אין דער הייל.

כ'האָב זיך אויפגעכאַפּט זונטיק אינדערפרי מיטן געדאַנק, אַז מיר וועלן זיך באַלד אין וועג אַריין נישט לאָזן, הגם דער וועג איז געווען נישט קיין שלעכטער, איז אָבער דער אָפּרו געווען זייער אַן אָנגענעמער.

די הייל, אין וועלכער מיר האָבן זיך געפונען, איז געווען אַ ברייטער, גרוימיקער זאַל. איבערן גראַניט־דיל איז געפלאָסן אונזער טריי טייכל. דאָס וואַסער איז, שווימענדיק אַ לאַנגן מהלך, קילער געוואָרן, און מיר האָבן עס געקענט טרינקען נישט בלאָזנדיק.

נאָכן פרישטיק האָט דער פעטער געווידמעט עטלעכע

שעה אויף צו דערפירן די טאָג-טעגלעכע נאָטיצן צו אַ טאָלק.

— איך וויל — האָט ער געזאָגט — נאָכן צוריקקער אַהיים אָנצייכענען די קאַרטע פון אונזער אונטערערדישער נסיעה צוזאַמען מיטן פּלאַן פון דערדאָזיקער וויסנשאַפטלעכער עקספּעדיציע.

— דאָס וועט זיין ביז גאָר אינטערעסאַנט, פעטער...

— אָ, יאָ! איך האָב מיט זאָרג נאָטירט אַלע באַרג-אַראָפּן און באַרג-אַרויפן. איך בין זיכער, אַז כ׳האָב זיך נישט טועה געווען.

— לאָמיר אָקאָרשט זען, ווו מיר האַלטן אין דער וועלט. נעם נאָר דעם קאָמפּאַס און גיב אַכטונג אויף דער ריכטונג פונם וויזער.

כ׳האָב געקוקט אויפן אינסטרומענט און אין אַ ווײַלע אַרום זיך אָנגערופן:

— מיר געפינען זיך אונטערן אַטלאַנטישן אָקעאַן.

— אויסגעצייכנט.

— און אין דעם מאָמענט איז אויפן ים אַ שטורעם, און די דאַמפּערס בויגן זיך איבער אונזערע קעפּ. ,

— מעגלעך.

— און די וואַלפישן פּאַטשן מיט זייערע ווײדלען אין די ווענט פון אונטער תפיסה.

— זיי רויִק, אַקסל, זיי וועלן אונז די ווענט נישט צע-ברעכן. נאָר לאָמיר זיך אומקערן צו אונזער חשבון. מיר גע-פינען זיך אויף דרום-מערב, אַ 85 מייל פון סנעפעלס, און לויט מיינע פריערדיקע נאָטיצן, אַ 16 מייל פון דער ערד אין דער טיף.

— זעכצן מייל אין דער טיף? — האָב איך אויסגע-שריען.

— זיכער.

— אָבער דאָס איז דאָך אַן אומגעהייערע גרענעץ! אָט אַזאַ מין שאָל רינגלט עס אַרום די ערד!

— כ׳האָב דאָך נישט געזאָגט, אַז זי איז גראָב!

— און דאָ דאַרף, לויטן געזעץ וועגן דעם טעמפּעראַטור־ניוואָ, זיין אַ 1500 גראַד וואַרעמקייט.

— אַזוי דאַרף עס טאַקע זיין, מיין יינגל.

— און דער גאַנצער דאָזיקער גראַניט דאַרף זיך דאָך געפינען אין אַ פליסיקן און נישט אין קיין האַרטן צושטאַנד.

— זעסט דאָך, אַז עס איז אַנדערש און אַז די טעאָריעס אַנטשפּרעכן נישט דער ווירקלעכקייט.

— איך מוז עס מודה זיין, אָבער איך בין שטאַרק פאַרחידושט.

— וואָס ווייזט דער טערמאָמעטער?

— זיבנאונצוואַנציק גראַד מיט זעקס צענטל.

— פעלט נאָך אַלזאָ, 1464 מיט פיר צענטל צו די יעניקע גראַדן, וועלכע עס האָבן באַרעכנט די געלערנטע.

—איז, אַלזאָ, די מיינונג וועגן דעם הויבן זיך פון דער טעמפּעראַטור לויט דער טיפעניש פון דער ערד, אַ טעות?

— אָבער דייווי האָט אַ טעות געהאַט. וואָס ווילסטו זאָגן?

— גאָרנישט, פעטער.

באמת האָב איך טאַקע געהאַט, וואָס צום זאָגן.

— פעטער, — האָב איך זיך אין אַ ווײַלע אַרום אָנגערופן — איך האַלט די אַלע אויסרעכענונגען פאַר ריכטיקע, אָבער דערלויב מיר דערפון צו מאַכן געוויסע אויספירן.

— קענסט רעדן, מיין קינד, וויפיל דיין האַרץ גלוסט.

— אין דעם פונקט, ווו מיר געפינען זיך, פאַרמאָגט די ערד אַן אומפאַנג פון 3851 מייל.

— יאָ, מיט אַ דריטל. און איצט גיב אַ קוק אויפן באַראָמעטער. זאָג, וואָס ווייזט ער?

— אַ שטאַרקן דרוק.

— גוט. זעסטו שוין, אַז אויב מען גייט ביסלעכווייז אַראָפּ אין דער טיף פון דער ערד, געוווינט מען זיך בהדרגה

צו צו דער דאָזיקער אַטמאָספער, און דערפאַר שפּירן מיר נישט קיין ענדערונגען און מיר ליידן נישט.

— יאָ, נאָר די אויערן טוען וויי.

— דאָס איז גאָרנישט. וועסט פטור ווערן פון דעם ווייטיק, ווען דו וועסט האָסטיק אַריינאָטעמען אין די לונגען אַ ריינע לופט, בעת זיי, די לונגען זענען פול מיט דער לופט פון אינעווייניק.

— אויסגעצייכנט — האָב איך געענטפערט, באַוואונדערנדיק מיין פעטערס אַלזייטיקע ידיעות.

דעם איבעריקן טייל פון טאָג האָבן מיר פאַרבראַכט אויף חשבונען און שמועסן.

כ׳האָב זיך מיט דערשטוינונג צוגעהערט צו די רייד פון פּראָפעסער לינדענבראָק, וועלכער האָט אויף אַלץ געהאַט אַ גרייטע תשובה און אַן עצה. כ׳האָב אויך באַוואונדערט די רויקייט פונם וועג-ווייזער און זיין נאָכגיביקייט לגבי דעם פעטער.

## קאַפּיטל זעקסאונצוואַנציק

# אַקסעל בלאָנדזשעט אין אַ לאַבירינט. פאַרצווייפלונג.

מען מוז נאָכגעבן, אַז בכלל איז ביז איצט געגאַנגען זייער גוט, און איך האָב נישט געהאַט אויף וואָס זיך צו באַקלאָגן.

אויב עס וועלן אויך ווייטער נישט פּאַסירן קיין מניעות, וועלן מיר זיכער אָנקומען צום ציל. און דאַן — וויפיל רום!

כ׳האָב געזאָגט וועגן דעם מיין פעטער. ער האָט אַ שמייכל געטאָן, באַשטעטיקנדיק מיינע ווערטער.

אין משך פון עטלעכע טעג האָבן די אומגעהייער-משופּעדיקע פעלזן-רוקנס, — אַנדערע האָבן פּשוט איבעררײַשט און

געשראָקן מיט זייער טיפקייט — איבער וועלכע מען האָט זיך לייכט געקענט אַראָפּגליטשן אין תהום אַראָפּ, געשטערט אונז ווייטער צו גיין מיט דערזעלבער שנעלקייט, וואָס פריער.

אין די עטלעכע טעג זענען מיר אַדורך קוים אַנדערט־האַלבן ביז צוויי מייל אין דער טיף פון דער ערד. דער וועג איז געווען אַזוי משופּעדיק און געפערלעך, אַז נאָר אַ דאַנק דער קאַלטבלוטיקייט פון זשאַנען האָבן מיר נישט באַגעגנט אין וועג קיין שום שוועריקייטן.

דערדאָזיקער רויִקער איסלענדער האָט זיך בלב־ונפש אי־בערגעגעבן דער רייזע, און ווען נישט ער מיט זיין קלוגער פירערשאַפט, וואָלטן מיר געמאַכט נישט איין פאַלשן טריט. זיין מוט האָט געשטייגט פון טאָג צו טאָג, און זיין קלאָרער, פּראַק־טישער שכל האָט דערגרייכט די גרעסטע הויך. אין די תפיסה־מויערן פאַרלירן די תפיסהניקעס בהדרגה זייער זכרון און אינ־טעליגענץ; טיילמאָל פאַלן זיי אַפילו אַריין אין אַ משוגעת. דער גייסט אָבער פון דעמדאָזיקן שווייגנדיקן און ווי אין די־דאָזיקע ווענט פאַרשפאַרטן תפיסהניק האָט אויפגעלויכטן מיט אַ מערקווירדיקן ליכט און אינטעליגענץ. טריי, מיטן גאַנצן האַרצן איבערגעגעבן דער זאַך, איז ער געווען אַ מוסטער פון גע־וויסנהאַפטיקייט און אַ פּאַר פּאַרן לאַנד, אין וועלכן ער איז געבוירן געוואָרן.

אין משך פון די צוויי ווייטערדיקע וואָכן האָט מיט אונז נישט פּאַסירט קיין איין פּאָרפּאַל.

איך וואָלט שוין זיכער פאַרגעסן וועגן די אַלע פּאָרפּאַלן, ווען זיי זאָלן אַפילו פּאַסירן. וואָרן מיט מיר איז פאָרגעקומען איין שרעקלעכער פּאָרפּאַל, וואָס וואָלט זיי אַלע פאַרטושט.

איך געדענק דעם מינדסטן פּרט פון דערדאָזיקער איבער־לעבונג.

דעם זיבעטן אויגוסט האָט אונזער וועג אונז צוגעפירט צו אַ טיפקייט פון דרייסיק מייל, דאָס הייסט, אַז איבער אונ־זערע קעפּ איז געווען דרייסיק מייל פעלזן, אָקעאַנען, יבשות און שטעט.

מיר האָבן זיך געפונען אַ צווייהונדערט מייל פון איס-לאַנד. דעמדאָזיקן טאָג האָט אונז דער טונעל נישט געפירט צו קיין שיפוע.

איך בין געגאַנגען פאָרויס. דער פעטער האָט געטראָגן איינעם פון די צוויי רומקאָרף-אַפּאַראַטן, און איך דעם צווייטן. איך האָב אָבסערווירט די גראַניט-שיכטן.

אינמיטן האָב איך זיך אויסגעדרייט און מיטאַמאָל דערזען, אַז איך בין איינער אַליין.

— אָט האָסטו דיר! — האָב איך אַ טראַכט געטאָן — צי בין איך געגאַנגען צו שנעל, אָדער דער פעטער איז גע-בליבן שטיין מיטן וועגווייזער? מען דאַרף צוגיין צו זיי!

כ׳האָב זיך געלאָזט גיין מיט מיינע אייגענע שפורן אויף צוריק. כ׳בין געגאַנגען אַזוי מסתמא אַ פערטל שעה. כ׳קוק זיך אַרום — נישטאָ קיינער. נעם איך שרייען. מען ענטפערט נישט. מיין שטים ווערט פאַרלוירן צווישן די גראַניט-קעלערס. איך הויב אָן ווערן אומרויִק. אַ גרויליקער שוידער לויפט מיר אַדורך איבערן לייב.

— רויק — זאָג איך צו זיך אויפן קול. — איך בין זי-כער, אַז איך וועל זיי געפינען, מיינע חברים. עס זענען דאָך קיין צוויי וועגן נישטאָ! איך וועל גיין מיטן זעלבן וועג צוריק, מוז איך זיי דאָך טרעפן.

איך בין געגאַנגען אַזוי אַ האַלבע שעה. כ׳האָב זיך צו-געהערט, צי רופט נישט עמעצער.

אָן אומגעשטערטע רו האָט געהערשט אין דערדאָזיקער ריזיקער גאַלעריע.

כ׳בין געבליבן שטיין. כ׳האָב פּשוט נישט געגלויבט, אַז איך בין פאַרלאָזן. כ׳האָב ליבערשט געוואָלט זיך האַלטן פאַר אַ פאַרבלאָנדזשעטן, איידער פאַר אַ פאַרפאַלענעם. פאַרבלאָנ-דזשעטע געפינט מען כמעט אַלעמאָל.

— לאָמיר צוזאַמען — האָב איך זיך אָן אויפהער איינ-גערעדט — וואָרן קיין צוויי וועגן זענען דאָך נישטאָ, און מיר מוזן זיך באַגעגענען.

איך בין אָן אויפהער געגאַנגען און געגאַנגען, ביז כ׳האָב לסוף גענומען צווייפלען, צי וועל איך זיך מיט זיי באַגעגענען.

— און אפשר זענען זיי אַוועק פאָרויס? אָבער זשאַן איז דאָך געגאַנגען גלייך הינטער מיר, און נאָך אים דער פעטער; זיי זענען דאָך אַלע ווײַלע געבליבן שטיין, כּדי צו פאַרריכטן זייערע באַגאַזשן.

דערדאָזיקער פּרט איז מיר איצט געקומען אויפן רעיון.

— אָבער דאָך — האָב איך אַ טראַכט געטאָן — איך האָב דאָך אַן אויסגעצייכנטן עדות, צי גיי איך טאַקע גוט... דאָס טײַכל פליסט דאָך מסתּמא דאָ נישט ווייט און וועט מיך אַרויספירן פון אַט דעם לאַבירינט.

איך דאַרף נאָר נאָכגיין דעם שטראָם און וועל זיכער אָנקומען.

דערדאָזיקער געדאַנק האָט אויפגעלעבט אין מיר דעם בטחון, און איך האָב גענומען גיין מונטערער.

ווי האָב איך אַצינד געבענטשט דעם פעטערס אײַנפאַל, מען זאָל נישט פאַרשטאָפּן די עפענונג אין פעלז, דורך וואַנען דאָס וואַסער האָט אַרויסגעשפּריצט.

אַלזאָ — דאָס וווּל-טוענדיקע טײַכל האָט אונדז נישט נאָר אָנגעטרונקען אין וועג, נאָר איז אויך געוואָרן מײַן וועג-ווײַזער אין דערדאָזיקער ערדישער שאָל.

פאַרן אַרויסגיין אין וועג אַרײַן האָב איך באַשלאָסן אויסצוטרינקען אַ ביסל וואַסער. כ׳האָב זיך אַריבערגעבויגן, כּדי זיך אַביסל אָרומצוּוואַשן; איך האָב אָבער מיט מײַן שטערן אָנגערירט אַ טריקענעם גראַניט-פעלז.

ווער איז בכּוח איבערצוגעבן מײַן דערשטוינונג?

כ׳האָב אָנגערירט אַ טרוקענעם, שאַרפן גראַניט! דאָס טײַכל צופוסנס איז אַנטרונען געוואָרן...

## קאַפּיטל זיבנאונצוואַנציק

# איך קען נישט געפינען דעם וועג. אַקסעל פאַלט אין חלשות.

איך בין נישט בכוח צו באַשרייבן מיין פאַרצווייפלונג. קיין שום שפּראַך אין דער וועלט וואָלט נישט ביכולת געווען איבערצו-געבן די געפילן, וועלכע האָבן מיך באַהערשט נאָך דערדאָזיקער אַנטדעקונג.

לעבעדיקערהייט באַגראָבן... מיט אַן אויטזיכט צו שטאַרבן אין הונגער-עינויים און דורשט-פּיין.

כ׳האָב מעכאַניש אָנגערירט מיט צעגליטע הענט דעם באָדן. ווי טרוקן דער פעלז איז אַצינד געווען.

אָבער ווי אַזוי האָב איך געקענט פאַרלירן דעם וואַסער-שטראָם, אויב ער איז דאָ נישט געווען.

אַצינד האָב איך פאַרשטאַנען די סיבה פון דערדאָזיקער מאוויימדיקער שטילקייט, בעת איך האָב זיך צוגעהערט, צי רופט זיך נישט אָפּ עמעצער פון מיינע וועג-חברים.

הייסט עס, אַז איך בין גאָרנישט געגאַנגען מיטן זעלבן וועג, מיט וועלכן ס׳איז געגאַנגען דער פעטער מיט זשאַנען; און איך בין גאָר, משמעות, נישט געווען אַצינד אין דערזעל-בער גאַלעריע, אין וועלכער איך האָב זיי איבערגעלאָזן.

ווייזט אויס, אַז בעת איך בין געגאַנגען פאָרויס, האָב איך פאַרקערצוועט אויף אַ גלייכן וועג, אין דער צייט ווען זיי זענען דערווייל געגאַנגען מיט אַן אַנדער זייטנוועג באַרג-אַראָפּ, צו די ווייטערע טיפענישן.

ווי גייט מען דאָ צוריק? קיין שפּורן זענען נישט געווען, מיין פּוס האָט, אַגב, נישט געלאָזט קיין שום סימנים אויפן טרוקענעם גראַניט. כ'האָב זיך געבראָכן דעם קאָפּ, ווי אַזוי קריכט מען דאָ אַרויס פון דער צרה.

מיין לאַגע וואָלט איך געקענט איבערגעבן מיט איין אייני-ציק וואָרט:

— אַ פאַרלוירענער!

יאָ, אַ פאַרלוירענער אין דערדאָזיקער אומגעהייערער טיפקייט. דרייסיק מייל ערד-שאָל האָבן געדריקט ווי אַ שרעק-לעכע מאַסע אויף מיינע אָרעמס.

כ'האָב זיך געפילט צעבראָכן, און האָב באַשלאָסן צו ווענדן מיינע מחשבות צו זאַכן, וועלכע כ'האָב איבערגעלאָזט דאָ אויף דער ערד.

איך האָב מיר, אַלזאָ, פאָרגעשטעלט אין דמיון האַמבורג, אונזער טייערע שטוב, מיין טייערע, אָרעמע מאַרגעריט, — אָבער דידאָזיקע וועלט איז אַנטרונען געוואָרן ווי אַ מע-טעאָר.

דערנאָך האָב איך געטראַכט וועגן אונזער נסיעה, וועגן אונזער אָנקום קיין איסלאַנד, וועגן דעם הער פרידריקסען, וועגן באַרג סנעפעלס.

דערנאָך האָב איך מיר אַ טראַכט געטאָן, אַז אויב איך קען זיך נאָך אין מיין איצטיקער לאַגע טרייסטן מיט אַ נאַרי-שער האָפענונג אויף אַ שטיקל ישועה, הייסט עס, אַז איך בין פּשוט געררירט פון זינען!

עס איז מיר געבליבן בלויז די פאַרצווייפלונג...

באמת, וואָס פאַר אַ קראַפט איז געווען בכוח מיך אַרויס-צופירן פון דאַנען אויף דער ערד-פלאַך און מיר מעגלעך צו מאַכן דעם דורכגאַנג פון אַזעלכענע ריזיקע שטחים איבער מיין קאָפּ?

ווער וועט עס מיך אַרויספירן אויפן ריכטיקן וועג און מיך צוזאַמענברענגען מיטן פעטער און מיטן וועג-ווייזער?

— אך, טייערער פעטער! — האָב איך מיט פאַרצווייפ־לונג אויסגערופן.

דאָס איז געווען דאָס איינציקע טענה-וואָרט, וואָס איז אַרויס פון מיין מויל, ווארן איך האָב גוט פאַרשטאַנען, אַז דער־דאָזיקער בידנער מענטש האָט מסתמא שטאַרק געליטן, אַרומ־זוכנדיק מיך איבער די גאַלעריעס.

ווען איך האָב זיך אַזוי אַזוי דערזען אַן עלנטן, איינעם אַליין, אָן מענטשלעכער הילף, האָב איך גענומען טראַכטן וועגן גאָט. דער זכר פון מיין טייערער מוטער, וועלכע איך האָב גע־קענט זייער קורץ, אָבער גוט געדענקט, האָט אַרויפגעטויכט פון מיין געדעכעניש.

כ׳האָב זיך דערמאָנט, ווי זי האָט תפילה געטאָן און ווי זי האָט מיך פאַרשווירן, איך זאָל דאַווענען.

כ׳האָב גענומען תפילה טאָן און בעטן ביי גאָט אַ ישועה.

דאָס האָט מיך אַ ביסל באַרויִקט, און איך האָב גענומען אָנשטרענגען אַלע מיינע כוחות און מיין גאַנצע אינטעליגענץ צו געפינען אַן אויסוועג.

שפּייז האָב איך געהאַט אויף אַ דריי טעג, אַ כלי מיט וואַסער אויך.

לאַנג האָב איך זיך אַליין נישט געקענט קיין עצה געבן, אָבער וואָס טוט מען? גיין באַרג-אַראָפּ, צי גאָר אַרויפקלעטערן באַרג-אַרויף?

אַרויפקלעטערן באַרג-אַרויף! באַרג-אַרויף!

אויב אַזוי, וועל איך אפשר באַגעגענען דאָס אָרט, פון װאַנען איך בין געקומען, און אויך דעם שפּרודלדיקן קוואַל.

אויב איך וועל צוקומען צום קוואַל, וועל איך שוין מסתמא טרעפן אויך צו סנעפּעלס.

פאַרוואָס האָב איך פריער וועגן דעם נישט אַ טראַכט געטאָן? דאָרט וועל איך זיכער געפינען אַן אויסוועג.

דאָס וויכטיקסטע איז אַצינד געווען אויסצוגעפינען זשאַנס קוואַל.

כ׳האָב זיך אויפגעהויבן, און אָנשפּאַרנדיק זיך אָן אַן אייזערנעם דראָנג, גענומען גיין. כ׳בין אַדורך די גאַלעריע. דער שיפּוע איז געווען זייער אַ שטאַרקער, אָבער איך בין געגאַנ־גען מיט בטחון און רו אין האַרצן, ווי אַ מענטש, וואָס האָט קיין אַנדער ברירה נישט.

אין משך פון אַ האַלבע שעה האָב איך נישט באַגעגנט קיין שום מניעות. כ׳האָב זיך באַמיט צו דערקענען דעם וועג לויט דער פאָרם פון טונעל, לויט דער הויך פון די גראַניט־פעלזן; אָבער קיין זאַך האָט מיר נישט דערמאָנט דעם פריער־דיקן וועג.

כ׳האָב אינגיכן פאַרשטאַנען, אַז די גאַלעריע וועט מיך צום קוואַל נישט צופירן. זי איז געווען אָן אַן אַרויסגאַנג.

כ׳האָב זיך לסוף אַ קלאַפּ געטאָן אָן וואַנט און בין אומ־געפאַלן אויפן גראַניט־באָדן.

פאַרלוירן אין דעמדאָזיקן לאַבירינט, האָב איך שוין אַפילו נישט געפּרוּווט זיך פונדאַנען אַרויסצוקריגן, אַזויפיל וועגן זענען געווען אַרום, אָבער וועגן, וואָס האָבן זיך געענדיקט מיט ווענט נישט אַדורכצוגיין.

מען האָט זיך געמוזט גרייטן צו אַ זיכערן טויט.

און מערקווירדיק: אין דערדאָזיקער גרויזאַמער רגע איז מיר איינגעפאַלן, וואָס וועט עס זיין, ווען עמעצער וועט אין אַ צייט אַרום, אין אַ טיפעניש פון דרייסיק מייל אין דער ערד, געפינען דאָ מיין סקעלעט?

וואָסערע ערנסטע פאָרשער וועלן זיך עס דאַן ברעכן דעם קאָפּ, פונוואַנען כ׳האָב זיך אַהער גענומען?

כ׳האָב געוואָלט רעדן צו זיך אויפן קול, נאָר כ׳האָב נישט געקענט.

אינמיטן דידאָזיקע רעיונות און אומבאַשרייבלעכער שרעק איז געשען אַן אומגליק. מיין לאָמפּ איז געפאַלן אויף אַ פעלז און איז קאַליע געוואָרן. כ׳האָב אים נישט געקענט פאַרריכטן. דאָס פלעמל איז בלייך געוואָרן און שוין געהאַלטן ביים

אויסגיין.

דערנאָך האָב איך גענומען לויפן, ריכטנדיק מיינע טריט סתם אין דער וועלט אַריין אין דעמדאָזיקן ריזיקן לאַבירינט.

כ׳בין געלאָפן, גערופן, געשריען, געוואָיעט ווי אַ וואָלף, אַ פאַרוווּנדעטער פון די פעלזן... כ׳בין געפאַלן און ווידער אויפֿגעשטאַנען, מוכן ומזומן, אַז עפּעס אַן אומפאָרויסגעזעענע וואַנט, אין וועלכער כ׳וועל צעטראַסקען מיין קאָפּ, וועט מאַכן אַ סוף צו מיין נישטיקן לעבן.

ווּהין האָט געפירט דערדאָזיקער וואַנזיניקער לויף? כ׳האָב אָסור נישט געוווּסט.

נאָך עטלעכע שעה לויפעניש בין איך, משמעות צוליב דער שרעקלעכער מידקייט, אַנידערגעפאַלן ווי אַ טויטע מאַסע אויף דר׳ערד און געבליבן אָן באַוווּסטזיין.

## קאַפּיטל אַכטאונצוואַנציק

# אַן עכאָ ברענגט צוטראָגן דעם פּראָפ. קול. אַקסעל איז געראַטעוועט.

ווען איך בין געקומען צו זיך, איז מיין פּנים געווען דורכגעווייקט פון טרערן.

ווי לאַנג איך בין געלעגן אַזוי פאַרחלשט, ווייס איך נישט. כ׳האָב נישט געהאַט פּשוט קיין שום מיטל, ווי אַזוי עס צו באַרעכענען.

מסתמא האָט זיך קיינער אין זיין לעבן נישט געפילט אַזוי שרעקלעך עלנט, ווי איך אין דערדאָזיקער לאַגע.

נאָכן אומפאַלן, איז פון מיר אָפּגעפלאָסן אַסאַך בלוט; כ׳האָב זיך געפילט זייער אָפּגעשוואַכט און גלייכצייטיק נידערגעשלאָגן.

אַך, ווי איך האָב באַדויערט, וואָס איך בין נישט געשטאָרבן!

וואָס־זשע טוט מען ווייטער? כ׳האָב שוין גאָרנישט נישט געטראַכט, נאָר בין ווידער געגאַנגען פּאָרויס.

כ׳האָב דערשפּירט ווידער אַ מין חלשות און האָב זיך שוין געוואָלט אַ וואָרף טאָן אויף דר׳ערד און מאַכן מיט זיך איינ־מאָל פאַר אַלעמאָל אַ סוף, ווען איך האָב מיטאַמאָל דערהערט עפּעס אַ הילך. דאָס איז געווען ענלעך צו אַ ווייטן דונער, און מען האָט אים געהערט לאַנג אין די טיפענישן פון דער גאַלעריע. פונוואַנען איז דאָ געקומען דער ליאַרם? וואָס האָט עס געקאָנט זיין?

אַוודאי עפּעס אַן אונטערערדישע דערשיינונג.

דאָס האָט געקענט זיין אַ גאַז־אויסברוך אָדער אַן אויפרייס פון עפּעס אַ שטיין־מאַסע אין דער ערד־שאָל.

כ׳האָב זיך צוגעהערט, צי וועט זיך דער הילך נישט אי־בערחזרן נאָכאַמאָל. אַזוי איז פאַרביי אַ פערטל שעה. אין דער גאַלעריע האָט געהערשט אַ שטילקייט.

אין אַ געוויסן מאָמענט האָט מיין אויער, וואָס איך האָב צוגעלייגט צו דער וואַנט, געהערט, דאַכט זיך, עפּעס ווייטע, אומאויפכאַפּבאַרע ווערטער. איך האָב אַזש אַ ציטער געטאָן פאַר אויפרעגונג.

— עס דאַכט זיך מיר בלויז — האָב איך אַ טראַכט געטאָן.

אָבער ניין. צוהערנדיק אויפמערקזאַם, האָב איך דייטלעך דערהערט דעם געמורמל פון עמעצנס רייד. איך האָב נישט גע־קענט הערן, וואָס מען האָט גערעדט. נאָר אַז מען האָט גע־רעדט, אין דעם בין איך געווען זיכער.

אַ ווײַלע האָב איך געטראַכט, צי זענען דידאָזיקע ווער־טער נישט געווען אַמאָל דער עכאָ פון מיינע אייגענע רייד.

כ׳האָב פאַרמאַכט דאָס מויל, און צולייגנדיק אַן אויער צו דער וואַנט, גענומען צוהערן.

מען האָט גערעדט. מען האָט זיכער עפּעס גערעדט.

גייענדיק פּאָרויס מיט אַ צוגעלייגטן אויער לענג־אויס

דער וואַנט, האָב איך גענומען הערן וואָס־אַמאָל דייטלעכער. כ׳האָב אויפגעכאַפּט מיטן אויער מאָדנע, אומפאַרשטענדלעכע, אָבער וואָס־אַמאָל העכערע ווערטער.

דאָס וואָרט „פאַרלוירן" האָט זיך עטלעכע מאָל איבערגע־חזרט מיט אַ טאָן פון ווייטיק.

וואָס זאָל עס באַדייטן? ווער האָט עס אַרויסגערעדט? דער פעטער, צי דער וועג־ווייזער? אָבער אויב איך הער זייער שמועס, דאַרפן זיי דאָך הערן מייַנעם.

— צו מיר! — האָב איך מיט אַלע כוחות אויסגעשריען — אַהער!

כ׳האָב זיך צוגעהערט, געוואַרט אויף אַן ענטפער, אַ גע־שריי אָדער עפּעס אַ זיפץ. מ׳האָט נישט געהערט גאָרנישט...

ס׳איז פאַרבײַ עטלעכע מינוט. אַ גאַנצער שטורעם פון מחשבות איז מיר אַדורכגעפלויגן דורכן קאָפּ.

כ׳האָב כסדר געטראַכט, אַז מײַן שוואַכער קול קען נישט דערגיין צו מײַנע חברים.

— דאָס זענען זיי, זיי! — האָב איך זיך אײַנגעחזרט — וואָרן ווער־זשע דען וואָלט דאָ געלעגן באַגראָבן אונטער דער ערד, אונטער אַ דרײַסיק־מייליקער שיכט?

כ׳האָב ווידער גענומען זיך צוהערן. צולייגנדיק און שאַרב־דיק פאַרויס מײַן אויער לענג־אויס דער וואַנט, האָב איך אויס־געפונען אַזאַ פּונקט, וווּ די שטימען זענען דערגאַנגען אַהער צום דייטלעכסטן. דאָס וואָרט „פאַרלוירן" האָט מײַן אויער ווי־דעראַמאָל אויפגעכאַפּט, און דאַן האָט זיך ווידער דערהערט אַ הילך.

— ניין, — האָב איך געזאָגט — ניין, די שטימען דרינ־גען אַהער נישט אַריין דורך די גראַניט־ווענט, אָבער צוליב דער אַקוסטיק לאָזן זיי זיך הערן אין דער גאַלעריע גופא.

כ׳האָב זיך ווידער צוגעהערט — און האָב ווידער דער־הערט גאַנץ דייטלעך, ווי מען רעדט מיט פאַרצווייפלונג אַרויס מײַן נאָמען.

דאָס האָט געזאָגט דער פעטער. ער האָט געשמועסט מיטן וועג־ווייזער, און דאָס וואָרט „פאַרלוירן" האָט זיך פיל מאָל איבערגעחזרט אינם שמועס.

כ׳האָב איצט אַלץ פאַרשטאַנען. כּדי מען זאָל מיך דער־הערן, האָב איך געדאַרפט רעדן לענג־אויס דער וואַנט, וועל־כע האָט געדינט פאַר אַן עלעקטרישן פאָדעם.

מען האָט אָבער נישט געטאָרט פאַרלירן קיין צייט. כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז אויב מיינע חברים וועלן אַוועקגיין ווייטער, וועלן זיי מיך שוין נישט הערן.

כ׳בין צוגעגאַנגען צו דער וואַנט און האָב דייטלעך אַרויס־געזאָגט די ווערטער:

— פעטער לידענבראָק.

כ׳האָב מיט דער העכסטער שפּאַנונג צוגעהערט, צי וועט מען מיר ענטפערן.

די קלאַנגען זענען אַהער נישט צוגעגאַנגען שנעל; נאָר אין עטלעכע סעקונדעס אַרום, וואָס האָבן אויסגעזען ביי מיר ווי אַ יאָר, האָב איך דערהערט:

— אַקסעל! אַקסעל! דו ביסט עס?

— יאָ! יאָ! — האָב איך געענטפערט.

— קינד מיינס, ווו ביסטו?

— פאַרבלאָנדזשעט אין טיפסטן חושך.

— און דיין לאָמפּ?

— פאַרלאָשן.

— און דאָס טייכל?

— אַנטרונען.

— אַקסעל, מיין אָרעמער אַקסעל, באַוואָפן זיך מיט מוט!

— וואַרט נאָר, איך בין אינגאַנצן אויסגעשעפּט! כ׳האָב קיין כּוח נישט צו ענטפערן. אָבער רעד צו מיר, פעטער!

— מוט! — האָט דער פּראָפעסאָר איבערגעחזרט, — רעד נישט, נאָר הער מיך אויס! מיר האָבן דיך אומעטום אַרומגעזוכט, אונטן און אויבן, אָבער בשום־אופן נישט געקענט

דיך געפינען. כ׳האָב דיך שוין באַוויינט, ווי אַ געשטאָרבענעם, קינד מיינס! לסוף האָבן מיר געגומען גיין אין דער ריכטונג פונם קוואַל און האָבן אויסגעשאָסן פון אַ ביקס. איצט, ווען אונזערע שטימען קומען אָן צו דיר אַ דאַנק די אַקוסטישע כוואַליעס, דאַרפן מיר שוין נישט שיסן. זיי נישט פאַרצווייפלט, אַקסעל! איצט וועלן מיר דיך שוין לייכטער געפינען!

אַ שוואַכע האָפענונג האָט אָנגעפילט מיין האַרץ.

כ׳האָב ווידער צוגעלייגט די ליפן צו דער וואַנט און געזאָגט:

— פעטער?

— קינד מיינס?

— מען דאַרף זען, וואָס פאַר אַ שטח עס טיילט אונז אָפּ.

— דאָס איז אַ לייכטע זאַך! דו האָסט דעם כראָנאָמעטער?

— יאָ, פעטער.

— נעם אים אין האַנט אַריין און רעד אַרויס מיין נאָמען און צייל די סעקונדן, בעת דו רעדסט. ווי-נאָר דיינע ווערטער וועלן צוקומען צו מיין אויער, וועל איך דיר גלייך ענטפערן, און דו באַמערק, ווי לאַנג דו וועסט וואַרטן אויף מיין ענטפער. ביסט פאַרטיק?

— פאַרטיק!

— גיב אַכטונג! איך הויב אָן.

כ׳האָב צוגעלייגט דאָס אויער צו דער וואַנט און ווי-נאָר כ׳האָב דערהערט דאָס וואָרט „אַקסעל״, האָב איך תיכף געענטפערט.

— פערציק סעקונדעס — האָט מיר דער פראָפעסאָר געענטפערט, — עס איז פאַרביי פערציק סעקונדעס צווישן די צוויי ווערטער. מיר זענען, אַלזאָ, דערווייטערט איינער פון צווייטן צוואַנציק טויזנט מיט פיר הונדערט פוס, אָדער צייל נדיק אויף מיילן, אַנדערטהאַלבן מייל מיט אַ ווי אָרסט.

— אַנדערטהאַלבן מייל! — האָב איך אויסגערופן.

— מיר וועלן דעם שטח לייכט אַדורכמאַכן, טייערער אַקסעל.

— אָבער וואָס זאָל איך טאָן, גיין באַרג-אַראָפּ, צי באַרג-אַרויף?

— באַרג-אַראָפּ, וואָרן מיר געפינען זיך זייער ווייט איינער פון אַנדערן און אָפּגעטיילט מיט אַסאַך גאַלעריעס. די גאַלעריע, מיט וועלכער דו וועסט גיין, וועט דיך זיכער פירן אין דער ריכטיקער זייט. שטיי אויף און הויב אָן גיין. גיי, קלעטער איבער די בערגלעך, קריך איבער די פעלזנשטיינער, און דו וועסט זיכער טרעפן צו אונז אין די אָרעמס אַריין. אין וועג אַריין, קינד מיינס, אין וועג אַריין!

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

דידאַזיקע ווערטער האָבן מיר צוגעגעבן לעבן און מוט.

— צום ווידערזען, פעטער! — האָב איך אויסגעשריען — איך גיי שוין!

— צום ווידערזען, אַקסעל, צום ווידערזען!

דאָס זענען געווען די לעצטע ווערטער, וועלכע איך האָב געהערט, איידער כ׳האָב זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

דערדאָזיקער מערקווירדיקער שמועס אויף אַ מיילן-שטח האָט זיך געענדיקט מיט ווערטער פון בטחון.

כ׳האָב געדאַנקט גאָט, וואָס איך האָב זיך אַהער דערשלעפּט און געקענט זיך אַזוי-אַרום פאַרשטענדיקן מיט מיינע חברים; און כ׳האָט גענומען קריכן אין דער אומדורכדרינגלעכער פינסטערניש.

די אַקוסטישע דערשיינונג, אַ דאַנק וועלכער כ׳האָב געהאַט די מעגלעכקייט צו פאַרפירן אַ שמועס, איז פאָרגעקומען צוליב דער אייגנאַרטיקייט פון די פעלזן-אויסהוילונגען, וועלכע האָבן נישט פאַרהאַלטן די שטים, נאָר זי אַריבערגעטראָגן ווייטער.

אַזעלכע דערשיינונגען טרעפן זיך אָפט אויך אין די געביידעס.

אַ שטייגער, אינם טעמפּל פון הייליקן פּאָל אין לאָנדאָן און קודם-כּל אין די סיציליאַנער היילן אַרום סיראַקוז, פון, וועלכע די שענסטע איז באַקאַנט אונטערן נאָמען „דאָס אויער אין דעני“.

דידאָזיקע זכרונות זענען מיר איצט אויפגעשווומען, און איך האָב אויסגעצייכנט פאַרשטאַנען, אַז בעת דעם פּעטערס שטים איז צוגעקומען צו מיינע אויערן, איז, משמעות, נישט געווען קיין שום שטערונג פאַר די קלאַנגען פון דעם שטים.

גייענדיק מיטן וועג פון די קלאַנגען, האָב איך געדאַרפט צו זיי אָנקומען, אויב איך זאָל האָבן גענוג כּוחות.

כ׳האָב זיך אויפגעהויבן און גענומען זיך גיכער שלעפּן, איידער גיין. דער שיפוע איז געווען אַ ראַשער. כ׳האָב זיך גענומען, קייקלענדיק, אַראָפּגליטשן באַרג-אַראָפּ.

אינגיכן איז די שיפקייט געוואָרן אַזאַ שטאַרקע, אַז איך האָב פּשוט געקענט אַראָפּפאַלן אונטן.

כ׳האָב נישט געהאַט קיין כּוח אויפצושטיין.

מיטאַמאָל האָט זיך מיר דער באָדן אַרויסגעגליטשט פון אונטער די פיס. איך בין אַראָפּגעפאַלן באַרג-אַראָפּ, מיין קאָפּ האָט זיך מיט דער גאַנצער קראַפט אַ זעץ געטאָן אָן דעם קאַנט פון אַ פעלז, און איך בין געפאַלן אין חלשות.

### קאַפּיטל ניינאונצוואַנציק

## אַ ים פון פאַרן מבול. אָנשטאָט דער זון־עלעקטריציטעט.

ווען איך בין געקומען צו זיך, האָט אַרום געהערשט אַ טונקלקייט, און איך בין געלעגן אויסגעצויגן אויף ווייכע קאָל־דרעס.

איבער מיר איז געשטאַנען איבערגעבויגן דער פעטער, באַטראַכטנדיק, צי לעב איך נאָך.

ביי מיין ערשטן זיפץ האָט ער מיך אָנגענומען פאַר דער האַנט, און ביים ערשטן בליק אַרויסגעלאָזט אַ פריידיקן אויס־געשריי.

— ער לעבט! ער לעבט! — האָט ער אויסגעשריען.

— יאָ — האָב איך מיט אַ שוואַכער שטים געענטפערט.

— קינד מיינס, — האָט דער פעטער צו מיר געזאָגט, טוליענדיק מיך צו זיין ברוסט — ביסט געראַטעוועט.

איך בין געוועזן טיף גערירט פון זיין ווייכהאַרציקן טאָן און פון זיין זאָרגפולער אַרומפּאָרעניש אַרום מיר.

מען האָט אָבער געדאַרפט האָבן אַזש אַזאַ געוואַלדיקער איבערלעבונג, אַז דער פעטער זאָל מיר אַרויסווייזן, וואָס ער פילט צו מיר.

אין דער רגע איז אָנגעקומען דער וועג־ווייזער. ער האָט דערזען מיין האַנט אין פעטערס דלאָניע, און זיינע לעבעדיקע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן מיט פרייד.

— גוטמאָרגן! — האָט ער געזאָגט.

— גוטמאָרגן, זשאַן, גוטמאָרגן, — האָב איך צו אים אַ

פליסטער געטאָן. — און אַצינד, פּעטער, זאָג מיר, ווי געפּי-נען מיר זיך?

— מאָרגן, אַקסעל, מאָרגן, היינט ביסטו צו שוואַך. כ׳האָב דיר אַרומגעבונדן דעם קאָפּ מיט אַ באַנדאַזש, וועלכן מען טאָר נישט אַראָפּנעמען. שלאָף איצט, טייער יינגל, מאָרגן וועל איך דיר אַלץ דערציילן.

— איך וואָלט אָבער, ווייניקסטנס, געוואָלט וויסן, וויפיל דער זייגער איז און וועלכער טאָג איז היינט.

— עלף אַזייגער ביינאַכט, זונטיק, דער 9-טער אויגוסט. מער דערלויב איך דיר נישט צו פרעגן אַזש ביזן 10-טן פון היינטיקן חודש.

איך בין באמת געווען זייער אָפּגעשוואַכט און כ׳האָב זיך געניטיקט אין אַן אָפּרו.

צומאָרגנס, ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, האָב איך גע-כאַפּט אַ קוק אַרום זיך.

מיין געלעגער, געמאַכט פון אַלע רייזע-קאָלדרעס, האָט זיך געפונען אין אַ וווּנדערבאַר-שיינער הייל, אויסגעצירט מיט פּראַכטפולע סטאַלאַגמיטן, און איר פּאָדלאָגע איז געווען אויס-געזייט מיט איידעלן זאַמד.

דאָ האָט געהערשט אַ טונקלקייט, אָבער אינגאַנצן פינסטער איז נישט געווען. עס איז דאָ אויך נישט געווען קיין לאָמפּ און נישט קיין שטורקאַץ; אַקעגן-זשע זענען עפּעס ליכט-שטראַלן אַריינגעפלאָסן דורך אַ ברייטער לאָך אין הייל אַריין.

איך האָב דערהערט עפּעס אַן אומפאַרשטענדלעכע מור-מלעריי, ענלעך צום זיפץ פון אַ כוואַליע, וואָס קלאַפּט זיך אָפּ אָן עפּעס האַרטעס.

איך האָב אַ פרעג געטאָן ביי זיך, צי איז עס אַמאָל נישט קיין חלום, צי הערט נישט אַמאָל מיין מוח, וואָס איז דערשיטערט פונם פאַל, קיין אומווירקלעכע, אויסגעדאַכטע קלאַנגען.

אָבער נישט מיינע אויגן, נישט מיינע אויערן האָבן מיך

אַצינד נישט פֿאַרפֿירט.

— דאָס איז דער שימער פֿון טאָג — האָב איך אַ טראַכט געטאָן — ער קוקט אַריין דורך דער שפּאַרע אין די פֿעלזן! און יענץ איז דער געמורמל פֿון כוואַליעס.

צי האָב איך אַ טעות? צי זענען מיר שוין נישט אונטער דער ערד? צי האָט זיך מיין פֿעטער אָפּגעזאָגט פֿון דער געוואַגטער עקסקורסיע, אָדער זי האָט זיך שוין מיט מזל געענדיקט?

כ׳האָב זיך דערויף פֿאַרטראַכט, בעת דער פּראָפֿעסאָר איז אַריין.

— גוטמאָרגן, אַקסעל, — האָט ער זיך פֿריילעך אָנגערופֿן — וואָס מאַכסטו, טייער יינגל?

— גוט, פֿעטער, — האָב איך געענטפֿערט, אַראָפּוואַרפֿנדיק פֿון זיך די קאָלדרעס.

— ביסט געשלאָפֿן זייער רויִק. איך מיט זשאַנען האָבן געוואַכט לויט דער ריי אַ גאַנצע נאַכט, און מיר האָבן געזען, אַז דו ווערסט גאָר שנעל געזונט ווערן.

— באמת, איך פֿיל זיך שוין זייער גוט. די בעסטע ראַיה איז מיין אַפּעטיט, וועלכער מאָנט געוואַלדיק פֿרישטיק.

— דו וועסט באַלד עסן, מיין קינד. די היץ איז שוין פֿאַרביי. זשאַן האָט אויסגעשמירט דיינע ווונדן מיט עפּעס אַן איסלענדישן באַלזאַם, און זיי פֿערהיילן זיך אַצינד. אַן איידעלער מענטש, אונזער וועג-ווייזער.

דאָ האָט מיר דער פֿעטער געבראַכט צו טראָגן שפּייז, וואָס איך האָב זייער גיריק אויפֿגעגעסן.

בעתן עסן האָב איך זיך נאָכגעפֿרעגט אויף פֿאַרשידענע זאַכן, אויף וואָס ער האָט מיר גערן געענטפֿערט.

איך האָב זיך, אַלזאָ, דערוווּסט, אַז מיין וואַנדערונג האָט מיך צוגעפֿירט ביז דער גאַלעריע, ווו איך בין אומגעפֿאַלן אויף אַ הויפֿן שטיינער.

דאָ האָבן זיך געפֿונען דער פֿעטער מיטן וועג-ווייזער, און

איך בין אַ פאַרחלשטער געפאַלן אין זייערע אָרעמס אַריין.

— באמת, האָט דער פּראָפעסאָר גערעדט — איך פאַר־שטיי נישט פשוט, ווי אַזוי דו ביסט געבליבן לעבן. אָבער גע־דענק, לאָמיר זיך מער נישט צעשיידן, וואָרן אַן אַנדערש מאָל קענען מיר נאָך האָבן ווייניקער מזל, ווי דאָסמאָל!

לאָמיר זיך נישט צעשיידן? הייסט עס, אַז די רייזע איז נאָך נישט געענדיקט? איך האָב ברייט פאַנאַנדערגעעפנט די אויגן. דער פעטער האָט מיך באַלד אַ פרעג געטאָן:

— וואָס איז דיר, אַקסעל?

— איך וויל דיך עפּעס פרעגן, פעטער. דו זאָגסט, אַז איך בין פולשטענדיק געזונט?

— נאַטירלעך.

— אַלע אברים זענען ביי מיר אין אָרדענונג?

— אָן צווייפל.

— און מיין קאָפּ?

— דיין קאָפּ איז, נישט געקוקט אויף די שטאַרקע קלעפּ, דאָך געבליבן גאַנץ.

— איך האָב מורא, אַז מיין מוח איז דערשיטערט גע־וואָרן...

— ס'טייטש?

זענען מיר נישט, הייסט עס, אויף דער ערד־פלאַך?

— אַך, ווי קומט!

— בין איך, אַלזאָ, גערירט פון זינען, וואָרן איך זע אַ טאָג־ליכט, הער דעם גערויש פון ווינט און דעם געמורמל פון ים־כוואַליעס.

— אַך, בלויז דאָס?

— דערקלער עס מיר, פעטער.

— איך קען דיר נישט אויפקלערן אַ זאַך, וואָס איז אומ־דערקלערבאַר, דו וועסט אָבער אַליין זען און פאַרשטיין, אַז די געאָלאָגיע־וויסנשאַפט האָט נאָך נישט געזאָגט איר לעצט וואָרט.

— לאָמיר־זשע גיין! — האָב איך האַסטיק אויסגעשריען און זיך אַ ריס געטאָן בשעת־מעשה פון געלעגער.

— ניין, אַקסעל, חלילה! דער שטאַרקער ווינט קען דיר נאָך פאַרשאַדן.

— אַ ווינט?

— יאָ ס׳איז אַ שטאַרקער ווינט. איך וויל נישט, זאָלסט איינשטעלן דאָס לעבן.

— אָבער איך פאַרזיכער דיר, פעטער, אַז איך פיל זיך אויסגעצייכנט.

— אַ ביסעלע געדולד, קינד מיינס. רו זיך היינט אויס, וועלן מיר מאָרגן אָפּשווימען.

— אָפּשווימען?...

דאָס לעצטע וואָרט האָט מיך פשוט פאַרשטיינערט. ס׳טייטש? אָפּשווימען? צי האָבן מיר דאָ אַ טייך, אַן אָזיערע, צי אַ ים? צי איז דאָ פאַראַן אַ דאַמפער אין עפּעס אַ נאָענטן פּאָרט?

מיין נייגעריקייט איז געווען אומבאַשרייבלעך. אומזיסט האָט מיך דער פעטער געפּרוווט אָפּהאַלטן, איך זאָל נישט אַרויסגיין פון הייל. ער האָט לסוף געמוזט נאָכגעבן.

כ׳האָב זיך שנעל אָנגעטון. כדי צו באַרויקן דעם פעטער, האָב איך זיך אַרומגעוויקלט אין אַ קאָלדרע און בין אַרויס.

## קאַפּיטל דרייסיק

# די אַנטדעקונג פון אַ ריזיקער אָזיערע.

נישט געקוקט אויף מיינע אָנשטרענגונגען, האָב איך נישט דערזען גאָרנישט. מיין בליק, וואָס איז צוגעוווינט געווען צו פינסטערניש, האָט זיך פאַרן ליכט פאַרמאַכט.

ווען איך בין שוין בכוח געווען צו עפענען די אויגן, בין איך געבליבן שטיין גיכער פאַרבלענדט, איידער פאַר־חידושט.

— ים! — האָב איך אויסגעשריען.

— יאָ, — האָט מיר דער פעטער געענטפערט, — דער לידענבראָק־ים. איך האָף, אַז קיינער וועט ביי מיר נישט צונע־מען דעם כבוד פון דערדאָזיקער אַנטדעקונג און דאָס רעכט אָנצורופן דעם ים אויף מיין פאַמיליע־נאָמען.

אַ ברייטע וואַסער־פלאַך, אַן אָנהויב פון עפּעס אַן אָזיערע אָדער אָקעאַן, האָט זיך געשפּרייט פאַר מיינע אויגן.

די כוואַליעס האָבן מיט אַ לייכטער מורמלעריי געקלאַפּט אין די ברעגעס, צוריפּטויכנדיק אַ פראַכטפולן, גאָלדענעם זאַמד.

אַ לייכטער שוים האָט זיך געטראָגן אויף דער אויבער־פלאַך. דאָס איז געווען אַן אָקעאַן מיט קאָנטורן פון קאַפּריזנע

ברעגעס, אָבער אַ מדברדיקער, מיט אַ שרעקלעך ווילדן אויסזען.

ווען מיין בליק זאָל דערגרייכן צו די ווייטסטע ראַנדן פונם דאָזיקן ים, וואָלט ער אומעטום אויפגעכאַפּט דאָסזעלבע מערק־ווירדיקע, מאָדנע ליכט, וואָס האָט באַלויכטן די מינדסטע וואַ־סער־שפּליטערלעך.

דאָס איז נישט געווען קיין זון־ליכט מיט אַ פאַרבלענדנ־דיקער שטראַלן־שיין; דאָס איז אויך נישט געווען דאָס ליכט פון די נאַכט־שטערן, וואָס איז, אייגנטלעך, אַן אָפּגעשפּיגלט, קאַלט ליכט.

ניין. דער קאָליר פונם ליכט איז געווען אַ העלער און טרוקענער; און די הויכע טעמפּעראַטור האָט עדות געזאָגט, אַז דאָ איז פאַראַן געוויס עלעקטרישע קראַפט.

דאָס איז געווען עפּעס ווי דער מאָרגן־שימער, אַ קאָסמי־שע דערשיינונג.

דער הימל איבער מיין קאָפּ איז באַשטאַנען פון גרויסע באַוועגלעכע און פאַרענדערלעכע וואָלקנס, וואָס האָבן אַ ליאַדע רגע געקענט אַראָפּפאַלן אין דער געשטאַלט פון שלאַקס־רעגנס.

דער אָנבליק איז געווען אַ פּרעכטיקער. דאָס עלעקטרישע ליכט האָט צעזייט רונד־אַרום טויזנטער שטראַלן; מאָמענטנווייז האָט זיך צו אונז דערנענטערט עפּעס אַ פלעמל, וואָס האָט אונז, דאַכט זיך, אָט־אָט אָנגעצירט.

אין דער ווירקלעכקייט אָבער איז דאָס נישט געווען די זון, וואָרן עס האָט לחלוטין נישט געוואַרעמט.

מיר זענען געווען ווי פאַרשפּאַרט אין דערדאָזיקער רי־זעדיקער וואַסער־מאַסע.

די ברייט פונם ים האָט מען מיטן אויג נישט געקענט כאַפּן. דאָסזעלבע איז געווען מיט דער לענג.

איך האָב נישט געקענט באַגרייפן, פון וואַנען האָט זיך אַזאַ מין דערשיינונג גענומען אַהער, אין דער ערד. די

נעאָלאָגישע וויסנשאַפט האָט עפּעס אַזוינס נישט פאָרגעזען. נישט־שוין־זשע האָט די אָפּקילונג פון דער ערד־קויל געשאַפן אַזעלכע וואָלקנס מיט וואַסערן?

איך האָב געוווּסט, פון רייזע־באַשרייבונגען, וועגן פאַרשידענע אונטערערדישע היילן, אָבער אַזאַ מין הייל האָב איך מיר אין מיין לעבן נישט פאָרגעשטעלט.

איך האָב שווייגנדיק באַטראַכט דאָס וואונדער פונם אָנבליק, וואָס האָט זיך פאַר מיר אויסגעשפּרייט. עס האָט מיר פשוט פאַרפעלט לשון. מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז איך געפין זיך אויף אַ וויטער פּלאַנעט, אויף אוראַניע אָדער ערגעץ אויפן נעפּטון.

כ׳האָב געקוקט, געטראַכט און באַוווּנדערט דאָס אַלץ מיט אַ געוויסער שרעק. דידאָזיקע אומפאָרויסגעזעענע דערשיינונג האָט אויף מיין פּנים אַרויסגערופן רויטע סימנים פון געזונטקייט. דער לופט־שטראָם האָט מיך אָפּגעפרישט און אַריינגעגאָסן פרישע חיות אין מיינע לונגען.

עס איז לייכט צו פאַרשטיין, אַז נאָך זיבנאונפערציק שעה תּפיסה אין אַן ענגער גאַלעריע, איז געווען פאַר מיר אַ גרויסע פרייד צו פאַרזוכן מיט דער געזאַלצענער ים־לופט.

איך האָב לחלוטין נישט באַדויערט, וואָס כ׳האָב פאַרלאָזן מיין הייל.

דער פעטער, וואָס איז געווען באַהאַוונט אין די נאַטורוואונדער, איז פון דעם אַלעם נישט געווען איבעריק אַנטציקט.

— דו פילסט זיך שוין בכּוח צו גיין מיט מיר אַ ביסל? — האָט ער מיך געפרעגט.

— נאַטירלעך, מיטן גרעסטן פאַרגעניגן — האָב איך געענטפערט.

— נעם־זשע מיך, אַקסעל, אונטערן אָרעם, און לאָמיר גיין אַ ביסל מיטן ברעג פון וואַסער.

כ׳האָב אים גענומען אונטער דער האַנט, און מיר האָבן

אָנגעהויבן אַ שפּאַציר איבערן ברעג.

לינקס האָבן זיך געפונען פעלזן, וואָס זענען געשטאַנען הויפנווייז, איינער אויפן אַנדערן.

צופוסנס זענען אַראָפּגעפאַלן אונטן ריזיקע, צעבושעוועטע ים-כוואַליעס, שאַפנדיק פּראַכטפולע וואַסערפאַלן.

ווי-נישט-ווי האָבן זיך באַוויזן קליינע וואָלקנדלעך און אַ פּאָרע, וואָס האָט עדות געזאָגט, אַז דאָרט געפינען זיך הייסע קוואַלן. אויף אַן אַנדער אָרט זענען שטיל געפלאָסן שטראָמלעך, צאַרט פליסטערנדיק און אַריבערגיסנדיק זיך איבער די באַגעגנטע שטיינער.

צווישן דידאָזיקע שטראָמלעך האָב איך באַמערקט אויך אונזער טרייען וועג-באַגלייטער, וואָס איז אַרויסגעפלאָסן פון זשאַנס קוואַל.

ער איז אַריינגעפאַלן אין ים אַריין און אינגאַנצן אַנט-רונען געוואָרן אין דער אומענדלעכער וואַסער-פלאַך.

— אַ שאָד, מיר וועלן אים שוין מער נישט האָבן — האָב איך זיך מיט אַ זיפץ אָנגערופן.

— מילא, — האָט דער פּראָפעסאָר געענטפערט — צי איז נישט אַלצאיינס, דער צי אַן אַנדערער?

איך האָב געהאַלטן, אַז זיין ענטפער איז געווען זייער אַן אומדאַנקבאַרער.

אָבער אין דער רגע האָט צוגעצויגן מיין אויפמערקזאַמ-קייט אַן אומגעריכט-אַנטפּלעקט בילד.

אַ פינפהונדערט טריט פון אונז, אויף אַ הויך בערגל, האָט זיך געצויגן אַ הויכער, געדיכטער וואַלד. ער איז באַשטאַ-נען פון מיטלווּקסיקעביימער אין דער געשטאַלט פון שירעמס, מיט געאָמעטרישע קאָנטורן.

דער הויך פונם ווינט האָט אויף דידאָזיקע ביימער לחלוטין נישט געווירקט, זיי האָבן זיך אינגאַנצן נישט באַוועגט. זיי זענען ענלעך געווען צו הונדערטיאָריקע צעדער-ביימער.

אַ נייגעריקער, בין איך צוגעגאַנגען נענטער. כ׳האָב נישט

געקענט געפינען קיין נאָמען פאַר דידאַזיקע משונהדיקע פלאַנצן... ווען מיר זענען צוגעקומען נענטער צו די ביימער, כּדי זיך אָפּצורוען אין זייער שאָטן, האָט זיך מיין פאַרהידושונג פאַר־וואַנדלט אין באַוווּנדערונג, דאָס זענען באמת געווען ערד־פּרוכטן פון אַ ריזיקער גרויס.

דער פעטער האָט זיי באַלד אָנגערופן ביים נאָמען.

— דאָס איז אַ שוואָמען-וואַלד, דאָס איז עס.

און ער האָט זיך נישט טועה געווען...

גיט נאָר אַ טראַכט, וואָס פאַר אַ סיורפּריז דאָס איז, צו זען דידאָזיקע ריזעדיקע שוואָמען, וואָס שיידן זיך אין אונזער לאַנד נישט אונטער פון אַנדערע שוואָמען לויט דער גרויס און וואָס דערגרייכן דאָ די הויך פון ביימער, ווי מען קען זיך פשוט באַהאַלטן!

זיי זענען געווען אין די טויזנטער. דאָס ליכט איז אַהין לחלוטין נישט אַריינגעדרונגען, אַגב איז דער באָדן געווען אַ פייכטער, און זיי זענען געוואַקסן אין אַ גאָר היפשער צאָל.

מיר האָבן אַזוי אַרומגעבלאָנדזשעט און אין דער פינסטער־ניש קוים מיט צרות געפונען ווידער דעם ברעג פון ים. מיר זענען געגאַנגען ווייטער און אומעטום באַגעגנט נייע ווונדער.

די געוויקסן-וועלט איז אין אַ צווייטן אָרט געווען אינ־גאַנצן אַן אַנדערע.

דאָרט זענען געווען, אַ שטייגער, פאַרנקרויט-פלאַנצן אין דער גרויס פון ריזיקע ביימער. אויך ליקאָפּאָדימו־געוויקסן פון זעלטענער הויך און לעפּידענדראָנען מיט שטענגלעך פון לאַנגע בלעטער, אָנגעשפּיצט מיט טונקל־ברוינע האָר, און אַסאַך אַנדערע עקזאָטישע געוויקסן.

— וווּנדערבאַר, פּראַכטפול, אומגעווייניעך! — האָט דער פּראָפעסאָר נאָכאַנאַנד אויסגערופן. — אָט איז די פלאָרע פון אַ צווייטער וועלט-עפּאָכע. אָט זענען באַשיידענע הויז־געוויקסן, וואָס זענען געווען אַמאָל ריזיקע ביימער... גיב אַ קוק, אַקסעל,

און באוווּנדער! קיינמאָל איז נאָך אַ דאָטאַניקער נישט געווען אויף אַזאַ רייכן מאַלצייט פון געוויקסן.

— ביסט גערעכט, פעטער. די השגחה, דאַכט זיך, האָט געוואָלט בכיוון דערהאַלטן דאָ ביים לעבן געוויקסן פון פאַרן מבול... וווּנדערבאַר, פּראַכטפול! אַן אמתע אָראַנזשעריע פון פאַרן מבול!

— דו זאָגסט ריכטיק, טייער יינגל. דאָס איז אַן אָראַנזשעריע. די וועסט זיך אָבער נאָך בעסער אויסדריקן, ווען דו וועסט עס אָנרופן אויך אַ מענאַזשעריע.

— אַ מענאַזשעריע?

— יאָ, בלי־ספק. דו זעסט אָט דעם שטויב, וואָס באַדעקט אונזערע פיס, און אָט די ביינער, וואָס ליגן אויף דר'ערד?

— ביינער! — האָב איך אויסגעשריען — יאָ, ביינער פון אַמאָליקע חיות, פון פאַרן מבול!

איך בין צוגעגאַנגען נענטער צו די שיריים פון די אַמאָליקע חיות און אָנגעהויבן זיי אָנרופן ביי די נעמען.

— אָט דאָס — האָב איך געזאָגט — איז דער שאַרבן פון אַ מאַסטאָדאָנט, און דאָס איז דער קין פון אַ דינאָטעריע, און אָט דער ביין האָט געהערט צו דער גרעסטער חיה... אָ, יאָ, באמת, דאָס איז גיכער אַ מענאַזשעריע, וואָרן די־דאָזיקע ביינער זענען זיכער אַהער נישט געבראַכט געוואָרן צוליב אַ קאַטאַסטראָפע. זיי האָבן דאָ געלעבט און זענען געשטאָרבן ביי די ברעגעס פון ים, אינם שאָטן פון די ריזיקע ביימער. גיב אַ קוק, פעטער, אָט דאָ ליגט אַ גאַנצער סקעלעט... און דאָך...

— און דאָך? — האָט דער פּראָפעסאָר איבערגעפרעגט.

— און דאָך פאַרשטיי איך נישט, פונוואַנען נעמען זיך די־דאָזיקע חיות צווישן די גראַניט־פעלזן...

— פאַרוואָס?

— וואָרן די־דאָזיקע חיות האָבן דאָך גענומען לעבן ערשט אין דער צווייטער עפּאָכע, ווען עס האָט זיך נאָך די פאַרפלייצונגען געשאַפן אַ באָדן...

— הייסט עס, אַקסעל, אַז דערויף איז דאָ אַ גאַנץ פּשוטע תשובה, דהיינו, אַז דערדאָזיקער באָדן איז אַ שפּעטערדיקער.

— ס׳טייטש! ביי אַזאַ טיפקייט?

— יאָ, מיין קינד, און דאָס קען מען דערקלערן אַזוי: אין אַ געוויסער עפּאָכע, ווען די ערד איז נאָך געווען אַן עלאַסטישע שאָל בלויז, וואָס איז געווען אויסגעשטעלט אויף די ווירקונגען פון דער באַוועגונג אויבן און אונטן, זענען די ערד-שטיקלעך און ערד-טיילן מיט דער קראַפט פון מאַגנעטיזם פּלוצלונג אַריינגעצויגן געוואָרן אין אומגעריכט-אויפגעפּראַלטע תהומות.

— דאָס קען זיין. אָבער אויב די חיות פון פאַרן מבול האָבן געלעבט אין דידאָזיקע אונטערערדישע קאַנטן, ווער־ זשע קען ערב זיין, צי בלאָנדזשעט נישט אַרום היינט נאָך אַזאַ מין באַשעפעניש אין דער פינסטערניש פון די וועלדער אָדער צווישן די משופּעדיקע פעלזן?

ביים דאָזיקן געדאַנק האָב איך אַ קוק געטאָן אין פאַרשידענע זייטן, אָבער אויף די ברעגעס האָט זיך קיין שום חיה נישט באַוויזן.

איך בין שוין געווען אַ ביסל פאַרמאַטערט. כ׳האָב זיך, אַלזאָ, אַוועקגעזעצט אויפן שפּיץ פון אַ פעלז, און צופוסנס זענען מיר געפלאָסן די כוואַליעס, קלאַפּנדיק מיט אַ געמורמל אין ברעג. כ׳האָב אַ קוק געטאָן אין דער ווייט. ערגעץ ווייט האָט זיך באַוויזן פאַר מיינע אויגן אַ קליינער פּאָרט.

די רויִקע וואַסערן זענען, דאַכט זיך, געשלאָפן אונטערן ווינט-שלייער. אַ דאַמפּער מיט אַ פּאָר שיפלעך וואָלטן דאָ זיכער געקענט געפינען אַ שוץ.

כ׳האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז אַ ליאַדע רגע וועט צושווימען אַ דאַמפּער; איך האָב אָבער אומזיסט געוואַרט.

די אילוזיע האָט באַלד געפּלאַצט. מיר זענען דאָ געווען די איינציקע לעבעדיקע באַשעפענישן...

איך האָב זיך צוגעקוקט שווייגנדיק צום ים, טראַכטנדיק

דערביי, ווי ער קען זיך ערגעץ ענדיקן און צי מיר וואָלטן געקענט אַמאָל אַריבערשווימען אויף זיין צווייטן ברעג.

וואָס שייך מיין פעטער, האָט ער דערין נישט געצווייפלט, אַז מען קען זיך דערשלאָגן צו אַ צווייטן ברעג.

נאָך אַ שעהדיקן שפּאַציר האָבן מיר זיך אומגעקערט צו־ריק אין אונזער הייל אַריין, ווו איך האָב זיך אַ וואָרף געטאָן אויף מיין געלעגער און בין באַלד איינגעשלאָפן מיט אַ טיפן, לאַנגן שלאָף.

## קאַפּיטל איינאונדרייסיק

# דער פּראָיעקט פון אַ ים־רייזע אויף פּליטן.

צומאָרגנס האָב איך זיך אויפגעכאַפּט פולשטענדיק געזונט. כ׳האָב מיר אַ טראַכט געטאָן, אַז פאַר מיר וועט אַ באָד אין ים זיין פשוט אַ שטיק געזונט; איך האָב זיך, אַלזאָ, פאַרנורעט אין די ים־כוואַליעס אויף עטלעכע מינוט.

דערנאָך האָב איך מיט גרויס אַפּעטיט געגעסן פרישטיק. זשאַן, וואָס האָט געהאַט וואַסער מיט פייער, האָט אונז צוגע־ריכט אַ הייסן מאַכל. לסוף האָט ער אונז דערלאַנגט צו שעלכל קאַווע; קיינמאָל האָט מיר דערדאָזיקער געטראַנק נישט געשמעקט אַזוי גוט, ווי דעמאָלט.

— און איצט — האָט זיך דער פעטער אָ:גערופן — לאָמיר גיין אַ קוק טאָן אויפן צופלוס פון ים.

— ס׳טייטש? — האָב איך אויסגערופן — צי דערגייט אַהער, אין דער אונטערוועלט, די ווירקונג פון דער זון און דער לבנה?

— פאַרוואָס נישט? אַלע קערפּערס זענען אונטערגעוואָרפן דעם געזעץ פון צוציִונגס־קראַפט. דידאָזיקע וואַסער־מאַסע ווערט

אויך דערפון באַווירקט. אַלזאָ, נישט געקוקט אויפֿן אַטמאָספּע-רישן דרוק, וואָס ווירקט אויף דער אויבערפלאַך, וועסטו דאָך דערזען די וואַסערן פון אַט דעם ים, וואָס הויבן זיך אַזוי, ווי דער אַטלאַנטישער ים.

אין דעם מאָמענט זענען מיר גראָד געגאַנגען איבער אַ זאַמדיקן ברעג, און די כוואַליעס האָבן שוין גענומען אָנרירן דעם זאַמד.

— אָט הויבט זיך אָן דער צופלוס! — האָב איך אויס-גערופן.

— יאָ, אַקסעל, און גיב נאָר אַ קוק, אַז דאָס וואַסער הויבט זיך ביז צוועלף פוס אַרום. מען זעט עס לויטן שוים, וואָס זעצט זיך אָפּ אויף דערדאָזיקער הויך.

— ווונדערבאַר!

— ניין, דאָס איז בלויז נאַטירלעך!

— אַלץ, וואָס איך זע דאָ, זעט אויס ביי מיר אויסער-געוויינלעך, און איך גלויב קוים מיינע אייגענע אויגן. ווער וואָלט זיך עס פאַרגעשטעלט, אַז אין אָט דער ערד-טיפעניש געפינט זיך אַ גאַנצער אָקעאַן? און דווקא אַן אָקעאַן מיט אַ צופלוס און אָפּפלוס, מיט שטורעמס א.ד.גל.?

— פאַרוואָס נישט? צי איז פאַראַן עפּעס אַ פיזישער אמת, וואָס זאָל עס פאַרלייקענען? איך זע עס נישט.

— אָבער פאַרוואָס זענען אין וואַסער קיין פיש נישטאָ?

— יאָ, קיין פיש האָבן מיר נישט געזען.

— לאָמיר-זשע אַראָפּלאָזן אַ ווענטקע, אפשר וועט זיך אונז איינגעבן עפּעס אַרויסצופאַנגען.

— מיר וועלן זיך באַמיען עס צו טאָן, מיין טייערער, מיר מוזן אָבער פריער אויספאָרשן די טיף פון דעם אָקעאַן.

— אָבער אַוווּ זענען מיר, אייגנטלעך, פעטער? וואָרן ביז איצט האָב איך דיך עס נישט געפרעגט. וואָס זאָגן דיינע מכשירים?

— מיר געפינען זיך דרייהונדערט פופציק מייל פון איסלאַנד.

— טאַקע?

— איך בין זיכער, אַז איך בין זיך נישט טועה אַפילו אויף קיין דריי וויאָרסט.

— און דער קאָמפּאַס, צי ווייזט ער שטענדיק דרום־מזרח?

— יאָ, מיט אַ געוויסער אָפּנייגונג צו דרום צו.

— און ווי טיף זענען מיר?

— פינפאונדרייסיק מייל.

— אויב אַזוי, — האָב איך געזאָגט, נעמענדיק אין האַנט אַריין די קאַרטע — געפינט זיך שאָטלאַנד אונטער אונז און דאָרט דערהויבן זיך די גרעמפּיען־בערג צו אַ ריזיקער הויך.

— יאָ, — האָט דער פּראָפעסאָר מיט אַ שמייכל געענטפערט — דאָס איז אַ ביסל צו שווער פאַר אונזערע קעפּ, אָבער די געוועלבונג איז אַ פעסטע. דער גרויסער וועלט־אַרכיטעקט האָט זי געבויט פון גוטן מאַטעריאַל, און דער מענטש וואָלט קיינמאָל נישט געווען ביכולת אויפצובויען עפּעס ענלעכס. וואָס־זשע זענען די בריקן, אַרקאַדן, קאַטעדרעס לגבי אָט דער געוועלבונג און אָט די גראַניט־ווענט?

— און איצט זאָג מיר, פעטער, וואָסערע פּלענער האָסטו אויף ווייטער? צי האָסטו נישט בדעה זיך צוריקצוקערן אויף דער ערד?

— צוריקצוקערן? ס'איז גוט! אַדרבה, איך האָב בדעה אומבאַדינגט ווייטער צו פירן די עקסקורסיע, וויבאַלד עס איז אונז געגאַנגען און עס גייט אונז אַזוי גוט!

— יעדנפאַלס ווייס איך נישט, ווי מיר וועלן זיך אַרונטערקריגן אונטער דעמדאָזיקן וואַסער־שטח!

— איך האָב להלוטין נישט בדעה צו דערגרונטעווען דעם אָקעאַן. איך ווייס בלויז, אַז יעדער אָקעאַן אָדער אָזיערע האָט אַ צווייטן ברעג, וואָרן יעדע וואַסער־זאַמלונג איז אַרומגערינגלט מיט יבשה. מסתמא איז אויך אָט דער ים אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט גראַניט־פעלזן.

— אַוודאי!

— האָף איך, אַלזאָ, צו געפינען אַן אויסוועג.

— וויפיל קען האַלטן דער אָקעאַן אין דער לענג?

— אַ דרייסיק ביז פערציק מייל, און דערפאַר טאָרן מיר נישט פאַרלירן קיין צייט און מיר מוזן שוין פון מאָרגן אָן אָנהייבן די נסיעה.

איך האָב נישט-ווילנדיק געגומען אַרומזוכן מיטן בליק אַ שיפל אָדער אַ דאַמפער.

— אַך! — האָב איך געזאָגט — מיר וועלן שווימען! אָבער ווו איז דער דאַמפער?

— נישט קיין דאַמפער און נישט קיין שיף, נאָר גוטע, פעסטע פליטן.

— פליטן! — האָב איך אויסגערופן. — פליטן איז פונקט אַזוי שווער אויפצובויען, ווי אַ שיפל אָדער אַ דאַמפער, און איך זע נישט קיין מעגלעכקייט...

— דו זעסט נישט, אַקסעל, אָבער ווען דו זאָלסט וועלן זיך צוהערן, וואָלסטו געקענט דערהערן.

— דערהערן?

— יאָ, וואָלסטו דערהערט, ווי עס קלאַפט דער האַמער, און דאָס וואָלט דיך איבערצייגט, אַז זשאַן שטייט שוין ביי דער אַרבעט.

— ער בויט אַ שיפל?

— יאָ.

— ס'טייטש? און האָלץ?

— אַך, האָלץ איז שוין געלעגן פאַרטיק. קום, וועסטו זען זיין אַרבעט!

אין אַ פערטל שעה אַרום האָב איך געטראָפן זשאַנען ביי דער אַרבעט.

צו מיין גרויסער פאַרוווּנדערונג האָב איך געזען שוין אַ האַלב-פאַרטיק שיפל.

— פעטער! — האָב איך אויסגערופן — פון וואָסערן האָלץ איז עס?

— פון סאָסנעס, יאָדלעס, ווערבעס, בעריאָזעס, פון אַלע מיניםביימער, וואָס וואַקסן אין צפון און זענען אונטער דער ווירקונג פונם מינעראַל-וואַסער געוואָרן מינעראַליזירט.

— צי איז עס מעגלעך?

— דאָס הייסט: גרובן-האָלץ.

— אויב אַזוי, דאַרף עס זיין האַרט ווי ליגניט?

— טיילמאָל איז עס אַזוי. מאַנכע וועלדער, וואָס זענען דערטרונקען געוואָרן אין ים, זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אמתע אַנטראַציטן; און אַנדערע ווידער, אָט ווי די, האָבן זיך ערשט גענומען פאַרוואַנדלען אין גרובן-האָלץ.

צומאָרגנס אין אָוונט איז דאָס שיפל, אַ דאַנק דעם וועגווייזערס געשיקטקייט, געוואָרן פאַרטיק; עס האָט געהאַט אַ צען פוס די לענג און פינף די ברייט.

דאָסדאָזיקע שיפל, אין דער פאָרם פון פליטן, איז רויִק אָפּגעשוווּמען אויף די וואַסערן פונם לידענבראָק-ים.

## קאַפּיטל צווייאונדרייסיק

# מיר פאָרן אויפן ים. דער פיש-פאַנג.

דעם דרייצנטן אויגוסט האָבן מיר זיך אויפגעכאַפּט זייער פרי. אונז איז געגאַנגען אין לעבן אויסצופּרוּוון דעם נייעם רייזע-אופן, וואָס איז געווען נישט-דער-ערך באַקוועמער און גיכער, איידער דאָס פוס-גיין.

אַ זייגער זעקס האָט דער פּראָפעסאָר געגעבן אַ צייכן אָפּצופאָרן.

דאָס שפּייז, די באַגאַזשן, מכשירים, געווער און אַ גרויסער רעזערוו פון זיסן וואַסער, וואָס מיר האָבן אָנגעקליבן אין די פעלזן, — אָט דאָס אַלץ האָט זיך איצט געפונען אויף אונזער שיפל.

זשאַן האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביים שטייער. כ׳האָב אָפּ־
געריסן דעם שנור, וואָס האָט צוגעהאַלטן דאָס שיפל צום ברעג,
און מיר האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

אינם מאָמענט, ווען מיר האָבן פאַרלאָזן אונזער קליינעם
פאָרט, האָט דער פעטער אַרויסגענומען זיין נאָטיצביכל מיט די
נעמען פון די אַנטדעקטע מקומות און האָט געוואָלט אַריינ־
שרייבן דעם נאָמען פונם פאָרט.

ער האָט אים געוואָלט אָנרופן אויף מיין נאָמען.

— פעטער, — האָב איך זיך אָנגערופן — איך וואָלט
פאָרגעלייגט אַן אַנדער נאָמען.

— וואָסערן ?

— מאַרגעריט־פאָרט ; דאָס וועט אויף דער קאַרטע אויסזען
זייער שיין.

— לאָז זיין מאַרגעריט־פאָרט.

אַזוי־אַרום איז דער נאָמען פון מיין געליבטער מאַרגעריט
פאַראייביקט געוואָרן בעת אונזער עקספּעדיציע.

פון צפון־מזרח־זייט האָט געווייעט אַ שטאַרקער ווינט, און
מיר זענען געשוואומען מיט אַן אומגעהייערער שנעלקייט.

אין אַ שעה אַרום האָט שוין דער פעטער גענוי געקענט
באַצייכענען די שנעלקייט פון אונזער שיפל.

— אויב מיר וועלן כסדר אַזוי פאָרן, וועלן מיר אין משך
פון פיראונצוואַנציק שעה אַדורכמאַכן דרייסיק מייל וועג, און
מיר וועלן אינגיכן דערזען דעם צווייטן ברעג.

כ׳האָב דערויף גאָרנישט נישט געענטפערט און זיך אַוועק־
געזעצט אויפן פאָדער־טייל פון שיפל.

פאַר מיינע אויגן האָט זיך געשפרייט אַ ריזיקער ים.

גרויסע כוואַליעס האָבן אונטערגעוואָרפן דאָס שיפל אין
דער הייך, און ווי־נישט־ווי האָבן זיך באַוויזן זילבערדיקע עלעקט־
רישע פלעמלעך.

אינגיכן איז די יבשה פאַרשוווּנדן געוואָרן פון אונזער
בליק. אַרום האָט געהערשט אַ שטילקייט, און ווען נישט די

באַוועגונג מיטן רודער, וואָלט אַלץ אויסגעזען אומבאַוואָגלעך.

אָרום מיטאָג-צייט האָבן זיך באַוויזן, אין אַ גרויסער צאָל, אַלק-פייגל; דערנאָך האָבן זיי זיך אויסגעזעצט אויף די כוואַליעס און מיט די לאַנגע שנאָבלען גענומען צופּן פון ים די וואַסער-געוויקסן.

די פייגל זענען דאָ געווען אין אַן אויסערגעוויינלעכער צאָל.

כ׳האָב שוין געזען פאַרשידענע אַלקן, אָבער אַזעלכע ריזיקע האָב איך נאָך אין מיין לעבן נישט געזען.

חוץ די פייגל, האָבן מיר נאָך געזען אַן אַ שיעור יאַש-טשערקעס און פאַרשידנפאַרביקע שלאַנגען.

עס איז צוגעפאַלן אָוונט און, פונקט ווי דעם פאָריקן טאָג, האָט זיך דער צושטאַנד פון דער עלעקטריציטעט לחלוטין נישט געענדערט; ער איז סיי ביי־טאָג, סיי ביינאַכט געווען דער-זעלבער.

נאָכן אָוונטברויט האָב איך זיך אָוועקגעלייגט ביים מאַסט און בין באַלד איינגעשלאָפן.

זשאַן איז אומבאַוועגלעך געזעסן ביים שטייער, לאָזנדיק זיין שיפל שווימען פראַנק-און-פריי; דער ווינט איז געווען אַזאַ גינסטיקער, אַז מען האָט געקענט לאָזן דאָס שיפל אויף גאָטס באַראָט.

זינט אונזער אָפּשווימען פונם מאַרגעריט-פּאָרט, האָט מיך דער פּראָפעסאָר לידענבראָק באַשווערט מיט אַן אַרבעט, דהיינו: צו נאָטירן מיינע אָבסערוואַציעס, צו שילדערן אינטערעסאַנטע דערשיינונגען, די ריכטונג פונם ווינט, די שנעלקייט פון פאָרן, בכלל — כלערליי באַמערקונגען, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו דערדאָזיקער מערקווירדיקער וואַסער-נסיעה.

מיטאָג-צייט האָט זשאַן צוגעגרייט אַ ווענטקע, צוגעבונדן צום עק שנירל אַ שטיקל פלייש און אַראָפּגעלאָזט אין וואַסער.

צוויי שעה זענען פאַרביי — און געפאַנגען האָט מען גאָרנישט.

צי איז דאָס וואַסער נישט באַוווינט געווען פון פיש? ניין. מיר האָבן מיטאַמאָל דערפילט, ווי די ווענטע האָט אַ ציטער געטאָן. זשאַן האָט אַרויסגעשלעפּט אַ פיש, וואָס האָט זיך געצאַפּלט אויפן שנירל.

— אַ פיש! — האָט דער פּעטער אויסגעשריען.

דער פּעטער האָט באַטראַכט דעם פיש. דאָס איז געווען אַ פיש מיט אַ פלאַכן פּיסק, אַ קיילעכדיקן, אָן ציין און אָן אַ וויידל. דער פיש איז ענלעך געווען צו איינעם פון אונזערע פיש, אָבער ער האָט אויסגעזען אַנדערש.

נאָך אַ קורצער באַדאַכטונג האָט דער פּעטער צו אונז געזאָגט:

— דער פיש געהער צו אַן אויסגעגאַנגענעם מין, וואָס זיינע שפּורן זענען פאַרבליבן בלויז אין דעם באָדן פון פאַרן מבול.

— צו וועלכער משפּחה געהער ער?

— צו די גאַנאָידן, די משפּחה צעפאַלאַספּידן... אַ מין פּטעריכטיס, איך וואָלט געמעגט שווערן! אָבער דער פיש, וועלכן מיר האָבן דאָ, איז אַן אויסטערלישער, ווייל ער איז בלינד.

— בלינד!..

— נישט נאָר בלינד; עס פעלט אים לחלוטין דער ראיה-אָרגאַן.

כ'האָב אַ קוק געטאָן — אמת. און אפשר איז עס בלויז אַ צופאַל?

מיר האָבן ווידער אַרונטערגעלאָזט די ווענטקע. דער אָקעאַן האָט געמוזט זיין רייך אין פיש, ווייל אין משך פון צוויי שעה האָבן מיר אָנגעפאַנגען זייער פיל אַזעלכע אָנאַויגיקע פיש, ווי אויך דיפּטערידן, וואָס פאַרמאָגן אויך נישט קיין ראיה-אָרגאַנען.

דערדאָזיקער אומגעריכטער פאַנג האָט פאַרגרעסערט אונזערע שפּייז-זאַפּאַסן.

כ'האָב גענומען אין האַנט אַריין אַ לאָרנעטע און גענומען

אָפּסערווירן דעם ים. ער איז געווען אינגאַנצן ווי אַ מדבר. מען האָט נישט געזען צומאָל קיין אינזעלע.

מיר זענען נאָך מסתּמא ווייט פון ברעג. כ׳האָב אַ קוק געטאָן אין דער לופטן. אויך דאָ האָט קיין שום וועזן נישט געלעבט און נישט באַוועגט זיך.

די אַלקן פליען אַרום איבער די כוואַליעס, פאַנגען פיש און ים-פלאַנצן; אין דער לופטן שוועבן זיי נישט.

כ׳האָב גענומען טרוימען וועגן די אַמאָליקע, אַלטע צייטן, אַרויסרופנדיק אין זכרון דעם זכר פון אַלץ, וואָס כ׳האָב אַמאָל געלייענט, און כ׳האָב פאַרגעסן אָן אַלץ: אָן דעם, אַז איך פאָר אויפן ים און אַז ביי מיין זייט זיצט דער פּראָפעסאָר מיטן וועג-ווייזער.

מיטאַמאָל האָב איך דערהערט דעם פעטערס קול:

— וואָס איז דיר געשען?

כ׳בין נישט בכּוח געווען צו ענטפערן, אַזוי שטאַרק בין איך געווען פאַרזונקען אין טרוימעריי. מיינע אויגן האָבן זיך געוואַנדט צום פרעגנדיקן, אָבער גאָרנישט נישט געזען.

— גיב אַכטונג, אַקסעל, וואָרן דו וועסט נאָך אַרײַנפאַלן אין וואַסער אַריין.

אין דעמזעלבן מאָמענט האָט מיך זשאַן האַסטיק אַ כאַפּ געטאָן פאַר דער האַנט, און ווען נישט זיין געשיקטקייט, וואָלט איך זיכער אַריינגעפאַלן אין וואַסער.

— ער איז פון זינען אַראָפּ? — האָט דער פּראָפעסאָר אויסגעשריען.

— ביסט קראַנק?

— ניין, נאָר כ׳האָב איבערגעלעבט אַ רגע פון אילוזיע. אָבער איצט איז עס פאַרביי. צי איז אַלץ אין אָרדענונג?

— אויסגעצייכנט! דער ווינט איז אַ גינסטיקער. דער ים איז שיין, מיר שווימען שנעל און וועלן איינגיכן צוקומען צום ציל.

ביי דידאָזיקר ווערטער האָב איך זיך אויפגעשטעלט, זיך אַרומגעקוקט אַרום האָריזאָנט, אָבער דערווייל האָט מען נאָך קיין שום ברעגעס נישט געזען.

## קאַפּיטל דרייאונדרייסיק

# דער קאַמף פון אַ ים־שלאַנג מיט אַ קראָקאָדיל.

דער ים איז כסדר רויִק; מען זעט נאָך נישט קיין ברעקל יבשה.

דער קאָפּ איז מיר געווען פאַרנומען מיט נעכטיקע טעג; דער פּעטער ווידער איז נישט געווען פאַרזונקען אין קיין חלומות, ער איז גלאַט געווען שלעכט געשטימט.

ער האָט זיך אַרומגעקוקט אַרום, אומעטום אָנגעשטעלט די לאָרנעטע און איז געווען עפּעס שטאַרק אומצופרידן. כ׳האָב באַמערקט, אַז פּראָפעסאָר לידענבראָק ווערט ווידער אומגעדול-דיק, און כ׳האָב עס פאַרצייכנט אין מיין נאָטיצביכל. מען האָט געדאַרפט האָבן מיינע יסורים און סכנות, כדי אַרויסצורופן ביי אים אַביסל מילדע געפילן; אָבער זינט מיין געזונט-ווערן האָט זיך ווידער אָפּגערופן אין אים זיין אייגענע נאַטור.

וואָרן וואָס האָט דאָ געטויגט די אומגעדולד? צי איז די רייזע נישט פאָרגעקומען אין קיין גינסטיקע אומשטענדן? צי האָט דאָס שיפל נישט געאיילט מיט אַן אומגעהייערער שנעלקייט פאָרויס?

— דאַכט זיך, אַז דו ביסט אומגעדולדיק, פּעטער, — האָב איך זיך אָנגערופן, צוזעענדיק, ווי ער קוקט נאָך אַלץ דורך דער לאָרנעטע.

— כ׳בין אומרויִק.

— דאָס הייסט, אומגעדולדיק?

— אַביסל.

— מיר פאָרן דאָך אָבער זייער שנעל...

— טאָ וואָס? דאָס האַנדלט זיך נישט וועגן דער שנעל-קײַן, נאָר וועגן דעם, אַז דער ים איז צו גרויס!

כ׳האָב זיך דערמאָנט, אַז דער פּראָפעסאָר האָט אָפּגע-שאַצט די לענג פונם ים אויף דרײַסיק מײַל. דערווײַל אָבער האָבן מיר שוין אַדורכגעמאַכט דרײַ מאָל אַזוי פיל, און קײַן ברעג איז נאָך נישט געווען צו זען.

— מיר וועלן דעם ציל נישט דערגרייכן! — האָט דער פּראָפעסאָר אָנגעהויבן — אַבי מען פאַרלירט אומזיסט צייט. און מיר האָבן דאָך נישט דורכגעמאַכט אַזאַ ווייטע רייזע, כדי זיך דורכצושפּאַצירן איבער אַ סטאַוו!

די דאָזיקע רייזע האָט ער אָנגערופן שפּאַציר, און דעם ים — סטאַוו!

— אָבער, פעטער, — האָב איך זיך אָנגערופן — אַזוי-ווי מיר פאָרן מיטן וועג, וועלכן עס האָט אָנגעצייכנט סאַק-נוסעם...

— עס איז נאָך אַ פראַגע, צי מיר פאָרן טאַקע מיט זײַן וועג! צי האָט סאַקנוסעם באַגעגנט דעם ים? צי איז ער אים דורכגעשווומען? דער שטראָם, וועלכן מיר האָבן אָנגענומען פאַרן וועג-ווײַזער, האָט אונדז פאַרפירט איין גאָט ווייס וווּ...

— יעדנפאַלס דאַרפן מיר נישט באַדויערן, וואָס מיר זע-נען אַהער געקומען. דער אָנבליק איז אַ פּראַכטפולער...

— מיר גייט נישט אין דער פּראַכטפולקייט. איך וויל צוקומען צום ציל, און איך מוז אים דערגרייכן! וואָס-זשע טויג מיר דאָ דײַן אַנטציקונג?

כ׳האָב אים געלאָזט געמאַך און בין אַנטשוויגן געוואָרן.

זונטיק, דעם 16-טן אויגוסט, זענען קײַן שום ענדערונגען נישט פאָרגעקומען.

כ׳האָב אַ קוק געטאָן דורך דער לאָרנעטע און האָב דער-

זען פאַר זיך בלויז ריזיקע, אומענדלעכע שטחים, ווו ס׳האָבן געגלאַנצט עלעקטרישע פייערלעך.

באמת, דער ים איז געווען אומענדלעך! ער האָט געהאַט די ברייט פונם מיטללענדישן ים — און אפשר פון אַטלאַנטישן!

אין אַ געוויסער רגע האָט מיר זשאַן אויפמערקזאַם געמאַכט אויף געוויסע קנייטשן אויפן וואַסער.

כ׳האָב פרעגנדיק אַ קוק געטאָן אויפן וועג-ווייזער. כ׳האָב זיך אויסגעדרייט צום פעטער, אָבער ער איז געווען אַזוי פאַרזונקען אין רעיונות, אַז איך האָב אים נישט געוואָלט איבעררייסן די געדאַנקען.

כ׳האָב ווידער אַ קוק געטאָן אויפן איסלענדער. ער האָט גענומען עפענען און פאַרמאַכן דאָס מויל. כ׳האָב פאַרשטאַנען.

— ציין! — האָב איך אויסגעשריען דערשטוינט, באַטראַכטנדיק די בריאה, וואָס האָט אַרויסגעטויכט פון ים אַרויס.

יאָ! דאָס זענען געווען ציינער אין עפּעס אַ פיסק! צי זאָל עס זיין אַ ריזן-באַשעפעניש פון די אוראַלטע צייטן, וואָס איז גיריקער ווי אַ רעקין און גרעסער פון אַ וואַלפיש?

כ׳האָב נישט געקענט אָפרייסן דעם בליק פון דעמדאָזיקן אייזערנעם פיסק!

פּראָפעסאָר לידענבראָק איז, דאַכט זיך, אויך געווען דערשטוינט און אַביסל אויך דערשראָקן.

כ׳האָב אַ קוק געטאָן אויף מיין געווער: אפשר וועט אונז די חיה באַלד אָנגרייפן?

די ריזיקע ים-כוואַליעס האָבן זיך גענומען געוואַלדיק באַוועגן. ס׳האָט זיך דערנענטערט אַ געפאַר. מען האָט געמוזט זיין וואַך.

ווען ס׳איז צוגעפאַלן אָוונט, און דער שלאָף האָט גענומען פאַרקלעפּן מיינע אויגן, האָט אונז אַ שטאַרקע אויפטרייסלונג אויפגעוועקט פון דרימל.

דאָס שיפל איז אַ הויב געטאָן געוואָרן הויך איבער די

כוואַליעס און באַלד ווייט אַראָפּגעשליידערט.

— וואָס איז געשען? — האָט דער פּעטער אַ געשריי געטאָן.

זשאַן האָט מיטן פינגער אָנגעוויזן אַ שוואַרצע מאַסע, וואָס האָט אַרויסגעטויכט פון וואַסער און באַלד ווידער אַרונטערגעטויכט.

כ׳האָב אַ קוק געטאָן און אויסגערופן:

— דאָס איז דאָך אַ ריזיקער מאָרס!

— יאָ,— האָט דער פּעטער באַשטעטיקט — און אָט איז דאָ אַ ים-יאַשטשערקע, וואָס פאַרמאָגט אַ קאָלאָסאַלע הויך.

— און דאָרט ווייטער אַ קראָקאָדיל! איר זעט יענעם ברייטן פּיסק און די רייען ציינער, מיט וועלכע ער איז באַוואָפנט? אָך, ער קומט אום!

— אַ וואַלפיש! אַ וואַלפיש! — האָט דער פּראָפעסאָר געשריגן. — איך זע זיי, די ריזיקע חיות!

זיי האָבן זיך אַרויסגעהויבן פון די כוואַליעס אַרויס און זענען באַלד ווידער אַראָפּגעזונקען, צעשטורעמענדיק אַרום זיך די כוואַליעס און באַפאַרבנדיק זיי מיט זייער הויט-קאָליר.

זשאַן האָט געוואָלט אַנטלויפן פון די ריזן-חיות אין אַן אַנדער ריכטונג, ער האָב אָבער אויך ביים צווייטן ברעג דערזען נייע חיות.

דאָרט איז געווען אַ ריזיקער שילדקרויט פון אַ פערציק פוס די לענג, אַ שלאַנג פון אַ דרייסיק פוס און אַנדערע.

מאַכן פליטה — איז געווען אוממעגלעך. די חיות האָבן זיך צערנענטערט, זיך אַרומגעדרייט אַרום די פליטן מיט אַן אומגעוויינלעכער שנעלקייט, מאַכנדיק קרייזן אויפן וואַסער.

כ׳האָב אַ כאַפּ געטאָן דעם ביקס, — אָבער וואָס קען העלפן אַ קויל קעגן די שופּן פון דידאָזיקע באַשעפענישן?

דער פּחד האָט ביי אונז אָפּגענומען ס׳לשון. אָט קומען זיי שוין אָן! פון איין זייט אַ קראָקאָדיל, פון דער צווייטער אַ מוראדיקער שלאַנג. די איבעריקע ריזן-חיות זענען נעלם געוואָרן,

אין די טיפעניש פון ים.

איך וויל אויסשיסן, אָבער זשאַן האַלט מיך אָפּ.

די צוויי חיות געפינען זיך שוין אויף אַ מרחק פון פופ-ציק שפרונג. מיטאַמאָל גיבן זיי זיך אַ וואָרף איינע אויף דער אַנדערער, און פון גרויס פאַרביסנקייט באַמערקן זיי אונז נישט.

דער קאַמף קומט פאָר אַ הונדערט שפרונג פון שיפל. מיר זעען אויסגעצייכנט די שרעקלעכע פאַרזעענישן.

מיטאַמאָל פאַלט מיר איין אַ רעיון, אַז איצט וועלן זיך אויך אַנדערע חיות פאַרייניקן אין קאַמף — דער מאָרס, דער וואַלפיש, די יאַשטשערקע און דער שילדקרויט.

איך זע, ווי זיי דערנענטערן זיך צו די קעמפנדיקע. איך ווייז אָן זשאַנען.

ער דרייט מיטן קאָפּ און זאָגט:

— בלויז צוויי.

— ס'טייטש צוויי?

— ער איז גערעכט! — רופט אויס דער פעטער, האַלטנ-דיק די לאָרנעטע פאַר די אויגן.

— אָבער אוממעגלעך! — פרווו איך לייקענען.

— אָבער יאָ! — ענטפערט דער פעטער — איינע פון די חיות האָט אַ קאָפּ פון אַ יאַשטשערקע, אַ שאַרבן פון אַ מאָרס, ציינער פון אַ קראָקאָדיל; אָט דאָס האָט אונז פאַרפירט. דאָס איז דער עלטסטער עקזעמפּליאַר פונם איכטיאָזאַווראוס!

— און די צווייטע?

— די צווייטע איז אַ שלאַנג, וואָס האָט אַ שילדקרויט-פעל. דאָס איז דער שרעקלעכער שונא פונם ערשטן, — פלע-זיאָזאַווראוס!

זשאַן איז געווען גערעכט. בלויז צוויי חיות האָבן אויפ-געבלעזלט די אויבערפלאַך פון ים. פאַר אונזערע אויגן האָבן זיך געפונען בלויז צוויי ים-שרצים.

די חיות האָבן ווייטער מיט דער גרעסטער פאַרביסנקייט געקעמפט.

דערבײַ האָבן זײַ געשלײַדערט די כוואַליעס אין דער הויך און פאַרדעקט אונזער שיפל.

מיר האָבן אפשר צוואַנציק מאָל געציטערט, טאָמער קערן מיר זיך אום.

מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט אַ מוראדיקער צי ש. די חיות האָבן זיך געביסן און געצישעט פון ווייטיק.

דער קאַמף האָט געדויערט אַ שעה צוויי; עס האָט זיך אָבער נישט געענדערט גאָרנישט.

די חיות זענען צוגעקומען וואָס-אַמאָל נענטער צו אונז. מיר האָבן אומבאַוועגלעך געוואַרט מיט די ביקסן אין די הענט.

לסוף האָבן זיך די צוויי פאַרזעענישן אַ וואָרף געטאָן אין די כוואַליעס אַרײַן. עטלעכע מינוט זענען פאַרבײַ, און זײַ האָבן נישט אַרויסגעטויכט אויף דער אויבערפלאַך.

אפשר האָבן זײַ ווײַטער געקעמפט אין דער טיפעניש פון ים.

דערווײַל האָט זיך דער ריזיקער קאָפּ פון דער יאַש-טשערקע באַוויזן אויפן וואַסער.

זי איז געווען שטערבלעך פאַרוווּנדערט. זי האָט שוין נישט געהאַט אויף זיך די שילדקרויט-הויט, איר האַלז האָט זיך אויסגעצויגן און דערנאָך צוריק אײַנגעקאָרטשעט; זי האָט מיטן ווײַדל געפּאַטשט אין די כוואַליעס און איז אַראָפּגעפאַלן אין דער טיף, ווי אַ צעטרעטענער וואָרעם.

וואָס שייך דער צווייטער חיה, איז אומבאַשטימט, צי וועט זי זיך נישט אומקערן צו אונז נאָך איר נצחון...

קאַפּיטל פיראונדרייסיק

# אַן אינזל, וואָס שפּייט מיט קאָכעדיק וואַסער.

צום גליק, האָט אונז דער ווינט, וואָס האָט שטאַרק אַ בלאָז געטאָן, דערלויבט צו אַנטלויפן פונם שלאַכט-פעלד.

זשאַן איז נאָך אַלץ געשטאַנען ביים שטייער. דער פעטער האָט מיט אומגעדולד אַרויסגעקוקט צום ים.

די רייזע האָט באַקומען אַן איינטאָניקן כאַראַקטער. הלוואַי זאָל שוין בעסער זיין אַזוי, איידער אַ נייער פּאָרפּאַל זאָל אונז קומען איבערשרעקן.

אויפן צווייטן טאָג אינדערפרי האָט זיך די טעמפּעראַטור געהויבן. עס איז געוואָרן הייס. מיר זענען געשוווּמען מיט אַ שנעלקייט פון פערטהאַלבן מייל אַ שעה.

מיטאָג-צייט האָט זיך דערהערט עפּעס אַ מורמלעריי. אַן אומאויפהערלעכע מורמלעריי.

-- פון דער וויטן זע איך עפּעס אַ פעלז, — האָט דער פּראָפעסאָר געזאָגט — נאָר אפשר איז עס אַן אינזעלע, אין וועלכן עס קלאַפּט זיך אָפּ דער ים.

זשאַן האָט אַרויפגעקלעטערט אויפן מאַסטבוים, ער האָט אָבער נישט געזען גאָרנישט.

עס זענען אַדורך דריי שעה, די מורמלעריי האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי דער אָפּקלאַנג פון אַ וואַסערפאַל.

איך האָב עס געזאָגט דעם פעטער און ער האָט צוגעשטימט.

אַרום אַ זייגער פיר איז זשאַן אויפגעשטאַנען, ווידער אַרויפגעקלעטערט אויפן מאַסטבוים און גענומען אָבסערווירן.

זיין געשטאַלט האָט נישט פאַרראַטן קיין שום אינטערעס, אָבער זיין אויג איז געווען צוגעשמידט צו איין פונקט.

— ער האָט עפּעס דערזען — האָט דער פּראָפעסאָר געזאָגט.

— איך מיין אויך אַזוי.

זשאַן איז אַראָפּ, אויסגעשטרעקט די האַנט צו דרום צו און געזאָגט:

— אַ בערגל.

— דאָרט ? — האָט דער פעטער געפרעגט.

— דאָרט — האָט ער געענטפערט.

דער פעטער האָט גענומען די לאָרנעטע, געקוקט אַ ווײַלע און אויסגערופן:

יאָ ! יאָ !

— וואָס האָט דער פעטער דערזען ?

— עפּעס אַ בולט אָרט, אַ ריזיקע בולטקייט, וואָס טויכט אַרויס פון די כוואַליעס אַרויס.

— אפשר ווידער עפּעס אַ ריזן-חיה ?

— מעגלעך.

— לאָמיר-זשע אַנטלויפן צו מערב צו, כּדי מיט אונז זאָל גאָרנישט נישט פּאַסירן.

— מיר קענען פאָרן, ווי מיר פאָרן !

כ׳האָב זיך אויסגעדרייט צו זשאַנען. ער איז געזעסן אומבאַוועגלעך, ווי דער שטייגער.

וואָס-מער מיר האָבן זיך דערנענטערט צו דער כּלומר-שטער ריזן-חיה, אַלץ מער איז דאָס בערגל אויסגעוואַקסן.

וואָס פאַר אַ ריזן-חיה דאָס מוז זיין, וואָס שפּייט אַרויס ביים אָטעמען אַזעלכע וואַסער-כוואַליעס.

אַכט אַזייגער אין אָוונט האָבן מיר זיך געפונען אַ צוויי מייל ווייט פונם בערגל.

צי איז עס געווען אַן אילוזיע מהמת שרעק? עס האָט אויסגעזען אין מיינע אויגן אומענדלעך לאַנג.

ער שטייט אומבאַוועגלעך און ווי איינגעשלעפערט.

אָבער ס'אַראַ ריז! טויזנטער וואַלפישן קען מען מיט אים זאַט מאַכן!

אַ שרעק כאַפּט מיך אַרום. כ'האָב זיך מורא צו דערנענטערן צו דער ריזן-חיה — און גלייכצייטיק וויל איך וואָס-גיכער דערגיין, ווער זי איז.

מיטאַמאָל שטעלט זיך אונזער וועג-ווייזער אויף, ווייזט אָן מיטן פינגער אויף דער ריזיקער מאַסע און זאָגט:

— אַן אינזל!

— אַן אינזל! — שרייט אויס דער פעטער.

אַן אינזל! — זאָג איך נאָך, הויבנדיק מיט די אַקסלען.

— זיכער! — זאָגט נאָך דער פעטער און פּלאַצט אַרויס מיט אַ געלעכטער.

— און דער וואַסער-זייל?

— אַ גייזער — זאָגט זשאַן.

— אַוודאַי, אַ גייזער — באַשטעטיקט דער פּראָפעסאָר — פּונקט אַזאַ, ווי אין איסלאַנד.

עס איז אָבער קאָמיש צו ווערן אַזוי פאַרפירט, אַז אַנשטאָט אַן אינזל, זאָל מען זען אַ חיה פון פאַרן מבול.

וואָס-נעענטער מיר קומען צו צום אינזל, אַלץ גרעסערע וואַסער-שטראָמען שפּריצן אַרויס פון זיין מיטן.

כ'האָב געוואָלט אומבאַדינגט באַטראַכטן דידאָזיקע דערשיינונג. איך האָב דעריבער אַרויסגעשפּרונגען פון שיפל אויף אַ פעלז.

דער פעטער האָט נאָכגעטאָן מיין ביישפּיל. בלויז איין זשאַן האָט קיינמאָל נישט פאַרלאָזן זיין פּאָסטן.

גייענדיק איבערן גראַניט, האָבן מיר טיילמאָל געפילט, אַז דער באָדן ציטערט אונטער אונזערע טריט.

מיר דערנעטערן זיך צום שפּריצנדיקן וואַסער. איך ריר עס אָן—עס בריט די הענט.

דאָס וואַסער שפּריצט, הייסט עס, אַרויס פון אַן אונטער-ערדישן צענטער.

דאָס שטימט דאָך אָבער נישט מיט פּראָפעסאָר לידענבראָקס טעאָריע. איך קען זיך נישט איינהאַלטן און מאַך אים דערויף אויפמערקזאַם.

— אין וואָס-זשע שטעקט דאָ אַ ווידערשפּרוך צו מיין טעאָריע ? — ענטפערט ער.

כ׳האָב נישט געענטפערט, ווייל כ׳האָב זיך נישט געוואָלט-נעמען אַמפּערן מיטן פעטער. עטלעכע מינוט בין איך נאָך גע-בליבן שטיין, באַטראַכטנדיק מיט אַנטציקונג דידאָזיקע דערשיינונג.

לסוף האָבן מיר זיך אומגעקערט צום ברעג, ווו זשאַן האָט, אויסנוצנדיק די פרייע מינוט, פאַרפעסטיקט אונזערע פּליטן.

## קאַפּיטל פינפאונדרייסיק

# אַ שטורעם אויפן ים. אַן עלעקטרישע קויל אויף די פּליטן. דער וועג-ווייזער אין פונקען.

אויף צומאָרגנס איז דער פּראַכטפולער וואַסער-שפּריץ פאַר-שוונדן געוואָרן. דער ווינט איז געווען אַ שטאַרקער, און מיר זענען אָפּגעשווומען.

איגגיכן האָט זיך געענדערט די טעמפּעראַטור. די לופט איז געווען פול מיט אַ פייכטן דאַמף ; אין רוים האָט זיך גע-פילט עלעקטריציטעט ; די וואָלקנס זענען געווען ברוינפאַרביק, און די עלעקטרישע פלאַמען זענען געוואָרן כמעט אומאָנ-זעעוודיק.

כ׳האָב זיך געפילט שטאַרק באַאומרויִקט, ווי יעדער מענטש, וואָס פילט אין דער לופטן אַ קאַטאַסטראָפע. דערצו איז נאָך די לופט געווען זייער אַ שווערע, הגם דער ים איז געווען זייער רויִק.

וואַרשיינלעך איז די לופט געווען פול מיט עלעקטרישן שטראָם. די האָר האָבן מיר זיך געשטעלט קאַפּויער, ווי אונטער דער ווירקונג פון אַן עלעקטרישער מאַשין.

מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ווען מיינע וועג־חברים זאָלן מיך אָנרירן, וואָלטן זיי גלייך אויפן אָרט עלעקטריזירט געוואָרן.

אַ זייגער צען אינדערפרי זענען די שטורעם־סימנים געוואָרן דייטלעכער, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז מען וועט אַזוי־אַרום נישט קענען ווייטער אָטעמען.

— אָט גרייט זיך אַ שלעכט וועטער! — האָב איך געזאָגט.

דער פּראָפעסאָר האָט נישט געענטפערט. ער איז געווען שלעכט געשטימט. וואָרן אים האָט זיך געדאַכט, אַז צום אָקעאַן וועט קיינמאָל קיין סוף נישט נעמען. ער האָט בלויז געהויבן מיט די אַקסלען.

— ס׳וועט זיין אַ שטורעם — האָב איך געזאָגט, אויסשטרעקנדיק די האַנט צום האָריזאָנט.

די וואָלקנס האָבן גענענט צום ים. דער ווינט איז שטיל געוואָרן. די נאַטור האָט אויסגעזען טויט. דאָס שיפל איז שטיל געשווומען איבערן ריזיקן, אומענדלעכן ים, אַוועקטראָגנדיק אונז אַלע דריי, קליינע אַטאָמען לגבי דעם ריזיקן אָקעאַן מיט זיינע אומדערגרונטעוועטע טיפענישן.

כ׳האָב גערעדט אַראָפּצונעמען דעם מאַסטבוים, וואָס האָט אונז געקענט דערפירן צו אַן אומגליק.

— ניין! מען טאָר נישט! — האָט אויסגעשריען דער פּראָפעסאָר — לאָז אונז טראָגן דער ווינט, לאָז אונז פירן דער שטורעם, וווהין ער וויל, אַבי איך זאָל אַרויסקריכן איינמאָל פאַר אַלעמאָל פונם דאָזיקן פאַרשאָלטענעם ים און איך זאָל שוין דערלעבן צו דערזען די ים־פעלזן...

ער האָט קוים באַוויזן צו ענדיקן די ווערטער, בעת עס איז מיטאַמאָל געוואָרן אַ געוואַלדיקע ענדערונג. ס׳איז גע־

יוּאָרן אַ הוראַגאַן. אַרום האָט זיך אויסגעלייגט אַ געדיכטער חושך.

אונזער שיפל האָט זיך גענומען וואַקלען אויף די צעבושעוועטע כוואַליעס. מיין פעטער איז אַ שליידער געטאָן געוואָרן אין דער הויך, און איך בין נעבן אים אומגעפאַלן. ער האָט זיך געטאָן אַ שטאַרקן זעץ אָן דעם קאַנט פון שיפל, ער האָט אָבער דערויף קיין אַכט נישט געלייגט, ס׳האָט אויסגעזען, גלייך ער וואָלט זיך אַנטציקט מיטן הוראַגאַן.

זשאַן איז געווען רויק. זיינע לאַנגע, צוליב דעם שטורעם אָנגעשפּיצטע האָר האָבן אים צוגעגעבן אַ מאָדנעם אויסדרוק.

יעדער האָר האָט ביי אים געגלאַנצט פון די עלעקטרישע פלאַמען. זיין פּנים האָט אויסגעדריקט שרעק, אָבער אויך קראַפט.

אונזער שיפל האָט געאיילט איבער די כוואַליעס, ווי אַ וואַנזיניקער.

— די זעגלען! אַראָפּנעמען די זעגלען! — האָב איך געשריען.

— ניין! — האָט דער פּראָפעסאָר געענטפערט.

— ניין — האָט זשאַן, באַוועגנדיק מיטן קאָפּ אויף ניין, געענטפערט.

ביים שיין פון די בליצן זענען געפאַלן אומצייליקע דונערס; די כוואַליעס האָבן, דאַכט זיך, געברענט פון עלעקטריציטעט.

מיינע אויגן זענען פאַרבלענדט געוואָרן פון די דונערן; די אויערן — באַטויבט. כ׳האָב זיך קאָנווולסיוו אָנגעהאַלטן אָן דעם מאַסטבוים און בין געבליבן שטיין אַזוי אומבאַוועגלעך.

— — — — — — — — — — — — — — — —

ווו זענען מיר? וווהין האָבן אונז די כוואַליעס אַוועקגעטראָגן? די נאַכט איז געווען אַ גרויזאַמע. דער שטורעם האָט זיך נישט איינגעשטילט. די בליצן האָבן אויף קיין איין רגע

נישט אויפגעהערט. אַנדערע זענען געפאַלן ווי זיגזאַגן, אַנדערע ווי גלאַנציקע קוילן.

דער ליאָרעם איז געוואַקסן אומגעהייער. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז אַלע פּולווער-מאַגאַזינען זענען אויפגעריסן געוואָרן.

וווהין פאָרן מיר? דער פּעטער ליגט אויפן דנאָ פון שיפל. עס ווערט וואָס-אַמאָל הייסער. איך קוק אויפן טערמאָמעטער, איך זע אָבער גאָרנישט.

אויפן צווייטן טאָג האָט נאָך דער שטורעם כּסדר געבושעוועט.

מיר זענען געווען געוואַלדיק מיד, בלויז איין זשאַן איז געבליבן רויק, ווי דער שטייגער. דאָס שיפל איז געפלויגן צו דרום-מזרח צו. מיר האָבן דורכגעמאַכט פונם אַקסעל-אינזל מער ווי צווייהונדערט מייל.

בייטאָג איז די האַסטיקייט פונם שטורעם נאָך שטאַרקער געוואָרן. מיר האָבן זיך אַלע צוגעבונדן צו די ברעטער און צום מאַסטבוים. כוואַליעס האָבן זיך געטראָגן איבער אונזערע קעפּ.

זינט דריי טעג האָבן מיר נישט געקענט רעדן צווישן זיך. מיר עפענען דאָס מויל, באַוועגן מיט די ליפּן, אָבער מען הערט גאָרנישט אין דעמדאָזיקן רעש.

דער פּעטער איז צוגעגאַנגען צו מיר און אַרויסגעזאָגט עטלעכע ווערטער. דאַכט זיך, אַז ער האָט געזאָגט:

— מיר זענען פאַרלאָרן.

איך בין אָבער נישט זיכער, צי האָט ער עס טאַקע געזאָגט.

כ'האָב אים אָנגעשריבן די ווערטער: „לאָמיר אַראָפּנעמען דעם זעגל". ער האָט מיר געגעבן אַ צייכן, אַז ער איז מסכּים.

כ'האָב קיין צייט נישט געהאַט אויפצוהויבן די האַנט צום מאַסטבוים, ווען מיטאַמאָל האָט אַרויסגעפלאַצט אין דער הויך

אַ פייער-סנאָפּ. דער מאַסטבוים מיטן זעגל זענען אין איין רגע פאַרברענט געוואָרן.

דאָס איז געווען אַ פייער-קויל, וואָס האָט, שפּאַצירנדיק איבער די כוואַליעס, פאַרברענט אונזער מאַסטבוים מיטן זעגל.

די קויל איז אַריבערגעשפּרונגען צו אונזערע באַגאַזשן, צום זאַק מיט די שפּייז, צום קאַסטן מיט פּולווער.

גאָט מײַנער, מיר זענען פאַרפאַלענע! אָבער ניין, זי פליט אַוועק, דערנענטערט זיך צו זשאַנען, וועלכער קוקט זי אָן פאַר-חידושט, דערנאָך צו מײַן פעטער, וועלכער באַמיט זיך זי אויס-צומײַדן, דאַן צו מיר, אַ בלאַסן און ציטערנדיקן פון שרעק; און שפּרינגט אַרום מיר צופוסנס.

דער גאַז-אַוויר פּילט אָן די לופט, דרינגט אַריין אין האַלז און לונגען. מיר נעמען זיך שטיקן.

דאָס געווער, די אײַזערנע שטאַבעס און בלעכענע קנעפּ-לעך ביי די מלבושים — אַלץ נעמט זיך האַסטיק באַוועגן. אַפילו די טשוועקעס פון די שיף שפּרינגען אַרויס אין די כוואַליעס אַריין. נאָך אַ רגע — און אויך מיר פליען אַריין אין ים!

מיטאַמאָל באַווייזט זיך אַן אומגעווייגלעך ליכט. די וועלט, דאַכט זיך, ברענט, און אַלץ פאַרשווינדט. איך גיב אַ קוק, דער פעטער ליגט אויפן דנאָ פון שיפל, זשאַן שטייט ביים שטייער.

וווהין פאָרן מיר?

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

כ'האָב זיך אויפגעכאַפּט פון מײַן חלשות. דער שטורעם האָט נאָך אַלץ געדויערט, בליצן האָבן געשפּאָלטן דעם הימל. צי זענען מיר נאָך אַלץ אויפן ים? יאָ, געטראָגן פון אַן אומ-געווייגלעכן שטראָם. מיר זענען שוין אַדורכגעפאָרן אונטער ענגלאַנד, פראַנקרײַך, אונטער גאַנץ אייראָפּע מסתמא!

אַ נייע מורמלעריי דערהערט זיך. אַ רעש. מסתמא קלאַפּט אַזוי דער ים אָן די פעלזן...

## קאַפּיטל זעקסאונדרייסיק

# גערעטעוועט.

# אַן אומגעוויינלעכער שלאַקסרעגן.

דאָ ענדיקט זיך די שילדערונג פונם שטורעם. מיר זענען, מיט מזל, גערעטעוועט. מיר לעבן!

איך ווייס בלויז, אַז דאָס שיפל, געשליידערט פון די כוואַליעס, איז פאַרזונקען געוואָרן אין ים און אַז די האַנט פונם בראַוון וועג-ווייזער האָט מיך גערעטעוועט פון אַ טויט-קלאַפּ אָן די פעלזן.

דער מוטיקער איסלענדער האָט מיך אַוועקגעלייגט אויפן הייסן זאַמד, וווּ איך האָב זיך געפונען צוזאַמען מיטן פעטער.

כ'האָב נישט געקענט אויסרעדן קיין וואָרט. כ'בין געווען פולשטענדיק צעבראָכן פון די איבערלעבונגען און פונם קלאַפּ אָן די פעלזן. אַ גאַנצע שעה בין איך געלעגן אַ פאַר-חלשטער, איידער איך בין געקומען צו זיך.

אַ רעגן איז געפאַלן שטראָמענווייז, אָבער מיט אַזאַ קראַפט, אַז זי האָט עדות געזאָגט אויפן סוף פונם שטורעם.

פעלזן האָבן אונז געדינט פאַר אַ זיכערן מקלט קעגן הוראַגאַן.

זשאַן האָט אונז צוגעגרייט עסן, וואָס איך האָב אַפילו נישט אָנגערירט, און יעדערער פון אונז, אויסגעשעפּט פון די דריי שלאָפלאָזע נעכט, איז איינגעשלאָפן געשמאַק אויף עטלעכע שעה.

צומאָרגנס איז דער טאָג געווען אַ פּראַכטפולער. דער הימל מיט דער ערד זענען שוין ווידער געווען שלום צווישן זיך, און אַלע שפּורן פונם שרעקלעכן הוראַגאַן זענען אָפּגעווישט געוואָרן.

ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, האָב איך דערהערט, ווי דער פּראָפעסאָר גריסט מיך פריילעך:

— נו, בחורל, ווי איז זיך דיר געשלאָפן?

לכתחילה האָב איך נישט געקענט ענטפערן. ס'האָט זיך מיר אַ שטעל געטאָן פאַר די אויגן האַמבורג, וועלכן מיר האָבן אויסגעמיטן אונטערוועגס, אונטער דער ערד, מיין געליבטע מאַרגעריט, און איך האָב אַ טראַכט געטאָן, אַז צום בעסטן וואָלט געווען צו הערן, אַז מיר פאָרן שוין אַהיים...

דער פעטער האָט, משמעות, דערשפּירט מיינע פאַרלאַנגען, וואָרן ער האָט, קוקנדיק אויף מיר מיט אומעט, געזאָגט:

— אַך, אַזוי! דו ווילסט מיר אָפילו נישט זאָגן, צי דו ביסט גוט געשלאָפן!

— איך בין געשלאָפן זייער גוט. כ'בין אַ ביסל אָפּגעשוואַכט, אָבער דאָס וועט פאַרביי.

— אָ, יאָ, ס'וועט פאַרביי. מידקייט און מער גאָרנישט.

— און דער פעטער, דאַכט זיך, איז גוט געשטימט?

— איך בין אַנטציקט, טייער יינגל, אַנטציקט. מיר זענען לסוף אָנגעקומען!

— צום ציל?

— אָ, ניין, מיר האָבן שוין אָבער אַדורכגעמאַכט די ים-רייזע, וואָס האָט געשיינט צו דויערן יאָרן. איצט וועלן מיר רייזן אויף דער ערד און באמת זיך אַראָפּלאָזן טיף אין דער ערד אַריין.

— פעטער, דערלויב מיר צו שטעלן דיר אַ פראַגע.

— פרעג, אַקסעל.

— און ווען וועלן מיר צוריקגיין?

— צוריקגיין? אַך, דו טראַכטסט וועגן צוריקגיין, איידער מיר זענען נאָך צוגעקומען צום ציל?

— ניין, נאָר כ׳וואָלט וועלן וויסן, ווי אַזוי מיר וועלן צוריקגיין.

— גאַנץ פּשוט. ווען מיר וועלן צוקומען צום צענטער פון דער ערד, וועלן מיר אָדער געפינען אַ נייען צוריקוועג, אָדער זיך אומקערן מיטן זעלבן וועג,מיט וועלכן מיר זענען געקומען. איך האָף, אַז דער וועג וועט זיך נישט פאַרשטעלן.

— אויב אַזוי, דאַרף מען דערפירן צו אַן אָרדענונג אונ-גער שיפל.

— אַוודאי.

— און שפּייז איז דאָ גענוג?

— יאָ, זשאַן איז אַ פליגקער יונג און האָט איבערגעלאָזט גענוג שפּייז.

— דערפאַר האָב איך נישט מורא. נאָר לאָמיר גיין אַ קוק טאָן.

מיר האָבן פאַרלאָזן די הייל, גלויבנדיק, אַז פון די זאַכן אויפן שיפל איז מסתמא ווייניק-וואָס געבליבן.

אָבער — אַ טעות. ווען מיר זענען צוגעקומען צום ברעג, האָב איך דערזען, ווי זשאַן איז באַשעפטיקט מיט איינלייגן פאַרשידענע זאכן. דער פעטער האָט אים געדריקט די האַנט מיט אמתער דאַנקבאַרקייט.

דערדאָזיקער מענטש מיט דער איבערמענטשלעכער ענערגיע און אומפאַרגלייכלעכער טרייקייט האָט געאַרבעט, בעת מיר זענען געשלאָפן, און געאַרבעט פשוט מיט אַ לעבנס-געפאַר.

מיר האָבן, נאַטירלעך, פאַרלאָרן אַסאַך זאכן, ווי למשל די ביקסן, אָבער מען האָט זיך געקענט באַגיין אָן זיי.

— אַלזאָ, — האָט דער פּראָפעסאָר אויסגערופן — אַזוי-ווי עס פעלן ביקסן, וועלן מיר נישט גיין אויף יאַגד!

— יאָ, און די מכשירים?

— אָט איז דער מאַנאָמעטער, דער וויכטיקסטער פון אַלע מכשירים, פאַר וועלכן איך וואָלט אַלץ אַוועקגעגעבן! מיט דער הילף פון אָט דעם אינסטרומענט קען איך אויסמעסטן די טיף

און ווייסן, צי זענען מיר שוין דערגאַנגען ביזן צענטער.

— און דער קאָמפּאַס? — האָב איך געפרעגט.

— אָט איז ער, אויפן פּעלז, אין אַ גוטן מצב. עס זענען אויך דאָ די כראָנאָמעטערס און טערמאָמעטערס.

אָך, אונזער וועג-ווייזער איז נישט אָפּצושאַצן!

פון די מכשירים האָט קיין זאַך נישט געפעלט. הוצדעם האָב איך געזען ליגן אויפן זאַמד שטאַבעס, האַמערס, שנורן א.ד.גל. עס איז בלויז געבליבן די שפּייז-פראַגע.

— און שפּייז? — האָב איך געפרעגט.

— לאָמיר אַ קוק טאָן! — האָט דער פעטער געענט-פערט.

די קאַסטנס מיט שפּייז זענען געווען אויסגעצייכנט פאַר-מאַכט און אין אַ גוטן מצב. כמעט אַלע פּראָדוקטן זענען געווען גאַנץ, דער עיקר די סוכאַרעס, בישקאָפּטן, גערויכערט פלייש און פיש. מ'האָט געקענט רעכענען, אַז דאָס עסנוואַרג וועט אונז קלעקן לכל-הפחות אויף פיר חדשים.

— פיר חדשים! — האָט דער פעטער אויסגערופן. — האָבן מיר דאָך צייט. ס'וועט אונז נישט אויספּעלן קיין שפּייז אפילו צו מאַכן אַ גרויסן באַנקעט, בעת איך וועל זיך אומ-קערן אַהיים. איצט מוזן מיר זיך באַזאָרגן מיט זיס-וואַסער, וואָס דער שטורעם האָט אַוועקגעטראָגן אין די שפּאַלטן פון די גראַניט-פעלזן. מיר דאַרפן פאַר קיין וואַסער-מאַנגל נישט מורא האָבן. וואָס שייך דעם שיפל, וועל איך עס הייסן זשאַנען פאַררירכטן וואָס-בעסער, הגם איך גלויב, אַז זי וועט אונז שוין נישט צו-נוץ קומען.

— ס'טייטש? — האָב איך אויסגערופן.

— איך רעכן, אַז מיר וועלן זיך נישט אומקערן מיטן זעלבן וועג, מיט וועלכן מיר זענען געקומען...

כ'האָב אַ קוק געטאָן אויפן פעטער מיט אומצוטרוי.

כ'האָב געפרעגט ביי זיך, צי איז ער נישט גערירט פון זינען.

— לאָמיר גיין פרישטיקן — האָט ער אין אַ ווײַלע אַרום געזאָגט.

כ׳בין נאָכגעגאַנגען צו אַ הייכן קאָפּ, ווי ער האָט דעם וועג־וויַיזער אַרויסגעגעבן פאַראָרדענונגען. דאָ האָבן מיר זיך ערשט געלאָזט ווײַלגיין ביי אַ סעודהלע פון געריכערט פלייש, בישקאָפּטן און טיי.

איך האָב געגעסן מיט אַן אומגעוויינלעכן אַפּעטיט, גליקלעך, וואָס מיר האָבן אויסגעמיטן כּלערליי צרות און קענען זיך אָפּרוען.

בעתן פרישטיק האָב איך אַ פרעג געטאָן דעם פעטער:

— ווּ געפינען מיר זיך אַצינד? דאָס איז מסתּמא שווער צו באַצייכענען.

— גענוי צו באַצייכענען איז אַוודאי שווער, אַפילו אוממעגלעך, וואָרן אין משך פון די דריי שטורעם־טעג האָב איך נישט געקאָנט באַרעכענען נישט די שנעלקייט און נישט די ריכטונג פון שיפל. יעדנפאַלס קען מען עס אָבער אויסרעכענען מיט אַ געוויסער וואַרשיינלעכקייט.

— די לעצטע אָבסערוואַציע האָבן מיר געמאַכט אויפן אָקסעל־אינזל. מיר האָבן דאָרט דורכגעמאַכט אַ צווייהונדערט זיבעציק ים־מייל און מיר האָבן זיך דעמאָלט געפונען אַ זעקסהונדערט מייל פון איסלאַנד.

— גוט! לאָמיר זיך האַלטן ביי דעם פונקט און לאָמיר אַרייַנרעכענען די פיר שטורעם־טעג, ווען די שנעלקייט פון אונזער נסיעה האָט זיכער באַטראָפן אַן אַכטהונדערט מייל אין אַ מעת־לעת.

— אויב אונזערע אויסרעכענונגען זענען ריכטיקע — האָב איך געזאָגט — האָבן מיר איצט פאַר זיך דעם מיטללענדישן ים.

— טאַקע!

— יאָ, ווייל מיר געפינען זיך אַ ניינהונדערט מייל פון רייקיאַוויק!

דער פּראָפעסאָר האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום קאָמפּאַס. ער איז געווען פריילעך, געריבן די הענט פאַר פרייד און האָט אויסגעזען ווי אַ יונגערמאַנטשיק.

כ׳בין אים נאָכגעגאַנגען אויף טשעקאַוועס, צי האָב איך זיך נישט טועה געווען אין חשבון.

ווען מיר זענען צוגעקומען צום פעלז, האָט דער פעטער גענומען דעם קאָמפּאַס, אוועקגעלייגט אים האָריזאָנטאַל און באַטראַכט דעם ווייזער, וועלכער האָט זיך אַ ווײַלע אַרומגעדרייט און איז באַלד געבליבן שטיין.

דער פעטער האָט אַ קוק געטאָן און באַלד ווייטער אָבסערווירט.

צולעצט האָט ער זיך אויסגעדרייט צו מיר אַ דערשטוינטער.

— וואָס איז געשען ? — האָב איך געפרעגט.

ער האָט מיר געגעבן אַ צייכן, איך זאָל אַ קוק טאָן אויף דער ריכטונג פון דער נאָדל.

אַ געשריי פון פאַרוווּנדערונג האָט זיך אַרויסגעריסן פון מיין מויל.

די נאָדל האָט אָנגעוויזן צפון, בעת מיר האָבן זיך גערעכנט, אַז דאָרט איז דרום.

כ׳האָב אַ טרייסל געטאָן דעם קאָמפּאַס — ער איז געווען אין אַ גוטן צושטאַנד.

מיר האָבן דאַן פאַרשטאַנען, אַז בעתן שטורעם האָט אונז דער ווינט צוריקגעטריבן צו יענע ברעגעס, וועלכע מיר האָבן שוין — לויט אונזער מיינונג — געלאָזן הינטער זיך.

קאַפּיטל זיבנאונדרייסיק

## מיר אַנטדעקן חיות-ביינער פון פאַרן מבול. מענטשלעכע עצמות.

ס'איז אוממעגלעך צו שילדערן די געפילן, וועלכע האָבן באַהערשט דעם פּראָפעסאָר לידענבראָק.

קודם-כּל איז עס געווען פאַרווּנדערונג, דערנאָך אומבאַשרייבלעכער גרימצאָרן.

כ'האָב זינט איך לעב נישט געזען, אַז אַ מענטש זאָל אַזוי נישט קענען הערשן איבער זיך, ווי ער.

די אַלע שוועריקייטן, צרות, געפאַרן, אַלץ אויף גאָרנישט! מען האָט געמוזט אַלץ אָנהויבן פונדאָסניי!

— אַך, אַ בייזער גורל פאַרפאָלגט מיך! — האָט דער פּראָפעסאָר אויסגערופן — אַלע בייזע עלעמענטן האָבן זיך געשטעלט קעגן מיר! לופט, פייער און וואַסער באַמיען זיך צו שטערן מיר אין וועג! אָבער גוט! זיי וועלן זיך שוין דערוויסן, וואָס עס הייסט שטאַרקער ווילן. כ'וועל זיך נישט אָפּשטעלן אויף קיין רגע, כ'וועל קיין איין טריט נישט נאָכגעבן, און מיר וועלן זען, צי וועט זיגן דער מענטש, אָדער די נאַטור!

שווייגנדיק אַזוי אויפן פעלז, אַ בייזער און דראָענדיקער, ענלעך צום ווילדן אַיאַקס, האָט פּראָפעסאָר אָטאָ לידענבראָק, דאַכט זיך, געלעסטערט די געטער.

— הער מיך אויס, פעטער, — האָב איך מיט אַן אַנט-שלאָסענעם טאָן געזאָגט. — יעטוועדע אַמביציע מוז האָבן אַ גרענעץ, מען קען דאָך נישט קעמפן קעגן דער אוממעגלעכקייט. מיר זענען שלעכט צוגעגרייט צו אַ ים-רייזע. פינפהונדערט מייל פאָרט מען נישט אַדורך אויף אַזאַ שיפל. מיר קענען דאָ נישט רעגירן, מיר זענען אַ שפּילכל ביים שטורעם, און ס'וואָלט גע-ווען פשוט אַ שגעון אָנצוהויבן דידאָזיקע עקספּעדיציע פון אָנ-הויב אָן!

אַזאַ מין דרשה האָב איך געקענט האַלטן איך ווייס ווי לאַנג, וואָרן דער פּראָפעסאָר האָט פשוט נישט געהערט דערפון קיין איין וואָרט.

— אויפן שיפל! — האָט ער מיט אַלע כּוחות אויסגע-שריען.

דאָס איז געווען זיין ענטפער. ס'האָבן נישט געהאָלפן קיין עצות, בקשות, פאַרשווערונגען, — ער איז געווען אַנטשלאָסן.

זשאַן האָט דערווייל געענדיקט פאַרריכטן דאָס שיפל. ס'וואָלט זיך געקענט אויסדוכטן, אַז דערדאָזיקער מערקווירדיקער מענטש איז זיך משער מיין פעטערס כּוונות. אַלץ איז געווען פאַרטיק.

דער פּראָפעסאָר האָט נאָך געזאָגט דעם וועג-ווייזער עט-לעכע ווערטער, און גלייך זענען אַראָפּגעטראָגן געוואָרן די באַ-גאַזשן.

די לופט איז געווען נישט שלעכט. עס האָט געווייעט אַ צפון-מערבדיקער ווינט.

וואָס האָב איך געזאָלט טאָן? קעמפן איינער אַליין קעגן צוויי? אַן אומזין! ווען זשאַן זאָל כאָטש זיין אויף מיין זייט. אָבער ווי קומט! ס'האָט אויסגעזען, ווי דער איסלענדער וואָלט זיך אינגאַנצן אָפּגעזאָגט פון זיין אייגענעם ווילן און זיך פולשטענדיק אונטערגעוואָרפן דעם פעטער.

איך בין געגאַנגען פאַרנעמען אַן אָרט אין שיפל, בעת דער פעטער האָט מיך מיטאַמאָל אָפּגעהאַלטן.

— מיר פאָרן ערשט מאָרגן — האָט ער געזאָגט.

כ׳האָב געמאַכט אַ מינע פון אַ פאַרצווייפלטן מענטשן.

— איך טאָר קיין זאַך נישט פאַרנאַכלעסיקן,—האָט ער געזאָגט — און אַזוי-ווי דער גורל האָט מיך אַרויסגעשליידערט צוריק אויף די ברעגעס, האָב איך באַשלאָסן זיי נישט צו פאַרלאָזן, איידער איך וועל זיי גענוי אויספאָרשן.

דידאָזיקע באַמערקונג איז געווען אַ פאַרשטענדלעכע, ווייל הגם מיר זענען געווען אויף די צפון-ברעגעס פון ים, זענען מיר דאָך נישט געשטאַנען איצט אויף דיזעלבע, וועלכע מיר האָבן פאַרלאָזן.

לאָמיר-זשע גיין באַקוקן! — האָב איך געזאָגט.

מיר האָבן איבערגעלאָזט זשאַנען ביי דער אַרבעט און זענען אַוועק זאַלבעצווייט.

גייענדיק צווישן די פעלזן, האָבן מיר געזען אַסאַך ביינער פון פאַרשידענע חיות.

דער פראָפעסאָר האָט גענוי געפאָרשט די געגנט. ווו ער האָט נאָר געזען אַ שפאַרע אָדער אַ לאָך אין אַ פעלז, האָט ער גלייך אויסגעמאָסטן די טיפקייט.

ווען מיר האָבן דורכגעמאַכט אַ מייל וועג, האָבן מיר באַמערקט, אַז דער באָדן ענדערט זיך מיטאַמאָל.

ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז אויפגעשטורעמט צוליב אַן אויסברוך.

מיר זענען מיט גרויס מי געגאַנגען איבער דידאָזיקע גראַניט-ברוכשטיקער, אַ געמיש פון קוואַרץ און פאַרשידענע איבערבליבענישן, — ווען מיר האָבן מיטאַמאָל דערזען אַ פעלד, וואָס איז געווען אינגאַנצן פאַרזייט מיט ביינער.

עס האָט אויסגעזען, ווי אַ ריזיקער בית-עולם, אויף וועלכן מען האָט באַגראָבן כאָטש אַ צוואַנציק יאָרהונדערטער.

די הויכע הויפנס פון די חיות-ביינער האָבן זיך אויפגעהויבן באַרג-אַרויף, און דאָס גאַנצע פעלד האָט אויסגעזען אומענדלעך. מען האָט פשוט נישט געקענט דערכאַפן מיטן אויג קיין ענדע.

אָט דאָ איז געווען אויסגעשריבן די געשיכטע פון דער חיות־וועלט, וועלכע איז שוואַך באַשריבן געווען דורך די נאַטור־פאָרשער.

די נייגעריקייט האָט אונז געצויגן צום פעלד.

אונזערע פיס האָבן מיט אַ טרוקענער קנאַקעריי צעטרעטן די שיריים פון די פּרעהיסטאָרישע בעלי־חיים.

איך בין געווען דערשטוינט פון דעם בילד.

דער פעטער האָט אויפגעהויבן די אָרעמס אין דער הויך. זיינע ליפּן האָבן זיך צעעפנט פון פאַרווּנדערונג, די אויגן האָבן זיך צעגלאַנצט הינטער די לאָרנעטע־גלעזער, דער קאָפּ האָט זיך געשאָקלט פון אויבן אַראָפּ, פון לינקס אויף רעכטס, און די גאַנצע געשטאַלט האָט אויסגעדריקט אַן אומגעהייערע פאַר־בליפונג.

ער האָט זיך געפונען פאַר אַן אומצייליקער קאָלעקציע פון פאַרשידענע, די פאָרשער אומבאַקאַנטע חיות פון פאַרן מבול, קראָקאָדילן און פאַרזעעענישן מכל המינים.

מען קען זיך פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַ געשריי עס האָט זיך אים אַרויסגעריסן פון האַרצן, בעת ער האָט מיטאַמאָל דער־זען אויפן בית־עולם אַ מענטשלעכן שאַרבן.

— אַקסעל, אַקסעל, אַ מענטשן־קאָפּ!

— אַ מענטשן־קאָפּ! — האָב איך איבערגעחזרט דערשטוינט.

— יאָ, מיין טייערער! אַך, איר פאָרשער, פאַרוואָס גע־פינט איר זיך נישט דאָ, ווו איך געפין זיך — איך, אָטאָ לידענבראָק!

קאפיטל אכטאונדרייסיק

# א גוט־קאָנסערווירטער מענטשן־סקעלעט. דעם פּראָפעסאָר דרשה.

מ׳קען זיך פאָרשטעלן אונזער איבערראַשונג, ווען מיר האָבן אַ צוואַנציק טריט ווייטער געפונען קעגנאיבער אַ מענטשלעכן געביין, זייער גוט קאָנסערווירט.

דאָס איז געווען דער גוף פון אַ מענטשן, וועלכן עס איז זייער לייכט געווען צו דערקענען.

משמעות, דער באָדן איז געווען גינסטיק צו קאָנסערווירן אין אַ גוטן מצב.

די הויט אויפן מענטשן איז געווען איינגעצויגן, אויסגעטריקנט, פון פאַרמעט־קאָליר; די גלידער צוזאַמענגעקאָרטשעט. די ציינער אומגלייכע, אַ שפע פון האָר, די נעגל ביי די הענט און פיס אומגעהייער לאַנג.

איך בין געשטאַנען אָן איין וואָרט פאַר דערדאָזיקער אַנטפּלעקונג פון לאַנגאַניקע דורות. דער פעטער איז אויך געשטאַנען שווייגנדיק.

מיר האָבן אויפגעהויבן דעם קערפער, אַוועקגעשטעלט אים פאַרן פעלז. עס האָבן אונז אָנגעקוקט די אויגן־לעכער.

נאָך עטלעכע רגעס פון שטילקייט איז דער פעטער ווידער געוואָרן פּראָפעסאָר לידענבראָק.

ער האָט פאַרגעסן, ווו ער געפינט זיך. ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער שטייט פאַר זיינע תלמידים, וואָרן ער האָט

מיט אַ פּראָפעסאָרישן טאָן גענומען האַלטן אַ דרשה פאַר אויסגע-דאַרטע צוהערער:

— מיינע הערן, — האָט ער געזאָגט — כ'האָב דעם כּבוד פאָרצושטעלן אַ מענטשן פון דער שטיין-עפּאָכע. איר האָט שוין רעזיגנירט צו זען אַ מענטשן פון דער עפּאָכע, נאָר אָט שטייט ער פאַר אייך. איר קענט אים אָנרירן און זען. דאָס איז נישט קיין סקעלעט, נאָר אַ קערפּער, קאָנסערווירט אין בעסטן צו-שטאַנד! ער פאַרמאָגט נישט קיין זעקס פוס די הויך, און מיר קענען אים נישט פאַררעכענען צו די ריזן. וואָס שייך זיין ראַסע, האַלט איך פעסט, אַז ער שטאַמט פון דער קאַווקאַזישער. דאָס איז די ווייסע ראַסע, אונזערע! דער שאַרבן איז אַ רעגולערער, אַן אָוואַלער, אָן ביילן, אָן אַן אַרויסטאַרטשענדיקן קין, איך וועל נאָך גיין ווייטער און זאָגן, אַז דערדאָזיקער מענטשלעכער גוף געהער צו דער יאַפּעטישער משפּחה, וואָס איז צעזייט און צעשפּרייט פון אינדיען ביז דרום-אייראָפּע. שמייכלט נישט, מיי-נע הערן!

קיינער האָט נישט געלאַכט, נאָר דער פּעטער האָט פון גרויס באַגייסטערונג עמעצן געזען.

כ'האָב גענומען פּאַטשן בראַוואָ, דערנאָך זענען מיר גע-גאַנגען ווייטער, טרעפנדיק אין וועג אויף טריט און שריט מענטש-לעכע קערפּערס, אויסגעטריקנט ווי מומיעס.

באמת, עס איז געווען עפּעס אויסערגעוויינלעכס אין דעמ-דאָזיקן געמיש פון מענטשלעכע און חיהשע ביינער אויף דעם פּרעהיסטאָרישן בית-עולם.

עס איז נאָך געבליבן צו לעזן בלויז איין פּראַגע.

צי זענען דידאָזיקע מענטשן, וואָס זענען געבליבן אין שטויב, אַרויסגעוואָרפן געוואָרן אַהער, נאָך אַ קאַטאַסטראָפע, דורך דעם ים, — אָדער זיי האָבן דאָ אַמאָל געוווינט, אונטער דערדאָזיקער געוועלבונג, און זיך דערנערט פון פיש און חיות?

ביז איצט האָבן מיר כּמעט די לעבעדיקע באַשעפענישן גע-זען בלויז ים-פאַרזעענישן און פיש.

און אפשר בלאָנדזשעט אַרום אין דעמדאָזיקן מדבר-רוים אַ לעבעדיקער מענטש?

## קאַפּיטל ניינאונדרייסיק

# אמת, צי חלום?
# פלאַנצן אָן ריח און אָן קאָליר.

אַ האַלבע שעה זענען מיר נאָך אַרומגעגאַנגען איבער די ביינער.

מיר זענען געגאַנגען פסדר פאָרויס, געטריבן פון אַ געוואַלדיקער נייגעריקייט.

וואָס פאַר אַ ווונדער פאַרמאָגט נאָך דידאָזיקע דזייל! וואָסערע אוצרות פאַר דער וויסנשאַפט?

די ים־ברעגעס זענען שוין לאַנג פאַרשוווּנדן געוואָרן הינטער די ביינער־הויפנס.

דער אומפאָרזיכטיקער פּראָפעסאָר האָט מיך, נישט מורא האָבנדיק פאַרבלאָנדזשעט צו ווערן, געשלעפּט וואָס־אַמאָל ווייטער.

נאָך אַ מייליקן שפּאַציר האָט זיך פאַר אונז אַנטפּלעקט אַ ברעג פון אַ ריזיקן וואַלד; ער איז אָבער נישט באַשטאַנען פון קיין שוואָמען, ווי דער וואַלד נעבן דעם מאַרגעריט־האַפן.

דאָ איז געווען די פלאַנצן־וועלט פון דער דריטער עפּאָכע — אין דער גאַנצער פּראַכט.

עס זענען דאָרט געוואַקסן פאַלמען פון אַן אונטערגאַנגענעם מין, סאָסנעס, ציפּרעסן און אַנדערביימער. אויפן באָדן האָט זיך געשפּרייט מאָך, עטלעכע קוואַלן זענען געפלאָסן אין שאָטן, אויף די ברעגעס זענען געוואַקסן ביימער מיט ברוינע בלעטער, צוליב דעם מאַנגל אין זון. אַלץ האָט דאָ באַלויכטן דאָס עלעקטרישע ליכט איבער דער ערד.

אויף די בלומען, צאָלרייך ווי אין דער דריטער עפּאָכע, האָבן נישט געהאַט קיין קאָליר און קיין ריח און האָבן אויסגע־זען, ווי געמאַכט פון פּאַפּיר.

מיר האָבן זיך אַריינגעלאָזט טיף אין וואַלד אַריין און דערזען דאָרט כּלרעליי מיניםביימער, וואָס זענען נאָר פאַראַן אויף דער וועלט.

נעבן די פּאַלמען איז געוואַקסן אַ דעמב, אַן אויסטערלי־שער אייקאַליפּט איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן אַ נאָרוועגישער יאָדלע, אַ צפון-בעריאָזע איז געשטאַנען נאָענט צו אַ זעלאַנדישן קאָריס.

אַ פּראַכטפול פעלד, פאַר באָטאַנישע פאָרשונגען!

מיטאַמאָל בין איך געבליבן שטיין. כ'האָב אָנגעכאַפּט דעם פעטער פאַר דער האַנט.

דאָס עלעקטרישע ליכט האָט מיר אַצינד דערלויבט צו זען דעם מינדסטן אָביעקט.

מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך זע... ניין, באמת, כ'האָב מיט מיינע אייגענע אויגן דערזען ריזיקע געשטאַלטן, וואָס האָבן זיך באַוועגט הינטער די ביימער.

דאָס זענען געווען חיות פון אַ ריזיקער גרויס, אַ גאַנצע סטאַדע פון מאַסטאָדאָנטן, נישט קיין טויטע, נאָר לעבעדיקע, ענ־לעך צו יענע, וואָס זייער געביין איז אַנטדעקט געוואָרן אין יאָר 1801 אין אָהיאָ. כ'האָב דאָרט באַמערקט גרויסע עלפאַנטן, וואָס זייערע שנוקן האָבן זיך באַוועגט הינטער די ביימער, ווי אַ גאַנצער לעגיאָן פון שלאַנגען. כ'האָב געהערט די קנאַקערייַ פון זייערע לאַנגע ציין, וואָס זענען געווען ביכולת אײנצובייסן די עלטסטע בוים-קאָרטשן.

די צווייגן האָבן געקנאַקט, און די בלעטער, אַראָפּגעריסן פון די צווייגן אין אַן אומגעהייערער צאָל, זענען פאַרשוווּנדן געוואָרן אין די ריזיקע מיילער פון דידאָזיקע חיות.

עס זענען, הייסט עס, מקויים געוואָרן מיינע חלומות צו זען דידאָזיקע פּרעהיסטאָרישע וועלט!

און מיר זענען דאָ געווען אַליין, אין סאַמע מיטן ערד-קויל,

הפקר, אין דער מאַכט פון די ווילדע איינוווינער.

דער פעטער האָט געקוקט אויפן דאָזיקן שוישפּיל.

— לאָמיר גיין! — האָט ער אויסגערופן און אָנגעכאַפּט מיך ביי דער האַנט — לאָמיר אַהין גיין!

— ניין! — האָב איך מיט כּוח אויסגעשריען — איך גיי נישט! מיר זענען אָן געווער! ווי וועלן מיר זיך אַן עצה געבן צווישן דידאָזיקע ווילדע חיות! פעטער, לאָמיר אַוועקגיין! לאָמיר זיך אָפּטראָגן! קיין שום מענטשלעך באַשעפעניש איז נישט בכּוח צו קעמפן מיט דער בלוטדורשטיקייט פון דידאָזיקע פאַרזעעניש!

— קיין שום מענטשלעך באַשעפעניש! — האָט איבערגע־חזרט דער פעטער, אַראָפּלאָזנדיק זיין שטים. — האָסט אַ טעות, אַקסעל! גיב נאָר אַ קוק! זע, מיר דאַכט זיך, אַז איך באַמערק דאָרט אַ מענטשלעך געשטאַלט... אַ וועזן, וואָס איז ענלעך צו אונז, אַ מענטשן...

כ׳האָב געקוקט און געהויבן מיט די אַקסלען..., אָבער גע־מוזט מודה זיין, אַז דער פעטער איז גערעכט.

באמת, אין אַ מרחק פון אַ פערטל מייל איז, אָנגעשפּאַרט אָן אַ ריזיקן זעלאַנדישן קאָריס, געשטאַנען אַ ריזן־מענטש — דער פּראָמעטיי פון דידאָזיקע אונטערערדישע געגנטן, דער נייער נעפּ־טון־זון, און געהיט די מאַסטאָדאָנטן־סטאַדעס!

דאָס איז נישט געווען קיין סקעלעט, ווי אויפן בית־עולם פון די מענטשן־ביינער, נאָר אַ ריז, וואָס איז בכּוח געווען צו באַפאַלן דידאָזיקע חיות.

זיין געשטאַלט האָט געהאַט אַ צוועלף פוס די הויך.

זיין קאָפּ איז פאַרשוואונדן געוואָרן אין דער געדיכטעניש פון זיינע האָר...

די האָר האָבן ביי אים אויסגעזען, ווי די גריווע פון אַן עלפאַנט אין די ערשטע יאָרהונדערטער.

אין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ ריזיקן צווייג — דאָס גע־ווער פון דעמדאָזיקן פאַסטוך פון פאַרן מבול.

מיר זענען געבליבן שטיין, ווי צוגעשמיט צום אָרט. מען האָט אונז אָבער געקענט דערזען. מען האָט געמוזט אַנטלויפן.

— קום! קום שוין! — האָב איך געשריגן אויפֿן פּעטער, וועלכער האָט זיך צום ערשטן מאָל געלאָזט פירן.

אין אַ פערטל שעה אַרום זענען מיר שוין געווען ווייט פון דעם גרויזאַמן שונא.

איצט, ווען איך קען שוין טראַכטן רויק, ווען גאַנצע חדשים זענען פאַרביי זינט יענער אויסטערלישער, איבערנאַטירלעכער באַגעגעניש — וואָס זאָל איך וועגן דעם דענקען? צי זאָל איך גלויבן? ניין! ס'איז אוממעגלעך!

אונזערע חושים זענען געווען אָנגעשפּאַנט; די אויגן האָבן פּשוט נישט געזען דאָס, וואָס האָט אונז געשיינט, ווי אַ חלום.

קיין שום מענטשלעך באַשעפעניש לעבט נישט אין דערדאָזיקער אונטערערדישע וועלט! קיין שום מענטשלעכער שבט וווינט נישט אין די הייל̃ן פון דער ערד.

עס איז דאָ אויך נישטאָ קיין שום קאָמוניקאַציע מיט דער וועלט.

די השערה וועגן דער עקזיסטענץ פון די מענטשן אונטער דער ערד וואָלט געווען זייער אומלאָגיש, אומזיניק.

איך וויל זיך משער זיין ליבערשט, אַז דאָס איז גיכער געווען אַ חיה, וואָס איר גאַנצער קערפּער-בוי איז ענלעך צו אַ מענטשן. אפשר גאָר אַ מאַלפּע פון די אוראַלטע צייטן...

און דאָך איז דידאָזיקע געשטאַלט געווען מאָדנע ענלעך צו אַ מענטשן.

נישט וויכטיק, צי איז עס אַ מאַלפּע און וואָסערע מאַלפּע... אָבער אַז אַ לעבעדיקער מענטש זאָל זיין איינגעגראָבן דאָ אין די טיפענישן פון דער ערד, דאָס האָב איך מיר נישט געקענט פאָרשטעלן.

יעדנפאַלס האָט זיך אונז אָן שום פאָרפאַל איינגעגעבן צו פאַרלאָזן דעם וואַלד, וואָס האָט געפלאַקערט מיט אַן עלעקטריש ליכט.

מיר זענען געגאַנגען פאַרטראַכט, שווייגנדיק, דורכגענומען פון דערשטוינונג. מיר זענען נישט-ווילנדיק געלאָפן...

דאָס איז געווען אַ מין אַנטלויפעניש, ענלעך צו יענעם

אַנטלויפן פאַר אומאָנגענעמע חלומות, וואָס פאַרפאָלגן אונז.

אינסטינקטיוו, נישט אויסקלייבנדיק קיין וועג, האָבן מיר זיך אומגעקערט צום לידענבראָק-ים און ערשט אָפּגעאָטעמט, ווי נאָך אַ געפּעכט.

צוקוקנדיק זיך צו די פעלזן, האָב איך באַמערקט, אַז זיי זענען אַלע ענלעך צו די פעלזן, וועלכע מיר האָבן פאַרלאָזט, בעת מיר האָבן אָנגעהויבן אונזער ים-נסיעה.

כ׳האָב עס געזאָגט דעם פעטער. ער האָט מודה געווען, אַז ס׳איז ריכטיק.

— אַוודאי — האָב איך געזאָגט — מיר האָבן נישט צוגעוואַנדערט צום זעלביקן אָרט, יעדנפאַלס אָבער האָט אונז דער שטורעם אַרויסגעוואָרפן בלויז אויף אַ קליין שטיקל ווייטער. נישט ווייט פון דאַנען געפינט זיך מסתמא דער מאַרגעריט-פּאָרט און אונזער קוואַל.

— אויב אַזוי — האָט דער פּראָפעסאָר געזאָגט — וועלן מיר בעסער נישט גיין זוכן, נאָר מירן זיך אומקערן צום שיפל און וועלן פאָרן ווייטער. צי ביסטו זיך נישט טועה, מיין טייערער?

— עס איז שווער וועגן דעם צו זאָגן — האָב איך געענטפערט — אָבער מיר דאַכט זיך, אַז די פעלזן זענען דיזעלבע און אויך דאָס לאַנדונגס-אָרט זעט אויס אַזוי ווי יענער פּלאַץ, וווּ זשאַן האָט אויפגעבויט דאָס שיפל. מיר זענען שוין אַוודאַי נאָענט צום פּאָרט, הגם עס איז נישט דאָרט...

— אָ, ניין, אַקסעל, מיר געפינען נאָר ענלעכע קאָנטורן, אָבער מער גאָרנישט...

— און איך זע יאָ — האָב איך אויסגעשריגן, דערגענטערנדיק זיך צו אַ חפץ, וואָס האָט געגלאַנצט אויפן זאַמד.

— וואָס איז עס? — האָט דער פּראָפעסאָר געפרעגט.

— ביטע — האָב איך געענטפערט.

און איך האָב געוויזן דעם פעטער אַ מעסער, באַדעקט מיט זשאַווער, וואָס איך האָב אויפגעהויבן פון דער ערד.

— צי האָסטו מיט זיך מיטגענומען דאָס מעסער פון שטוב?
— איך? ניין! נאָר מסתמא האָט דער פעטער...
— ניין, —האָט דער פּראָפעסאָר געענטפערט— כ'האָב עס נישט מיטגענומען און איך קיינמאָל אַזאַ חפץ נישט געהאַט.
— מאָדנע!
— אָבער ס'איז נישט מאָדנע, אַקסעל, ווייל אַלע איסלענ־דער כמעט טראָגן מיט זיך אַזאַ מין געווער. מסתמא האָט עס פאַרלוירן זשאַן...
אבער איך זשאַן האָט אַזאַ מין מעסער נישט געהאַט.
— צי זאָל עס זיין אַ מעסער פון אַ מענטשן פאַרן מבול? אָבער ווי קומט! דאַמאָלט האָט מען געמאַכט וואָפן פון שטיין. אָפילו נישט פון דער בראָנז-עפּאָכע. דער שאַרף איז פון שטאָל...
דער פעטער האָט מיר איבערגעשלאָגן אין די רייד:
— באַרויק זיך, אַקסעל, לאָמיר רעדן צו דער זאַך. דאָסדאָ־זיקע מעסער שטאַמט פון זעכצנטן יאָרהונדערט און האָט געהערט מסתמא צו אַן אַדלמאַן, וואָס האָט עס געטראָגן הינטערן גאַרטל. דאָס איז שפּאַניש געווער. דאָס געהער נישט צו מיר, נישט צו דיר, נישט צום וועג־ווייזער און אויך נישט צו די מענטשן, וואָס וווינען אפשר אין די טיפעניש פון דער ערד.
— ס'טייטש?
— גיב אַ קוק, עס וואָלט נישט געוואָרן אַזוי טעמפּ און ס'וואָלט נישט פאַרזשאַווערט געוואָרן ביים איבערשניידן אַ מענטשלעכן האַלז... עס איז באַדעקט מיט אַ געדיכטער שיכט פון זשאַווער, וואָס איז נישט אַנטשטאַנען אין קיין טאָג און אין קיין יאָר און אַפילו נישט קיין יאָרהונדערט!
דער פּראָפעסאָר האָט זיך, ווי דער שטייגער, אָנגעצונדן; זיין פאַנטאַזיע האָט זיך צעפלאַקערט.
— אַקסעל, — האָט ער זיך אָנגערופן — מיר געפינען זיך אויפן וועג צו אַ גרויסער אַנטדעקונג! דאָסדאָזיקע געווער איז דאָ פאַרבליבן מיט הונדערט, צווייהונדערט, דרייהונדערט יאָר צוריק...

— עס איז דאָך אָבער נישט געקומען אַליין! — האָב איך אויסגעשריִען אויסער זיך — עמעצער איז דאָ געווען פאַר אונז...!

— יאָ, דאָ איז געווען אַ מענטש.

— און דער מענטש?

— דערדאָזיקער מענטש האָט מיט אָט דעם מעסער אויסגעקריצט זיין נאָמען אויף אַ פעלז. דער מענטש האָט מיטן מעסער געוואָלט אונטערשטרייכן, אַז ער איז געווען אין די טיפענישן פון דער ערד. לאָמיר זוכן, לאָמיר זוכן!...

מיר זענען געווען געוואַלדיק אָנגערעגט, מיר האָבן געקלעטערט איבער די פעלזן און אַרומגעזוכט אַן אויפשריפט. אַזוי־אַרום זענען מיר צוריקגעקומען צו אַ טונקעלן טונעל הינטערן ים־ברעג.

דאָ האָבן זיך אויף אַ גראַניט־פעלז אַנטפּלעקט פאַר אונז געהיימנישפולע אותיות, האַלב־אויסגעהוילטע אין שטיין, — די ראָשי־תיבות פון אַ מוטיקן, פאַנסטאַסטישן רייזנדן.

— אַ. ס.! — האָט דער פּראָפעסאָר אויסגערופן — אַרנאָ סאַקנוסעם! שטענדיק אַרנאָ סאַקנוסעם!

## קאַפּיטל פערציק

# די באַגייסטערונג פון די רייזנדע ביים אָנבליק פון די אותיות, די ווייטערדיקע נסיעה מיטן רומקאָרף־אַפּאַראַט.

זינט אונזער נסיעה האָט זיך אָנגעהויבן, האָב איך אי־בערגעלעבט אַסאַך אַנטציקונג און געפילן, וואָס־אַמאָל נייע סיורפּריזן, חידושים.

נישט געקוקט אָבער דערויף, איז ווען איך האָב דערזען דידאָזיקע צוויי אותיות, וואָס זענען אויסגעקריצט געוואָרן מיט דרייהונדערט יאָר צוריק, בין איך געבליבן שטיין, ווי צוגע־שמידט צום אָרט.

כ׳האָב נישט בלויז געזען די ראָשי־תיבות אויפן פעלז, נאָר אויך דאָס מעסער געהאַט, וואָס האָט עס אויסגעקריצט.

איצט האָב איך שוין נישט געקענט צווייפלען אין יענעם רייזנדן און אין זיין נסיעה.

בעת איך בין אַזוי פאַרזונקען געווען אין מחשבות, האָט פּראָפעסאָר לידענבראָק דערווייל געהאַלטן אַ דרשה.

— וווּנדערבאַרער גאון! — האָט ער מיט באַגייסטערונג אויסגערופן — האָסט וועגן קיין זאַך נישט פאַרגעסן, אַפילו צו פאַרלייכטערן די שטערבלעכע זייער וועג. און אָט האָבן ענלע־כע צו דיר געפונען די שפּורן, וואָס דו האָסט איבערגעלאָזן. און איך וועל אויך אויסקריצן דאָ מיינע איניציאַלן, אָבער פון היינט און ווייטער וועט דערדאָזיקער קאַפּ הייסן „סאַקנוסעם־קאַפּ“.

אַט וואָס איך האָב דערהערט פון פּעטערס מויל. זיינע הערטער האָבן דערוועקט אין מיר אַן אומבאַשרייבלעכע באַגייסטערונג. אַן אינערלעכע התלהבות האָט אָפּגעפרישט מיין האַרץ. כ׳האָב פאַרגעסן אָן אַלץ, אָן די רייזע-סכּנות און אָן דעם גרויזאַמען צוריקקער.

דאָס, וואָס אַ צווייטער האָט אויסגעפירט, האָב איך אויך אויסגעפירט. עס איז שוין נישט געווען פאַר מיר קיין אוממעגלעכע זאַך.

— אין וועג אַריין! אין וועג אַריין! — האָב איך אויסגערופן.

דערנאָך האָב איך זיך געלאָזט גיין צו דער פינסטערער גאַלעריע; אָבער דער פּראָפעסאָר האָט מיך פאַרהאַלטן און געראָטן צו זיין געדולדיק און קאַלטבלוטיק.

— לאָמיר זיך אומקערן צו זשאַנען — האָט ער געזאָגט — און לאָמיר אַהער אַריבערטראָגן דאָס שיפל.

כ׳האָב געפאָלגט דעם פעטער, הגם מיט אַ געוויסן ווידערווילן, און האָב זיך אַריינגעגליטשט צווישן די פעלזן.

— צי ווייסטו, פעטער, אַז ביז היינט זענען די אומשטענדן געווען פאַר אונז זייער גינסטיקע?

— אַך, אַזוי מיינסטו גאָר, אַקסעל?

— אומבאַדינגט. אפילו דער שטורעם האָט אונז אַרויפגעפירט אויפן ריכטיקן וועג. זאָל ער זיין געבענטשט! ער האָט אונז צוגעפירט אַהין, ווו מיר האָבן געפונען סאַקנוסעמס וועג.

— יאָ, אַקסעל, עס איז באמת פאַראַן עפּעס השגחהדיקס אין דעם, וואָס מיר זענען געפאָרן צו דרום און געפינען זיך דאָך אין צפון.

— מיר וועלן איצט פאָרן אונטער שוועדן, רוסלאַנד, סיביר, אָנשטאָט זיך אַריינצולאָזן אין די אַפריקאַנישע מדבריות אָדער אונטער די אָקעאַן-כוואַליעס.

— יאָ, אַקסעל, ביסט גערעכט; אַלץ וועט רעכט זיין,

ווען מיר ווילן פאַרלאָזן אָט דעם ים, וואָס ווערט אונז אין ער־גענץ נישט דערפירן. צי ווייסטו, אַז ביזן צענטער פון דער ערד דאַרפן מיר דורכמאַכן בלויז 1500 מייל?

— האַ! — האָב איך באַגייסטערט אויסגעשריען — מיר טאָרן נישט וואַרטן! אין וועג אַריין! אין וועג אַריין!

אינגיכן האָבן מיר אָנגעיאָגט דעם וועג־ווייזער.

אַלץ איז שוין געווען צוגעגרייט צו אַ באַלדיקער נסיעה. מיר האָבן זיך געזעצט אויף די פּליטן און אויפגעהויבן דעם זעגל.

דער ווינט איז נישט געווען זייער גינסטיק פאַר אַזאַ מין שיפל. מען האָט געמוזט רודערן מיט אייזערנע דראַנגען.

אָפטמאָל האָבן אונז אויסגעשפּרייטע, אַרויסשטאַרטשענדיקע פעלזן געצוווּנגען צוריקצושווימען און אָנצונעמען אַן אַנדער ריכטונג.

צולעצט, נאָך דריי שעה רייזע, דאָס הייסט אַרום אַזייגער זעקס פאַרנאַכט, זענען מיר דערשווּמען צו אַן אָרט, ווו מען האָט געקענט לאַנדן.

איך בין אַרויסגעשפּרונגען אויף דער יבשה צוזאַמען מיטן פעטער און מיטן איסלענדער. דידאָזיקע רייזע האָט מיך נאָך אָבער נישט צופרידנגעשטעלט.

כ׳האָב געוואָלט וואָס־גיכער גיין ווייטער.

— פעטער, לאָמיר שוין פאָרן ווייטער! — האָב איך אויסגערופן.

— גוט, מיין טייערער, מיר מוזן אָבער באַטראַכטן די־דאָזיקע גאַלעריע.

דער פעטער האָט גענומען דעם רומקאָרף־אַפּאַראַט; מיר האָבן די פּליטן צוגעבונדן צום ברעג, און זיך אַלע, זאַלבע־דריט, געלאָזט גיין באַקוקן די גאַלעריע.

מיר זענען אַריין אינעווייניק זייער לייכט, אָבער אין אַ צייט אַרום האָט אונז אַ ריזיקער פעלזנשטיין פאַרשטעלט דעם וועג.

— אַ פֿאַרשאָלטענער פֿעלז! — האָב איך אויסגעשריען ביַיז, וואָס מיר מוזן בלייבן שטיין צוליב אַן אומפֿאָרויסגעזעענער מניעה.

מיר האָבן געזוכט אַן אַרויסגאַנג אויף רעכטס און אויף לינקס, אויבן און אונטן, אָבער אומזיסט. קיין שום אַרויסגאַנג איז נישט געווען.

איך בין געווען זייער פֿאַרביטערט און נישט געקענט גלויבן, אַז עס עקזיסטירן אַזעלכע מניעות. איך בויג זיך אַראָפּ, קוק אונטן — גאָרנישט!

זשאַן האָט מיטן לאָמפּ אין האַנט אַרומגעזוכט אַן עפֿענונג, אָבער אויך אָן רעזולטאַט.

מען האָט זיך געמוזט אָפּזאָגן פֿונם געדאַנק אַדורכצוגיין דורך אָט דעם פֿעלז.

כ'האָב זיך אַוועקגעזעצט אויף דר'ערד; דער פֿעטער האָט מיט גרויסע שפּרייזן אַרומגעשפּאַנט אַרום פֿעלז.

— ווי־זשע איז סאַקנוסעם דורכגעגאַנגען? — האָב איך אויסגעשריען.

— טאַקע, — האָט דער פֿעטער געזאָגט — צי האָט אים אויך דער פֿעלז פֿאַרהאַלטן?

— ניין, ניין! — האָב איך לעבעדיק אויסגערופֿן — דאָ איז מסתּמא דער פֿעלז נישט געווען. צוליב אַן אויפֿטרייסלונג אָדער איינער פֿון די געוויינלעכע מאַגנעטישע דערשיינונגען, וואָס טרייסלען־אויף די ערד, האָט זיך אַ שטיק פֿעלז אָפּגעריסן און פֿאַרצוימט דעם דורכגאַנג. מען זעט, אַז דידאָזיקע גאַלעריע איז געווען אַמאָל אַ וועג, אויף וועלכן עס האָט זיך געשאַפֿן און איז אויסגעבראָכן אַ לאַווע. גיט אַ קוק, זייט מוחל, וויפֿיל ברוכשטיקער פֿון שטיינער עס ליגן דאָ, וואָס זענען פֿונם אויפֿרייס אַוועקגעשליידערט געוואָרן; וויפֿיל פֿעלזן, וואָס זעען אויס, ווי אַריבערגעטראָגן דורך ריזן־הענט... דאָס אַלץ איז אין סאַקנוסעמס צייטן נישט געווען, און אויב מיר וועלן איצט נישט אַראָפּקוילערן דעם פֿעלז, וועלן מיר נישט דערגיין צום צענטער פֿון דער ערד!

אָט אַזוי האָב איך גערעדט. די גאַנצע באַגייסטערונג פונם פראָפעסאָר האָט מיך אָנגעשטעקט. דער גאון פון אַן אַנטדעקער האָט מיך באַהערשט. כ׳האָב פאַרגעסן אָן דער פאַרגאַנגענהייט. כ׳האָב בלויז געטראַכט וועגן דערגרייכן דעם ציל.

עס איז מיך שוין לחלוטין נישט אָנגעגאַנגען, וואָס אויף דער ערד-פלאַך איז פאָרגעקומען. נישט קיין באַקוועמע שטוב, קיין שטעט, קיין דערפער, נישט האַמבורג און אַפילו נישט מיין אָרעמע מאַרגעריט, וועלכע האָט שוין זיכער געמיינט, אַז איך בין באַגראָבן אויף אייביק אין דער ערד.

— אַלזאָ, — האָט זיך דער פעטער אָנגערופן — לאָמיר צעשמעטערן דעם פעלז און מאַכן אַ דורכגאַנג.

— אָבער מיט וואָס ? — האָב איך אויסגערופן — אַן אייזערנער דראָנג איז צו שוואַך ! אַלע אונזערע געצייג זענען צו שוואַך !

— מיט וואָס-זשע וועלן מיר אים צעקלאַפן ?

— מיט פולווער ! מיר וועלן אים מינירן, ביז ער וועט אויפרייסן און מאַכן אַ דורכגאַנג.

— מיט פולווער ?

— יאָ, מיט פולווער. עס האַנדלט זיך וועגן דורכברעכן אַ טייל פעלז.

— זשאַן, צו דער אַרבעט ! — האָט דער פראָפעסאָר אויסגערופן.

דער איסלענדער איז אַוועק ברענגען אַ דראָנג, כדי אויס-צובויערן אַ לאָך פאַר דער מינע. דאָס איז געווען אַ וואַזשנע שטיקל אַרבעט.

מען האָט געמוזט מאַכן אַ גרויסע לאָך אינדערמיט, כדי אַריינצופאַקן אַהין פופציק פונט שיס-באַוול, וואָס זיין קראַפט איז פיר מאָל גרעסער פון אַרמאַטן-פולווער.

איך בין געווען געוואַלדיק אויפגערעגט. בעת זשאַן האָט געאַרבעט, האָב איך צוגעהאָלפן דעם פעטער מאַכן די מינע.

אין אַ שעה אַרום איז די אַרבעט געווען געענדיקט. ס׳איז שוין געווען האַלבע נאַכט.

איין פונק וואָלט איצט געקענט מאַכן אַן אויפרייס.

— מיר וועלן צוּוואַרטן ביז מאָרגן — האָט דער פּראָ־פעסאָר געזאָגט.

כ׳האָב געמוזט, הייסט עס, וואַרטן גאַנצע זעקס שעה.

## קאַפּיטל איינאונפערציק

# דער פעלז ווערט אויפגעריסן מיט פולווער. דער דורכגאַנג איז אָפן.

צומאָרגנס — געווען איז עס דעם 27־טן אויגוסט — איז אָנגעקומען אַ טאָג, וועלכן איך וועל געדענקען מיין גאַנץ לעבן. ווען איך דערמאָן זיך דידאָזיקע דאַטע, שטאַרבן מיר אָפּ אַלע אברים. און דאָך איז עס געווען אַ טאָג, וואָס האָט אונז גע־בראַכט דעם גרעסטן רום.

אונזער שכל און אונזערע געדאַנקען האָבן שוין נישט געהאַט זייער פריערדיקע באַדייטונג; מיר זענען געוואָרן אַ שפּילכל פון עלעמענטן און ערד־דערשיינונגען.

זעקס אַ זייגער אינדערפרי זענען מיר שוין געווען אויף די פיס. עס איז אָנגעקומען דער מאָמענט אויפצורייסן דעם פעלז, וואָס איז אונז געשטאַנען אין וועג. כ׳האָב געהאַט דעם כבוד, מען זאָל מיר לאָזן אָנצינדן דעם לאָנט.

נאָכן אָנצינדן האָב איך געדאַרפט אַנטלויפן צום שיפל; דאָן האָבן מיר געזאָלט אָפּפאָרן ווי־ווייט־מעגלעך ווייטער, ווייל דער אויפרייס האָט געקענט אַרומנעמען אַ גרעסערן שטח.

— גיי, מיין קינד, — האָט דער פעטער געזאָגט — און קום גלייך צוריק.

— זייט רויק, — האָב איך געזאָגט — איך קום גלייך.

כ׳האָב זיך געלאָזט גיין צום קאָרידאָר. כ׳האָב אָנגעצונדן

דעם לאַנט. דער פּראָפעסאָר האָט געהאַלטן זיין כראָנאָמעטער אין האַנט.

— ביסט פאַרטיק? — האָט ער אויסגעשריען.

— פאַרטיק! — האָב איך געענטפערט.

— קום-זשע וואָס-גיכער צוריק.

איך בין אַנטלאָפן צום ברעג און געבליבן שטיין ביי די פליטן.

זשאַן האָט מיט אַ שטאַרקן שטויס אָפגעשטעפּט אונזער שיפל פון ברעג, און מיר האָבן זיך געפונען אויפן ים. דאָס איז געווען אַ שרעקלעך-אומרויקער מאָמענט. דער פעטער האָט כסדר געקוקט אויף דער נאָדל פונם כראָנאָמעטער.

— נאָך פינף מינוט! — האָט ער געזאָגט — נאָך פיר נאָך דריי!

מיין דופק האָט געקלאַפּט צוויי מאָל אין אַ סעקונדע.

— נאָך צוויי! איינע... צעפּאַלט, פעלזן!

וואָס איז דעמאָלט געשען? קיין הילך האָב איך, דאַכט זיך, נישט געהערט. אָבער די פעלזן-מאַסן האָבן זיך מיטאַמאָל איינגעשרומפּן פאַר מיינע אויגן: זיי האָבן זיך אויפגעעפנט פאַר מיר, ווי אַ טויער.

כ'האָב דערזען אַן אומגעהייערן תהום, וואָס האָט געהאַט איבער זיך אָן אַ שיעור שפּאַלטן. דער ים, וואָס איז האַסטיק אויפגעטרייסלט געוואָרן, האָט אויסגעזען ווי איין ריזיקע כוואַליע און אויף זיין אויבערפלאַך האָט זיך אונזער שיפל געטראָגן אין אַ ווערטיקאַלער פּאָזיציע.

מיר האָבן זיך אַלע דריי איבערגעקערט. אין אַ ווײַלע אַרום איז געוואָרן שטאָק-פינסטער. לסוף האָב איך דערשפּירט, אַז איך האָב נישט קיין שטיצפּונקט אונטער די פיס. כ'האָב געוואָלט זאָגן עפּעס צום פעטער, אָבער דער הילך פונם וואַסער האָט מיר נישט געלאָזט הערן קיין איין וואָרט. הינטער דעם פעלז, וואָס איז אויפגעריסן געוואָרן, איז געווען אַן אָפּ-גרונט.

דער אויפרייס האָט אַרויסגערופן אַ מין ערד־ציטערניש אין דעמדאָזיקן באָדן, וואָס איז פול געווען מיט לעכער. דער אָפּגרונט האָט זיך אויפגעעפנט, און דער ים, וואָס איז פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ שטראָם, האָט אונז אַריינגעצויגן אין דערדאָזיקער ענדלאָזער עפּענונג.

כ׳האָב געפילט, אַז מיר זענען פאַרלוירענע.

אַזוי זענען פאַרביי אַ פּאָר שעה. מיר האָבן זיך אָנגע־נומען פאַר די הענט און זיך פאַרצווייפלטערהייט אָנגעהאַלטן אָן די פּליטן, כדי דורך די כוואַליעס נישט אַריינגעשליידערט צו ווערן אין דערדאָזיקער טיפעניש.

עס האָט זיך דערהערט אַ שרעקלעכער טראַסק, בעת די ווענט פון דער גאַלעריע זענען געפאַלן.

אַזוי־אַרום האָט זיך געעפנט פאַר אונז סאַקנוסעמס וועג.

נאָר אָנשטאָט צו מאַכן אַ וועג פאַר אונז, האָבן מיר מיטגעשלעפּט מיט זיך דעם גאַנצן ים.

טרויעריקע געדאַנקען זענען געבוירן געוואָרן אין מיין מוח.

אַרום איז געווען שטאָק־פינסטער, ווייל אונזער עלעקטרי־שער אַפּאַראַט איז צוליב דעם האַסטיקן פאַל צעבראָכן געוואָרן אויף פיצלעך. ווען אָנצינדן אַ האָלאָוועשקע אין אַזעלכע אומ־שטענדן האָט קיין שום רייד נישט געקענט זיין: דער ווינט האָט מוראדיק געווייעט, ווי עמעצער וואָלט אונז מיט אַ בייטש געשמיסן איבערן פּנים.

איך בין געווען שטאַרק פאַרחידושט, בעת איך האָב דער־זען פאַר זיך מיטאַמאָל אַ שיין.

דער געשיקטער וועג־ווייזער האָט ווי־עס־איז אָנגעצונדן אַ לאַמטערן, און ווי־נאָר דאָס ליכט האָט אַ פלאַם געטאָן אין זשאַנס הענט, האָט מען געקענט אָבסערווירן די אָפּגרונטיקייט פון אַרום.

דער קאָרידאָר, וועלכן דער פעלז האָט איצט אויפגעעפנט, איז געווען זייער אַ ברייטער.

דאָס קאַרגע ליכט האָט אונז נישט דערלויבט גלייך צו

דערזען דידאָזיקע וועגט, וואָס האָבן זיך פּאַר אונז געעפנט.

דער וואַסער־שטראָם, וואָס האָט אונז מיטגעריסן, איז גע־ווען ענלעך צו יענע וואַסערפאַלן, וועלכע מ׳קען מערקן בלויז אין אַמעריקע.

מיר זענען געפלויגן אַזוי שנעל, אַז מ׳וואָלט געקענט מיינען — דאָס שיפל מאַכט אַדורך דרייסיק מייל אין אַ שעה.

דער פעטער און איך, צוגעטוליעט צום מאַסטבוים, האָבן אומבאַוועגלעך געקוקט אין דער ווייט.

מיר האָבן זיך אויסגעדרייט צום ווינט מיטן רוקן, כדי נישט דערשטיקט צו ווערן פונם וויכער.

דערווייל זענען די שעהן געלאָפן. די לאַגע האָט זיך לחלוטין נישט געענדערט. בלויז איין אומשטאַנד האָט נאָך פאַר־ערגערט אונזער גרויזאַמע לאַגע.

אַרומקוקנדיק זיך אַרום, האָב איך באַמערקט, אַז דער גרעסטער טייל זאַכן איז נעלם געוואָרן בעת דער ים־פאַרפלייצונג. צום שטאַרקסטן האָט מיך אינטערעסירט, צי זענען אונז געבליבן די פעקלעך מיטן שפּייז און די מכשירים. נישטערנדיק מיט דער האַנט אויפן דנאָ, האָב איך דערטאַפּט דעם כראָנאָ־מעטער און דעם קאָמפּאַס.

נישט קיין שטיקל שטאַבע, נישט קיין גראָב־אייזן, נישט קיין האַמער, און וואָס עס איז צום ערגסטן — קיין שפּייז אַפילו אויף אַ טאָג. כ׳האָב גענישטערט אין שיפל אומעטום, אין אַלע ווינקעלעך — גאָרנישט!

עס איז בלויז איבערגעבליבן אַ שטיקל טרוקן פלייש און עטלעכע סוכאַרעס!

כ׳האָב געקוקט דערויף מיט אַ דערשראָקענעם, פאַרשטיי־נערטן בליק. כ׳האָב עס נישט געקענט תּופס זיין.

אָבער אין דעם מאָמענט האָב איך מיר אַ טראַכט געטאָן: צוואָס זיין פאַרצווייפלט? סיי־ווי־סיי וועט דאָך אונז אין דעמ־דאָזיקן אָפּגרונט דער טויט נישט מיידן — וואָס־זשע טויג מיר שפּייז?

אָבער נאָך דידאָזיקע פּאַרצווייפלטע רעיונות, זענען מיר געקומען אין קאָפּ אַריין אַנדערע, האָפענונגספולע: און אפשר וועלן מיר זיך אַרויסקריגן פון געפאַר?

עס טרעפט דאָך, אַז אין דער לעצטער רגע קומט די ישועה! אָבער אַ הונגער-טויט איז דאָך אומפאַרמיידלעך!

מיר איז איינגעפאַלן, אַז איך וואָלט מיך געדאַרפט טיילן מיטן פעטער מיט דערדאָזיקער ידיעה; כ'האָב אָבער געחוזרט. כ'האָב געוואָלט, ער זאָל בלייבן ביים מוט.

מיטאַמאָל האָט דאָס ליכט פונם לאַמטערן גענומען מיגען און איז אומגעריכט אויסגעגאַנגען.

דער קנויט האָט זיך דערברענט ביזן סוף. אַ חושך האָט באַדעקט אַלץ אַרום, אַ געדיכטער, אַ האָפענונגסלאָזער.

מיר האָבן פאַרמאָגט בלויז איין האָלאָוועשקע; מען האָט זי אָבער נישט געקענט לאָזן ברענען, ווייל זי איז צוליבן ווינט באַלד אויסגעגאַנגען.

אין אַ געוויסער צייט אַרום האָט זיך די שנעלקייט פון אונזער שיפל פאַרטאָפּלט. כ'האָב דערפילט, ווי דער ווינט שמייסט מיך איבערן פנים.

דער וואַסער-שטראָם איז געוואָרן אומגעהייער מעכטיק. איך בין געווען זיכער, אַז מיר וועלן זיך פון דער פאַרפליי-צונג נישט אַרויסקריגן. מיר זענען אומגעפאַלן.

דעם פעטערס האַנט און אויך דעם איסלענדערס האָבן מיך פאַרצווייפלט געהאַלטן פאַרן אָרעם.

אין אַ ווייל̈ע אַרום האָב איך געפילט אַן אויפטרייסלונג. דאָס שיפל איז פלוצלונג שטיין געבליבן.

אַ וואַסער-כוואַליע האָט מיך אַ זעץ געטאָן און געשטיקט. איך האָב זיך געטרונקען...

אָבער די באָד האָט נישט לאַנג געדויערט. אין עטלעכע רגעס אַרום האָב איך זיך ווידער געפונען אויף דער פרישער לופט, וועלכע איך האָב מיט פולע לונגען אַריינגעאָטעמט.

דער פעטער און זשאַן האָבן איך האַסטיק געהאַלטן, און דאָס שיפל האָט אונז אָן אויפהער געטראָגן.

### קאַפּיטל צווייאונפערציק

## דאָס שיפל שווימט באַרג-אַרויף מיט דער לאַווע. די רייזנדע אין דער טיפעניש פון אַ ווולקאַן.

איך גלויב, אַז עס איז דעמאָלט געווען אַ זייגער צען אין אָוונט.

אַרום איז געווען שטיל; בלויז דער שטילער געמורמל אין די אויערן האָט אויך איצט נישט אויפגעהערט.

לסוף האָב איך דערהערט דעם פעטערס ווערטער:

— מיר שטייגן באַרג-אַרויף!

— ס'טייטש?

— יאָ, אונזער שיפל שווימט באַרג-אַרויף.

כ'האָב אויסגעצויגן די האַנט, אָנגערירט די מויערן פון דער גאַלעריע — מיין האַנט איז געווען פאַרבלוטיקט.

מיר האָבן געשוועבט באַרג-אַרויף מיט אַן אומגעהייערער שנעלקייט.

— דעם שטורקאַץ! דעם שטורקאַץ! — האָט דער פּראָפעסאָר געשריען.

זשאַן האָט מיט גרויס מאַטערניש אָנגעצונדן דעם שטורקאַץ, וועלכער האָט, נישט געקוקט אויפן שטאַרקן ווינט, געגעבן גענוג ליכט, אַז מיר זאָלן זען, וואָס אַרום אונז טוט זיך.

— אַזוי איז עס טאַקע, ווי איך האָב געמיינט — האָט זיך מיין פעטער אָנגערופן. — מיר געפינען זיך אין עפּעס אַ

בריי̇טן ברונעם, וואָס האָט אַ פּיר וויאַרסט אין אומפאַנג. דאָס וואַסער איז אַרויס פון אָפּגרונט אַרויס און נעמט־אָן זיין גע־הײנלעכע פלאַך, מיטשלעפנדיק אונז אינדערהויך.

— ווּהין ?

— דאָס ווייס איך נישט געווי, מען מוז אָבער זיינגרייט אויף אַלץ. מיר פליצן מיט אַ שנעלקייט פון דריטהאַלבן מייל אַ שעה.

— יאָ, מיר קענען צעקלאַפּט ווערן ביים אַרויסגאַנג פון אָט דעם ברונעם.

— אַקסעל, — האָט דער פעטער דערויף געענטפערט — די לאַגע איז פּשוט אַ פאַרצווייפלטע; עס זענען דאָ אָבער אויסזיכטן גערעטעוועט צו ווערן. אויב מיר קענען אַ ליאַדע רגע אומקומען, קענען מיר אָבער אויך אַ ליאַדע מינוט געראַ־טעוועט ווערן. לאָמיר אויסנוצן די מינדסטע געלעגנהייט.

— וואָס־זשע טוט מען ?

— פאַרשטאַרקן די כּוחות מיט עפּעס עסן.

דאָ האָב איך טרויעריק אַ קוק געטאָן אויפן פעטער. דאָס, וואָס איך האָב בשום־אופן נישט געוואָלט זאָגן פריער, בין איך געווען געצוווּנגען אויסצוזאָגן אַצינד.

— עסן ? — האָב איך געפרעגט.

— יאָ, אומבאַדינגט.

דער פּראָפעסאָר האָט געזאָגט עפּעס אויף דעניש צום וועג־ווייזער, וועלכער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— וואָס ? ! — האָט דער פעטער אויסגעשריען — נישטאָ קיין שפּייז ?..

— אָט דאָס איז פאַרבליבן פון אונזער שפּייז: אַ שטיקל פלייש פאַר דריי פערזאָן.

דער פעטער האָט מיך אָנגעקוקט, גלייך ער וואָלט נישט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, וואָס דאָ קומט פאָר.

— צי מיינסט, אַלזאָ, דער פעטער, אַצינד אויך, אַז מיר קענען זיך ראַטעווען ?

מיין פראַגע איז געפּליבן אָן ענטפער.

ס'איז פאַרביי אַ שעה. כ'האָב גענומען פילן אַ שטאַרקן הונגער, מיינע חברים האָבן אויך געליטן, אָבער קיינער האָט נישט אָנגערירט דאָס לעצטע שטיקל שפּייז.

מיר זענען אַלץ געפלויגן מיט אַ ריזיקער שנעלקייט. מאָמענטנווייז האָט אונז דער וויכער פאַרהאַקט דעם אָטעם. די היץ איז דערגאַנגען צו פערציק גראַד.

— וואָס באַדייט דידאָזיקע האַסטיקע ענדערונג?

— ביז איצט האָבן מיר געהאַט אַ מעסיקע טעמפּעראַטור, איצט פאָרן מיר צו, אַפּנים, צו אַן אָרט, וווּ די פעלזן זענען אויך געווען אין אַ פליסיקן צושטאַנד.

כ'האָב מורא געהאַט, מיר זאָלן נישט אַריינפאַלן אין סאַמע פייער און כ'האָב זיך פאַרטרויט פאַרן פעטער.

— אויב מיר וועלן נישט אויסגיין פון הונגער אָדער נישט דערטרונקען ווערן, האָבן מיר אויף יעדן פאַל די ברירה פאַרברענט צו ווערן לעבעדיקערהייט.

דער פעטער האָט בלויז געהויבן מיט די אַקסלען און איז באַלד ווידער פאַרזונקען געוואָרן אין רעיונות.

עס איז ווידער פאַרביי אַ שעה — אָן שום שינויים.

לסוף האָט דער פעטער איבערגעריסן דאָס שטילשווייגן:

— מען מוז זיך קרעפטיקן.

— קרעפטיקן?

— יאָ, מען מוז שטאַרקן די כוחות. אויב עס וועט זיך מאַכן אַ געלעגנהייט צו ראַטעווען, דאַרף מען האָבן דערצו גענוג כוחות.

— פעטער, וואָס באַדייט דען, משטיינס געזאָגט, אַ קליין שטיקל פלייש?

— גאָרנישט, אַקסעל, גאָרנישט טאַקע. אָבער, צי וועט דיר זיין בעסער צו קוקן דערויף? דו ביסט, ווי אַ מענטש מיט אַ שוואַכן ווילן, אָן ענערגיע.

— און דער פעטער איז דען נישט פאַרצווייפלט?

— ניין! — האָט דער פּראָפעסאָר פעסט געענטפערט.

— ס'טייטש? דער פעטער גלויבט נאָך אין אַ ישועה?

— יאָ! איך גלויב, כּל-זמן איך אָטעם נאָך, כּל-זמן עס קלאַפּט נאָך מיין דופק. אַ מענטש, וואָס פאַרמאָגט ווילן, איז נישט פאַרצווייפלט!

ס'אַראַ ווערטער! דער מענטש, וואָס האָט זיי אַרויסגעזאָגט, איז באמת געווען אַ זעלטנהייט!

— איז וואָס-זשע טוט מען, פעטער?

— מען דאַרף אויפעסן דעם לעצטן ביסן ביזן לעצטן קריי־שעלע און אַזוי-אַרום שטאַרקן די כּוחות. דאָס וועט זיין אפשר אונזער לעצטע סעודה... לאָז זיין! אָבער ווייניקסטנס וועלן מיר זיך פילן ווי אַ מענטשן, אָנשטאָט צו זיין אויסגעשעפּט.

— לאָמיר-זשע עסן! — האָב איך אויסגעשריען.

דער פעטער האָט גענומען דאָס שטיקל פלייש מיט די עט־לעכע סוכאַרעס און עס צעטיילט אויף דריי גלייכע חלקים.

מיר האָבן אויפגעגעסן צו פונט פלייש מיט סוכאַרעס.

דער פּראָפעסאָר האָט געגעסן גיריק, מיט אַ מין היציקער איילעניש; איך — מיט ווידערווילן, נישט געקוקט אויפן הונגער. אונזער וועג-ווייזער האָט געגעסן רויק, סיסטעמאַטיש, שטיקלעכ־ווייז, מיט דער רויקייט פון אַ מענטשן, וואָס האָט נישט קיין שום קאָפּ-דרייעניש.

ער האָט געפונען נאָך אַ האַלב פלעשל ווייַן. דערדאָזיקער פייערער טרונק האָט מיך אַ ביסל אָפּגעפרישט און אַריינגעזאָגן בטחון אין מיין האַרצן.

— אויסגעצייכנט! — האָט זיך אָנגערופן זשאַן.

— פּראַכטפול! — האָט דער פעטער באַשטעטיקט.

עס איז געווען אַ זייגער פינף פאַרטאָג. די שרעקלעכע הונגער האָט זיך וואָס-אַמאָל פאַרשטאַרקט, און איך האָב זיך גע־פילט ווי אין אַ גלי-אויוון.

— צי פאַלן מיר אַריין אין פייער? — האָב איך אויס־

נעשריען אין אַ געוויסן מאָמענט, בעת די היץ איז געוואָרן פּשוט אומדערטרעגלעך.

— ווי קומט! — האָט דער פעטער געענטפערט — ס'איז דאָך אוממעגלעך.

— און דאָך — האָב איך געזאָגט, אָנרירנדיק די ווענט — די ווענט זענען צעגליט!

כ'האָב אָנגערירט מיט דער האַנט דאָס וואַסער — און געמוזט זי צוריקכאַפּן.

— דאָס וואַסער איז קאָכעדיק! — האָב איך אויסגערופן.

דער פעטער האָט געענטפערט דעריף מיט אַ בייזן זשעסט. דאָך האָבן אַלע סימפּטאָמען באַשטעטיקט מיין השערה.

כ'האָב געפילט, אַז אַ ליאַדע רגע וועט זיך די ערד אַ טרייסל טאָן, ביידע גראַניט-ווענט וועלן זיך באַהעפטן, און מיר וועלן צעקוועטשט ווערן אויף טויט אין דעמדאָזיקן קאָרידאָר.

Jur 1090

## קאַפּיטל דרייאונפערציק

# די ווייטערדיקע רייזע איבער דער לאַווע. די היץ ברענגט אונז צו חלשות.

כ'האָב אַ קוק געטאָן אויפן קאָמפּאַס. די מאַגנעט-נאָדל איז געפלויגן, ווי אַ משוגענע, רונד-אַרום, בייטנדיק כסדר איר ריכטונג.

— פּעטער! פּעטער! — האָב איך אויסגערופן — מיר זענען פאַרלוירן!

— וואָס איז ווידער? — האָט ער רויִק גערעגט. — וואָס איז געשען?

— וואָס איז געשען? די ווענט ציטערן, די היץ דער-גייט ביז משוגעת, דאָס וואַסער זידט, די פּאַרע ווערט גע-דיכטער, די נאָדל אין קאָמפּאַס — אַלץ זאָגט עדות, אַז עס דער-נענטערט זיך אַן ערד-ציטערניש.

דער פּעטער האָט געלאַסן אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ.

אַן ערד-ציטערניש, זאָגסטו? — האָט ער איבערגע-פרעגט.

— יאָ!

— דאַכט זיך, אַז דו ביסט זיך טועה, מיין קינד.

— ס'טייטש? דער פּעטער זעט דען נישט אַלע סימנים?

— פון אַן ערד-ציטערניש? ניין! איך וואַרט אויף עפּעס אַנדערש.

— וואָס מיינט דער פּעטער צו זאָגן?

— אַן אויסברוך!

— צי געפינען מיר זיך אינם קוימען פון אַן אַקטיוון וווּלקאַן?

— איך רעכן אַזוי — האָט דער פעטער מיט אַ שמייכל געזאָגט — און דאָס וואָלט געווען פאַר אונז פשוט אַ גליק!

אַ גליק? צי איז דער פעטער געווירט פון זינען? וואָס באַדייט עס? מיט וואָס זאָל איך דערקלערן זיין שמייכל און זיין מאָדנע רויקייט?

— ס'טייטש! — האָב איך אויסגעשריען — מיר געפינען זיך אויפן אָרט פונם אויסברוך! דער פאַטאַלער גורל האָט אונז אַ שליידער געטאָן אויפן וועג פון צעברענטער לאַווע, פעלזן מיט פייער, זידנדיק וואַסער! מיר וועלן אַרויסגעשליידערט ווערן, מיטגעריסן מיט די שטיינער און אַ רעגן פון אַש און פלאַמען! און דאָס הייסט: אַ גליק?

— יאָ, — האָט דער פּראָפעסאָר געענטפערט — ווייל דאָס איז דער איינציקער אויסוועג זיך אַרויסצוקריגן אויף דער אויבערפלאַך פון דער ערד!

ענדלעך האָב איך פאַרשטאַנען! דער פעטער איז געווען גערעכט...

מיטאַמאָל האָט עס אונז, צוזאַמען מיטן שיפל, אַ שליי־דער געטאָן אינדערהויך.

אונטערן שיפל האָט געזידט דאָס וואַסער, און אונטן די לאַווע...

מיר האָבן זיך געפונען אינם קוימען פון אַ וווּלקאַן. עס איז שוין געווען אויסער יעדן ספק.

אָבער דאָס מאָל האָבן מיר זיך, אַנשטאָט אינם סנעפעלס־קוימען, געפונען אינם קוימען פון אַ טעטיקן וווּלקאַן.

איך האָב געפרעגט ביי זיך אַליין, וואָס פאַר אַ וווּלקאַן דאָס איז און ווו געפינען מיר זיך, אייגנטלעך?

וועגן דרום האָט קיין רייד נישט געקענט זיין.

צי געפינען מיר זיך, ווי דער קאָמפּאַס ווייזט, אונטער

איסלאַנד? און אפשר ווערן מיר אַרויסגעשליידערט דורך דעם ווולקאַן העקלאַ?

פרימאָרגנס האָט זיך די שטויס-קראַפט פאַרגרעסערט. דער מוראדיקער כּוח האָט אונז געשטופּט צו דער לאַך פון קראַטער, ווייזט אויס, — במילא צו אַ שרעקלעכער געפאַר.

די טעמפּעראַטור איז געוואָרן אומדערטרעגלעך. זיבעציק גראַד היץ! דער שווייס האָט טראָפּנווייז גערונען איבער אונ־זערע פּנימער. מיר האָבן שוין לאַנג אויסגעטאָן די קליידער, דאָס האָט אָבער אויך נישט געהאָלפן.

ווען נישט די ריזעדיקע שנעלקייט פון אונזער באַרג-אַרויף-פּלי, וואָלטן מיר זיכער דערשטיקט געוואָרן! דערווייל האָט דער פּראָפעסאָר געראַטן, מיר זאָלן זיך אַלע אַרומבינדן מיט איין שטריק, ווייל עס איז געווען אַ השד, אַז בעת דעם אויסברוך קען עמעצער אַראָפּפאַלן אין דער צעגליטער ערד אַריין.

אַרום אַ זייגער אַכט אינדערפרי איז פאָרגעקומען אַ צו־פאַל. דאָס טרייסלען האָט אויפגעהערט, דאָס שיפל איז גע־בליבן שטיין.

— וואָס איז געשען? — האָב איך געפרעגט.

— אַ סטאַציע — האָט דער פעטער געענטפערט.

— צי הערט-אויף דער אויסברוך?

— איך האָף, אַז נישט — האָט דער פּראָפעסאָר גע־זאָגט.

כ'האָב זיך אויפגעהויבן. כ'האָב זיך אַרומגעקוקט רונד־אַרום, אפשר האָט דאָס שיפל זיך פאַרטשעפּעט אָן אַ פעלז און איז שטיין געבליבן. אָבער ניין. אַ כוואַליע פון אַש, שטיינער און פאַרשידענע מינעראַל-ברוכשטיקער זענען אויך געבליבן שטיין אינדערלופטן.

— צי האָט אויפגעהערט דער אויסברוך? — האָב איך אויסגעשריען.

— אַך, — האָט דער פעטער מיט פאַרביסענע ליפּן גע־

ענטפערט, — דו האָסט מורא, מיין טייערער, אָבער זיי זיכער, אַז דידאַזיקע שטילקייט וועט לאַנג נישט אָנהאַלטן. זי דויערט שוין אַ מינוט פינף און וועט זיך באַלד ווידער אַ הויב טאָן איבערהויך.

באמת, דאָס שפּיל האָט זיך ווידער גענומען הויבן איבער די לאַווע־כוואַליעס אינדערהויך.

גוט, — האָט דער פעטער געזאָגט — באַלד וועלן מיר ווידער בלייבן שטיין. דאָס איז אַ ווולקאַן, וואָס רייסט נישט אויף מיטאַמאָל, נאָר מיט הפסקות.

וויפיל מאָל מיר זענען שטיין געבליבן, האָב איך גענוי נישט געקענט באַרעכענען; איך ווייס בלויז, אַז פאַר יעדעס מאָל, נאָך אַ צען־מינוטיקער הפסקה, האָבן מיר זיך ווידער מיט אַ ריזיקער קראַפט אַ הויב געטאָן אינדערהויך.

נאָך אַזאַ מין שליידער בין איך פאַרחלשט געוואָרן, און ווען נישט דעם איסלענדערס באַשיצנדיקער אָרעם, וואָלט איך מיר צעטראַסקעט דעם שאַרבן אָן דער פעלזן־וואַנט פונם קוימען.

איך געדענק שוין נישט, וואָס עס איז געווען שפּעטער. איך ווייס בלויז, אַז אונזער פאַנטאַסטישער דאַמפער איז געשוואומען איבער די לאַווע־כוואַליעס, אינמיטן אַ רעגן פון אַש און פון פלאַמען.

די לעצטע זאַך, וועלכע איך האָב געזען, איז געווען זשאַנס געשטאַלט אינם גלאַנץ פון דער שרפה; און איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז מיר זענען צוגעבונדן צו דער לאָך פון אַ האַרמאַט און אַז באַלד וועלן אונזערע אברים צעבריזגעט ווערן אויף אַלע זייטן.

# קאַפּיטל פיראונפערציק

# אויפן באַרג-שפּיץ. אַרויסגעוואָרפן דורך לאַווע אויף דער ערד.

ווען איך האָב געעפנט די אויגן, האָב איך דערשפּירט, אַז עס האַלטן מיך אונטער די הענט פון זשאַן און דעם פעטער.

איך בין נישט געווען פאַרווונדערט, נאָר שטאַרק צעבויקערט פונם אויסברוך, וועלכער האָט מיך אַרויסגעשליידערט אויפן ברעג פון אַן אָפענעם אָפּגרונט.

— ווו זענען מיר? — האָט דער פעטער געפרעגט, גלייך ווי ער וואָלט בייז געווען, וואָס מיר האָבן זיך צוריקגעקערט אויף דער ערד. — צי זענען מיר אין איסלאַנד?

— ניין! — האָט דער וועג-ווייזער געענטפערט.

איך האָב אויך דערין געצווייפלט. דער קאָמפּאַס האָט געוויזן די צפון-זייט; איך האָב זיך געריכט צו זען ווייטע שנייען, אַ פּאָלאַר-הימל, — דערוויל זענען מיר גאָר געלעגן אויף דער זון.

— גיב אַ קוק, אַקסעל, זע! — האָט דער פּראָפעסאָר אויסגערופן.

כ'האָב אַ קוק געטאָן. אַ ווולקאַן האָט אַרויסגעשפּיגן פון קראַטער אַרויס פלאַמען, און ווייטער האָט זיך געצויגן אַ פּראַכט-פולער פרוכט-גאָרטן, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ קויש פון אייל-ביימער, פייגן און וויינטרויבן. דאָס איז נישט געווען קיין אָנבליק פון אַ צפון-לאַנד.

ווייטער האָבן מיר דערזען אַ ווונדערבאַרן ים, דערנאָך אַ פּאָרט, עטלעכע הייזער, אינזעלעך, אויפן ים שיפן, און איבער דעם אַלעם אַ ווונדערבאַרן לאַזור-לויטערן הימל.

— ווּ זענען מיר? — האָב איך אָן אויפהער איבערגעחזרט.

— דערווייל לאָמיר אַראָפּגיין — האָט דער פּראָפעסאָר געזאָגט — איך גיי אויס פון הונגער און דורשט.

מיר זענען אַראָפּגעגאַנגען איבער די משופּעדיקע בערג-רוקנס, אויסמיידנדיק קליינע לאַווע-כוואַליעס און טיפע לעכער.

— מיר זענען געוויס אין אַזיע! — האָב איך אויסגערופן.

— אויף די אינדישע ברעגעס, ביי די מאַלאַישע אינזלען.

— און דער קאָמפּאַס?

— אַך, דער קאָמפּאַס! — האָב איך געענטפערט. — אמת!

דערווייל האָבן מיר זיך דערנענטערט צו די גערטנער, מיט וועלכע מיר האָבן זיך אַזוי אויבן אַנטציקט. הונגער און דורשט האָבן אונז שטאַרק געפּייניקט.

נאָך אַ צוויי-שעהדיקן גאַנג האָבן מיר דערזען אַ וואונדער-באַר דערפל אינגאַנצן אַרומגערינגלט מיט אייל-ביימער, גראַנאַטן און וויינטרויבן, וואָס האָבן, אַפּנים, געהערט צו אַלעמען.

וואָס פאַר אַ נחת דאָס איז געווען צו עסן די פּרעכטיקע פּירות און אַרויסצוזויגן דעם זאַפט פון די וויינטרויבן! דערנאָך האָב איך אַנטדעקט אַ קוואַל מיט אויסגעצייכנטן וואַסער, ווּ מיר האָבן זיך אַפילו אויסגעבאָדן.

בעת מיר האָבן גערוט, האָבן מיר דערזען אַן אָרעם-גע-קליידט ייִנגל, און מיר האָבן באַשלאָסן צו פרעגן ביים ייִנגל, ווּ מיר געפינען זיך. דאָס קינד האָט, דערזעענדיק אונז, מורא גע-קראָגן און געמאַכט פיס.

מיר האָבן געשריגן צו אים אויף דייטש, פראַנצויזיש און לסוף איטאַליעניש, — נאָר ער האָט נישט געענטפערט.

דעמאָלט איז דער פעטער געפאַלן אויף אַ המצאה. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס ייִנגל פאַרן אויער און אויף איטאַליעניש אַ געשריי געטאָן:

— ווי הייסט די געגנט?

— סטראָמבאָלי! — האָט דאָס ייִנגל געענטפערט און גענו-מען לויפן מיט אַלע כּוחות.

זענען מיר, הייסט עס, געווען אין איטאַליע! ס'אַראַ שיינע נסיעה פון איסלאַנד קיין-איטאַליע! אָהער דער פאַרעטצרישער קאָמפּאַס...

— עס איז גאַנץ פאַרשטענדלעך — האָב איך געזאָגט. — בעת דער אויפטרייסלונג האָט זיך די נאָדל אַ קער געטאָן צו צפון, דאָס הייסט, דער קאָמפּאַס איז פּשוט קאַליע געוואָרן.

אין אַ שעה אַרום זענען מיר צוגעקומען צום פּאָרט סאַן-וויטשענציאָ.

## קאַפּיטל פינפאונפערציק

# אין סטראָמבאָלי. דער צוריקקער אַהיים. די רום פון די רייזנדע.

ביים שלוס פון אונזער דערציילונג מוזן מיר צוגעבן, אַז מיר זענען מיט גרויס גאַסטפריינדלעכקייט אויפגענומען געוואָרן דורך די סטראָמבאָליער פישער, ווי אומגליקלעכע גאַנץ-געבליבענע פון אַ שיף-קאַטאַסטראָפע. מיר האָבן זיי נישט געזאָגט, אַז מיר זענען געווען אונטער דער ערד, נאָר אַז דער ים האָט אויסגעשפּיגן, אַז נישט וואָלטן זיי אונז געהאַלטן פאַר משוגעים.

אין אַכטאונפערציק שעה אַרום, דעם 31-טן אויגוסט, באַזאָרגט מיט שפּייז און גוט אָנגעטאָן, זענען מיר אַרויף אויף אַ שיף, וואָס האָט אונז אָפּגעפירט קיין מעסינע, און פון דאָרטן, נאָך אָן אָפּרו, קיין מאַרסיליע.

דעם 9-טן סעפּטעמבער זענען מיר אָנגעקומען קיין האַמבורג.

ווי גרויס עס איז געווען די פרייד פון מאַרטע און מאַרגעריט — איז שווער צו באַשרייבן.

— איצט ווען דו ביסט שוין אַ העלד — האָט מיר געזאָגט מיין טייערע כּלה — דאַרפסטו מיך שוין מער נישט פאַרלאָזן, אַקסעל.

כ׳האָב זי אָנגעקוקט. זי האָט געשמייכלט דורך טרערן.

אַ דאַנק דער פּלאַפּלערקע מאַרטע, האָט זיך גלייך פאַר־שפּרייט די ידיעה, אַז מיר זענען געווען אונטער דער ערד.

מען האָט נישט געוואָלט גלויבן, אָבער זשאַנס קעגנוואַרט בעת אונזער רייזע און אויך פאַרשידענע ידיעות פון איסלאַנד האָבן פאַר דער עפנטלעכער מיינונג באַשטעטיקט, אַז דאָס איז אמת.

דעמאָלט איז מיין פעטער געוואָרן אַ גרויסער מענטש.

האַמבורג האָט לכבוד אונז געפּראַוועט אַ פּראַכפולע סעודה.

עס איז פאָרגעקומען אַ זיצונג אין יאָהאַנעום, ווו דער פּראָפעסאָר האָט דערציילט וועגן אונזער נסיעה, דערנאָך האָט ער איבערגעענטפערט דעם קהלשן אַרכיוו סאַקנוסעמס דאָקומענט.

דער דאָזיקער גרויסער כבוד און רום האָט אַרויסגערופן קנאה צווישן די געלערנטע.

אַסאַך האָבן זיך אַקעגנגעשטעלט דעם פעטער, אָבער ער האָט אַרויסגעגעבן אַ בוך, אין וועלכן ער האָט אויפגעוויזן דעם אמת פון זיינע ווערטער.

זשאַן האָט זיך, צו אונזער גרויסן צער, פאַרבענקט נאָך איסלאַנד, און זאָגנדיק איינמאָל „אַ גוטן טאָג" — איז ער אַוועק־געפאָרן.

די רום פון פּראָפעסאָר לידענבראָק איז פאַרשטערט גע־וואָרן בלויז דורך איין זאַך: פאַרוואָס האָט דער קאָמפּאַס גע־וויזן צפון און געפירט צו דרום.

אָבער אויך די דאָזיקע דאגה איז באַזייטיקט געוואָרן. איינ־מאָל האָב איך באַמערקט, אַז אונזער קאָמפּאַס ווייזט אויף דרום. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז די פייער־קויל האָט, בעת דעם שטו־רעם אויפן ים, קאַליע געמאַכט דעם אינסטרומענט.

זינט יענער צייט איז דער פעטער געווען פולשטענדיק גליקלעך, און איך אויך, ווייל מאַרגעריט איז געוואָרן די באַלע־באָסטע פון הויז, ווי דעם פּראָפעסאָרס שוועסטער־טאָכטער און אויך — ווי מיין טייערער ווייבל